STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04096

ERTSEHLUNGEN

Bjornstjerne Bjornson

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

B. Björnson

ביערנסטיערנע ביערנסאָ.

ערצעהלונגען.

איבערזעצט פֿון א. פרומקין.

אַרויסגעגעבען פֿון ל. פֿרידמאַן,

לאָנדאָן, 1909.

„אַרביימער פֿריינד" דרוקעריי, 163 דזשובילי סמ., א.

אינהאלט.

	זייטע
דער מוטער'ס הענד	5
דאָס אָדלער-נעסט	53
אַ מיאוס'ע ערינערונג פון די קינדער-יאָהרען	59
דער פאָטער	75
אַ לעבענס-רעטעניש	83
שטויב	101

דער מוטערס הענר.

צוויי בילדער.

.1

אַ שאַרפֿעס גערויש פֿון שווערדען האָט אָבגעקלונגען פֿון דעם הויכען גלעזערנעם דאַך איבער דעם טרעפּען-גאַנג פֿון וואָקזאַל, אַ שטאָהל-קלאַנג האָט זיך אויסגעמישט מיט דעם סאָפּען פֿון'ם דאַמפּף; הויכער געלעכטער און געשפּרעך אין אַ געדיכטען, טעמפּען גערויש פֿון וועגען, פֿערד און סחורות, וועלכע מען האָט געהאַלטען אין איין לאָדען.

יעדעס מאָל, ווען נייע מחנות פֿון קאַוואַלעריע-אָפֿיצירען האָבען אויסגעפֿילט די גלעזערנע טהירען, האָט דאָס גערויש פֿון די שווערדען שאַרף דורכגעקלונגען; אויך פֿיעל אַרטילעריע-אָפֿיצירען זיינען געקומען און אַ היבשע צאָהל אינפֿאַנטעריסטען; אַלע האָבען זיי זיך געלאָזט געהן צו דערזעלבער וואַגאָן-טהיר אין דעם צוג, וואו אַ הויך-געוואַקסענע דאַמע אין שוואַרצען אָנגעטהאָן און מיט גרויסע, האַלב אומעטיגע, האַלב בעפֿעהלענדע אויגען איז געשטאַנען און האָט געגריסט. אַ לאַנגזאַמען בויג מיט'ן קאָפּ, און קיינמאָל ניט מעהר. די אָפֿיצירען זיינען דירעקט געקומען פֿון אַ מאַנעוורע אָדער אַ מאַרש, דאָס האָט מען געזעהן. דער קעניג איז געווען אין שטאָדט, אַ פּאָר פֿון זיינע פֿאָרלויפֿער האָבען עס אָנגעצייגט, דאָס הייסט שוועדישע אוניפֿאָרמען. איז ער אַליין געווען דאָ? האָט מען איהם דאָ ערוואַרט? ניין, דאַן וואָלטען ניט די אָפֿיצירען אַליין געווען דאָ. אָבער איז דאָס געווען די דאַמע דאָרט אין דער וואַגאָן-טהיר, וועמען זיי האָבען געזוכט, כדי איהר צו זאָגען פֿאָהרט-געזונד? אַלזאָ די פֿרוי פֿון אַ קאַוואַלעריע-גענעראַל? ניין, אָט די דאָ איז אפשר בלויז אין אַ קליינעם וואַפֿען-מוזעאום, אַרומגעהענדיג מיט פֿערד און מיט פֿערד-מענשען, געוואָרען

דאָס וואָס זי איז געווען. מען האָט זי בלויז מיט עהרפורכט בעגריסט. פערזאַמעלט האָט מען זיך צוליעב אימיצען, וואָס איז געשטאַנען אונטען, און ווען מען האָט קוים געקענט זעהן. מיט אַמאָל האָט אַ פלאַטער געטהאָן אַ ווייסער דאַמען-שלייער און עס האָט זיך בעוויזען אַ דאַמען-האַנד מיט האַנד-שוה בעדעקט; וואָס זשע, ס'איז אַלזאָ דאָך אַ דאַמע, פאַר ווען אָט דער פאַראַד ווערט געמאַכט?

נאָך איז דער שוין פון לאַנג אָן ערוואַרטעטער קריעג מיט רוסלאַנד ניט אויסגעבראָכען; פיליכט וועט ער שפעטער קומען, על כל פנים האָבען זיי נאָך צייט. אַסך פון די דאָזיגע אָפיצירען האָבען געטראָגען מעדאַלען אויף פאָרשוס, אויף רעכנונג פון דער קומענדער מלחמה, הייסט עס. דעם פאָלקאָווניק'ס טאַפפערע ברוסט טראָגט וויניגסטענס אַכט; ער האָט פיעל אָנצוזאָגען אורטהיילענדיג נאָך דעם אָנבליק זייערן — אַזוי די צוויי בכבוד'יגע שווערען מיט די זיסליכע הויף-אויגען — זיינען אַ טהייל פון זיי אויך נישקשה'דיג בלייך; צי האָבען זיי ניט אַקאָרשט אויך וואונדען אויף רעכנונג?

זיי שטראָמען צוזאַמען לעבען דער טהיר פון וואַגאָן. ער איז אַלזאָ ווירקליך צוליעב אַ דאַמע, אָט דער פריעדליכער קריעג מיט שפאַרעניש און דריקעניש, אָט דאָס אונגעדולדיגע אַהין און אַהער, דאָס דאָזיגע שטענדיגע בייטען זיך פון נאַקען- און שולטער-רימענס, אויערן- און באַקען-בערד, אָט דער איינשטימיגער געלעכטער אויף בעפעהל?

איז עס פיליכט אַ פרינצעסין? אָה גאָט, דאַן וואָלטען זיי זיך מיט עהרפורכט געהאַלטען צוריק; אָבער דאָ שפאַרען זיי זיך פאָראויס, שפאַרען זיך פאָראויס, — — ביז וואַנען די גלעזערנע טהירען ווערן פון דאָס ניי פול מיט אוניפאָרמען און שווערדען-קלאַנג (דאָס מאָל אויסשליסליך מיט קאַוואַלעריע), און עס קומט אָן אַ נידעריגער מאַן, זעהר אַלט, אָבער לויטער פריינדליכקייט, בלויז פריינדליכקייט, און ווידער פריינדליכקייט, בעגלייט פון אַ גאַנצען שטאַב עלטערע און יונגערע אָפיצירען. דיסציפלין און הויף-אונטערטהעניגקייט — אין אַ קליינער פריעדענס-אַרמעע זיינען קיינמאָל קיין אַנדערע ווי הויפלייט ניט עולה לגדולה — האָבען זיין געזיכט געמאַכט אַזוי פינקטליך, אַזוי אַקוראַט ווי אַן אַלטע ציפער-טאַפעל. בלויז דאָס איינע, וואָס אויף דעם דאָזיגען געזיכט איז געווען אַ באָרד, וועלכע צוויי געהיימע

שנירלאַך האָבען געצויגען פֿון אונטען אַרויף צום שמייכלען און ווידער אַראָב צום ערנסט-זיין.

איינער האָט אַ געשריי געטהאָן: „פּלאַץ פֿאַר'ן גענעראַל!" — און אין דער רגע איז געוואָרען אַ גרויסע, ברייטע עפֿנונג דורך צוויי גריסענדע האַלב־קוגלען, וועלכע זיינען ווי אויסגעריסען געוואָרען איינע פֿון דער אַנדערער.

אַצונד האָט מען אַריינגעקוקט אין צענטער; ס'איז בעשטאַנען פֿון דאַמען, נאָר פֿאָראויס צווישען זיי איז געשטאַנען אַ הויך-געוואַקסענע, אַ יונגע אין אַ העלען רייזע-קאָסטיום און אַ שטרויענעם הוט; אַ לאַנגער, ווייסער שלייער איז געלעגען לויז דערויף. זי האָט געהאַט פֿולע הענד מיט בלומען, האָט זיי געקראָגען אַלץ מעהר און מעהר, און די דאַמען האָבען זיי איבערגעגעבען דער מוטער אין דער וואַגאָן־טהיר, וועלכע האָט זיי אַוועקגעלייגט אָן אַ זייט. אַצונד האָבען עס אַלע געזעהן: דאָס זיינען געווען מוטער און טאָכטער. איין גרויס, די טאָכטער פֿילייכט נאָך העכער, דיזעלבע אויגען, גרויס און גראָה, אָבער דער אויסדרוק שטאַרק פֿערשיעדען, הגםביידענס אויגען האָבען עפּעס אַזוי ווי געבראַכט אַ שליחות פֿון אַן אינערליכער, ווייטער וועלט. דער מוטער'ס — פֿון דעם פֿערשטענדניס פֿאַר די ווידערשפּרעכונגען און די ליידען פֿון'ם לעבען; דער טאָכטער'ס — פֿון עפּעס פּלאַ־מענדען, אַן אונרוהיגער פֿערלאַנג, אַ שטורם פֿון קרעפֿטען, וועלכע האָבען נאָך קיין ציעל ניט געפֿונען; זיי האָבען געפֿונקעלט פֿאַר טריאומף, אָבער ווען ניט ווען זיינען דורכגעלאָפֿען בליצען פֿון אונ־געדולד דורך זיי.

הויך, שלאַנק, ריהרעוודיג; די בעוועגונגען האָבען געבלישטשעט אין דעם פּלאַם פֿון די דאָזיגע אויגען. די אַנדערע האָבען זי ניט געזעהן מיט די אייגענע, זיי האָבען זי געמוזט זעהן אין'ם גלאַנץ פֿון איהרע אויגען. דאָס ענערגישע געזיכט האָט נאָך די אויגען געהאָלפֿען צו דער דאָזיגער מאַכט איבער די מענשען. דאָס געזיכט פֿון דער מוטער איז געווען אָוואַל מיט ריינע ליניען, אַ ברייטע צייכנונג; דער טאָכטער'ס איז געווען לייגגער און משופּע'דיגער, בעזונדערס דער שטערן, וואָס איז געווען אַרומגערינגעלט מיט די געוואַלטיגע העלע האָאָר. ביי איהר זיינען די ברעמען געגאַנגען גראַד, איהר נאָז איז

געווען קרום, די מאָרדע שטאַרק, די ליפּען זיבער געשניטען. אַ וואַלקירען־שעהנהייט, נאָר אָהן דאָס אַרויספאָדערנדע. די מאַגנעטישע אָנציהונגס־קראַפֿט איז געווען ענטהוזיאַזם, האַסטיגקייט. זי האָט געמאַכט דעם איינדרוק, עפּעס אַזוי ווי זי וואָלט געטראָגען געוואָרען פֿון אונזיכטבאַרע קרעפֿטען; און אַלע, וועלכע זיינען געווען אונטער דעם דאָזיגען איינדרוק, זיינען אויפֿגעהויבען געוואָרען מיט איהר צוזאַמען. זי האָט גערעדט נאָך ביידע זייטען און אין פֿראָנט, זי האָט געגריסט, צוגענומען די בלומען, וואָס מען האָט איהר דערלאַנגט, און געלאַכט; ווער עס האָט זיך צוגעקוקט צו די אַלע בעוועגונגען און איבערגיינג, דעם האָט אַזוי אָנגעהויבען שווינדלען אין די אויגען, אָקוראַט ווי ער וואָלט געקוקט אויף אַ וואַסער־פֿאַל אין זונען־שיין.

דעם אמת זאָגענדיג איז דאָ געווען קאָקעטסטוואָ, אָבער קיין איין טראָפּען אפילו ניט פֿון יענער קאָקעטעריי, וועלכע זוכט זיך אויס איין איינצעלנעם, און יעדעס מאָל אַן אַנדערן. ניט די מינדעסטע נאָטע פֿון וואָס פֿאַר עס איז פֿאַנג-טאָן. אמת טאַקע בעוועגונגען, וועלכע זיינען געווען בעשטימט פֿון דעם פֿערלאַנג צו געפֿעלען, אָבער ניט פֿון קיין אַנדער פֿערלאַנג. דאָס פֿלאַמענדע אין די אויגען איז גראָד געווען אַ שוץ געגען בליקע און ווינשע, וועלכע האָבען אַזוי וואָס אויסגעדריקט; זיי זיינען אָבגעשפּרונגען. קיין שפּור פֿון שוואַכקייט און ווייכקייט אין דעם דאָזיגען אונאויפֿהערליכען אַרויסשטראָמען פֿון געזונד און פֿרייד.

דאָס איז געווען דער גרונד, פֿאַרוואָס עס האָט געצויגען, — צו עהרע פֿון די, וועלכע זיינען דאָרט געווען, מוז דאָס געזאָגט ווערן. קיינער איז ניט געבליבען אויף דרויסען, קיינער איז ניט געווען דער בעזונדערער, דער יחסן. יעדער איינער האָט בעקומען אויף זיין אופֿן.

אָט די איינציג-שטעהענדע בעוואונדערונג און פֿערגעטערונג איז ענטשטאַנען אין פֿערגאַנגענעם אָסיען, ווען דער קאַוואַלעריע-פּאָלקאָווניק (וועלכער איז פֿערהייראַט מיט איהר מוטער'ס שוועסטער) האָט זי מיטגעבראַכט מיט זיך פֿון פּאַריז. דער אייביגער יעגער נאָך מענער־ און פֿרויען־פֿריינדשאַפֿט, וועלכער האָט אַבסאָלוט קיינעם ניט פֿערנאַכלעסיגט, אַחוץ זיין אייגענע פֿרוי, האָט זינט לעצטען הערבסט

ניט געהאַט קיין גרעסערע און וויכטיגערע אויפגאַבע, ווי אַרויסצו־פיהרען זיין שעהנע פלימעניצע פאַר דער געזעלשאַפט. ס'איז געשעהן רייטענדיג אויף'ן פערד ביי איהר זייט, אויף בעלער ביי איהר זייט, אין טהעאַטער, אויף קאָנצערטען ביי איהר זייט; אַהין איז קיין אַנדערער ניט צוגעקומען. ער האָט פון איהר כבוד וועגען אַראַנזשירט רייט־פאַראַדען, און די גאַנצע קאַוואַלעריע איז געווען ווייט אַוועק; ער האָט פון איהר כבוד וועגען בעלער געגעבען, און אַ גוטער טהייל אַנדערע איז געווען אַוועק. ער האָט זי מיטגענומען אויף דעם גרויסען יום טוב פון די אָפיצירען, און די גאַנצע אַרמעע איז געווען אַוועק. אַלס אַלטער הויף־מאַן האָט ער געקענט די קונצען; זי איז קיינמאָל ניט פאַרגעשטעלט געוואָרען אָהן גליק, — ווי אויך דאָס מאָל; יעדער איינצעלנער האָט געקראָגען אַ וואונק!

דאָך זיינען זיי געקומען גאַנץ פרייוויליג; נאָר אָהן אַ וואונק וואָלטען זיי איינפאַך ניט געוואוסט, אָדער דער דיענסט וואָלט ניט איינגעאָרדענט געוואָרען אַזוי, אַז זיי זאָלען קענען קומען, אָדער פיעל פון זיי וואָלטען עס זאָגאַר געהאַלטען פאַר אַ לאַסט. אַצונד זיינען זיי דאָ געווען אויף קאָמאַנדאַ, אויף בעפעהל; ביי אַן אָפיציר ווערט דאָס פערגניגען אַסך גרעסער, ווען ער ווייסט דערביי, אַז ער ווערט קאָמאַנדירט. קוקט אַקאָרשט אָן דעם רוקען פון דעם קליינעם, אַלטען גענעראַל, ווי ער קושט איהר די האַנד, לאָזט איהר גריסען אין נאָמען פון זיין מאַיעסטעט און גיט איהר איבער זיין בוקעט מיט בלומען, וועלכע ער האָט אין דער פריה אַליין אָנגעריסען פאַר איהר; קוקט אָן אָט דעם רוקען, זאָג איך; עפעס בעט ער זיך, מען זאָל איהם קלאַפּען און גלעטען. אַז ער גלייכט זיך ווידער אויס, איז ער אין איהרע שטראַהלען גליקליך ווי אַ הונד אויף די שטייפע פיס, וועלכער דערשמעקט דעם ריח פון פלייש אונטער'ן טעלער־טוך.

איך האָב אויבען גערעדט פון בעפעהל, אַז אַלע האָבען געהאַט דאָס געפיהל, וואָס איז אַזוי אַנגענעהם פאַר'ן אָפיציר, זי צו בעגריסען אויף בעפעהל. ס'איז אָבער געווען נאָך אַ העכערע אורזאַכע דערביי, דאָס וואָס דער קעניג אַליין האָט איהר בעעהרט מיט זיין בייפאַל. אין ווינטער איז דאָס געווען, האָט ער איהר אָנגעטהאָן דעם כבוד

און אויף׳ן אייז איהר די שליט־שיך אָנגעשנאַלט. אמת טאַקע, אַז אָט דער גרויסער כבוד איז ניט איהר אַליין אָנגעקומען. אַחוץ איהר איז געווען נאָך אַ גאַנצע מחנה פֿון יונגע מיידלאַך דערביי. אָבער יעדער איינצעלנער פֿון די אָנוועזענדע אָפֿיצירען פֿון דער קאַוואַלעריע און אַרטילעריע — און עס זיינען געווען אַסך פֿון זיי דערביי, בעת ער האָט זיך אַראָבגעלאָזט אויף די קניע און איהר די שיך אָנגעשנאַלט — האָט עס געהאַלטען פֿאַר אַן אויסצייכנונג, פֿאַר אַ כבוד, וואָס איז אָנגעטהאָן געוואָרען זייער דאַמע.

אינאיינעם מיט דער אינפֿאַנטעריע זיינען זיי געלאָפֿען הינטער איהר איבער דעם בלאַנקען אייז, אָהן הינדערנים און אָהן אַ שום אויפֿהאַלט, — די שוועדען מיט זיי! מען האָט זיי געקענט זעהן אַרום די פֿערד, די קאַנאָנען, די פּולווער־וואָגענס, אונטערן גערויש פֿון די פֿאָדקאָוועס און דעם הירזשען פֿון די פֿערד, לויפֿענדיג אויף דעם שפּיגעל־גלאַטען אייז הינטער איהר.

וואָלט עס בלויז געווען אָט די איין זייט פֿון איהר, — איהר גאַנצע שעהנקייט, ווי אויסערגעוועהנליך זי איז ניט געווען, וואָלט פֿונדעסטוועגען פֿאָרט ניט געקענט אויפֿטהאָן דאָס, וואָס מיר זעהען איצט!

ניין, עס איז געווען מעהר ווי דאָס. זי האָט זיך ניט געלאָזט פֿאַנגען, פּאַקען, אויפֿהאַלטען; זי איז געווען, עפּעס אַזוי ווי מען וואָלט געהאַט ברענענדיג פֿייער אין די הענד; „זי איז ניט פֿאַר מענער און ניט פֿאַר פֿרויען,״ האָבען אַ טהייל פֿון זיי געזאָגט, און דאָס האָט זיי גערייצט. אין דער נאָהענט פֿלעגט זי זיך אַרויסגליטשען פֿון די הענד; פֿון דער ווייטענס איז זי געווען אַ מעטעאָר. אויב די עראינערונג האָט אין זיך גלאַנץ, דאַן ווערט אָט דער גלאַנץ פֿער־שטאַרקט דורך דעם געגען־שיין פֿון אַנדערע.

אָט דער איינדרוק איז פֿערשטאַרקט געוואָרען דורך איינצעלנע ווערטער. און זי האָט געהאַט אַזעלכע ווערטער, וועלכע „זיינען געגאַנגען״. בשעת דער קעניג האָט איהר אָנגעשנאַלט די שליט־שיך, האָט ער מיט אַ גאַלאַנטען טאָן געזאָגט: „פֿריילין, איהר האָט דעם צויבערהאַפֿטסטען, קליינעם פֿוס.״ — „יאָ, פֿון היינט אָן,״ האָט זי געענטפֿערט.

אַ לוסטיגער פּאַלקאָווניק פֿון דער אַרטילעריע האָט פֿערשווּנדעט אַן אייגענס אויף קאַמעראַדען, ווייבער און אויף זיך אַליין. „איך לייג אייך אַוועק מיין האַרץ צו די פֿיס," האָט ער געזאָגט. — „אָה גאָט, וואָס וועט איך דאַן נאָך בלייבען אַוועקצוגעבען?" האָט זי מיט אַ געלעכטער געענטפֿערט און איהם דערלאַנגט די האַנד צום „פּאָלאָ־נעז"-טאַנץ.

זי האָט אַרויסגעוויזען אַ געוויסע נייגונג פֿאַר אַ יונגען לייטע־נאַנט, וועלכער איז געוואָרען פּורפּור-רויט. „איהר געהערט צו די, פֿאַר וועמען מען וואָלט געקענט שטאַרבען," האָט ער געשעפּטשעט. פֿריינדליך האָט זי גענומען זיין אָרם: „יאָ, פֿאַר מיר צו לעבען וואָלט אונז געווים ווערן לאַנגווייליג."

צו דעם זעלבסט-געקרוינטען פּאָעט פֿון דער קאַוואַלעריע, אַ פֿרעכען קאַפּיטאַן, איז זי צוגעגאַנגען, כדי מיט איהם פֿרוכט צו עסען. „ווילט איהר?" האָט זי געפֿרעגט. „איינס וואָלטען מיר אַלע פֿון אייך געוואָלט," האָט ער געענטפֿערט, „נאָר מיר קומען קיינמאָל ניט דערצו, עס אייך צו זאָגען. וואָס קען פֿאָרט זיין די אורזאַכע דערפֿון?" — „מיר וואָס צו זאָגען?" האָט זי געפֿרעגט. — „איך ליעב אייך!" — „— אָה —! מען ווייסט דאָך גאַנץ גוט, אַז איך וואָלט געלאַכט דערפֿון," האָט זי זיך פֿונאַנדערגעלאַכט און איהם אָנגעבאָטען די האַלבע מאַנדעל, וועלכע ער האָט אויפֿגעגעסען און דערביי זיינען זיי געבליבען די בעסטע פֿריינד.

נאָר אַן אַנדער רייה פֿון ווערטלאַך איהרע האָט אַרויסגערופֿען נאָך אַ גרעסערן רעספּעקט פֿאַר איהר. ביים קאַמין זיצענדיג האָט מען דערצעהלט וועגען אַ געוויסען טויער, וואָס ווערט אָנגערופֿען „דער טויער פֿון דער וואַהרהייט"; אַלע, וואָס געהען דורך, מוזען זאָגען, וואָס זיי דיינקען. דאָ רופֿט זי זיך אָב: „אָה גאָט, דאַן וועל איך, הייסט עס, געוואָהר ווערן, וואָס איך אַליין דיינק!" איינער פֿון די אָנוועזענדע האָט געזאָגט, אַז פּונקט אָט די ווערטער האָט בע־נוצט דער דענישער בישאָף מאָנראַד, בעת ער האָט געהערט מכח דעם טויער. „און איהם האָט מען גערופֿען אַ ספֿינקס," האָט דער מאַן צוגעלייגט.

זי איז נאָך געבליבען זיצען אַ רגע, איז געוואָרען בלייבער און

בלייבער און האָט זיך אויפגעהויבען. אין אַ ווײַלע אַרום האָט מען זי געפונען אין אַ זייטיגען צימער, וויינענדיג.

ביי אַ מיטאָג-געזעלשאַפט האָט אַ געלערענטער מאַן געזאָגט: „דער, וואָס איז בעשטימט צו עפּעס גרויסעס, ווייסט עס פון דער יוגענד אָן." — „יאָ, אַז ער איז צו עפּעס בעשטימט, אָבער ניט צו וואָס!" האָט זי שנעל געענטפערט. נאָר זי האָט זיך גלייך פערשעהמט. זי האָט זיך געוואָלט פערריכטען און געזאָגט: „אַ טהייל ווייסען עס, אַנדערע ניט." האָט זיך דאַן נאָך מעהר געשעהמט, און די דאָזיגע פערלעגענהייט האָט איהר געגעבען אַ מערקווירדיגען רייץ. מענשען האָבען ליעב צו שפּירען אַ שטאַרקע ביינקעניש, וואָס ווייזט זיך ניט אַרויס.

אין אַן אינטימען קרייז האָט מען איין אָבענד גערעדט וועגען אַ יונגער אלמנה. „זי בעניית זיך אין אַ נייער ליעבע," האָט זיך אימי־צער אָבגערופען. „ניין, גיכער אין אַ טהאַט, אין אַן אויפאָפּפערענדער טהאַט," האָט געזאָגט אַן אַנדערער, וועלכער האָט בעהויפּטעט, אַז ער קען זי בעסער. „מיר איז אַלצאיינס, וואָס דאָס זאָל ניט זיין, אַבי זי גיט זיך נור אָב צו וואָס פאַר עס איז זאַך," האָט געזאָגט דער ערשטער. „אין דעם אָבגעבען זיך [ליגט די רעטונג, — רופט עס בענייאונג, אָדער וואָס איהר ווילט."

זי איז געווען דערביי און האָט עס אויסגעהערט. תחילת איז זי געווען גלייכגילטיג, נאָר ביסלאַכווייז איז זי געוואָרען פעראינטערעסירט, און ענדליך געשפּאַנט. דאַן האָט זי זיך אָבגערופען: „ניין, גראָד זיך ניט אָבגעבען, אָט דאָס דאַרף מען!" קיינער האָט ניט געענטפערט. מען האָט זיך געפיהלט אַזוי מאָדנע. איז עפּעס געשעהן, אָדער איז דאָס געווען אַ פאַר-געפיהל?

אָדער האָט זי געקלעהרט וועגען עפּעס בעזונדערעס, וואָס קיינער האָט דאָ ניט געוואוסט? אָדער וועגען עפּעס גרויסעס, צוליעב וואָס עס איז ווערטה געווען צו וואַרטען?

דאָס, וואָס מען קען זיך ניט ערקלעהרען, נעהמט די הערצער געפאַנגען. די איידעלערע, די פיינערע נאַטורען צווישען די ריטער האָבען געפיהלט אַ רעספּעקט. פון זיי האָט זיך דאָס פערשפּרייט ווייטער. צווישען אונדיסציפּלינירטע ווילענס פערשפּרייט זיך קיין זאַך

ניט שנעלער איידער דער רעספּעקט — אָפּטמאָל דער אונפּער־שטענגדליכסטער רעספּעקט. —

ס'איז גאָר קיין צווייפעל ניט, אַז עס זיינען געווען מענשען, וועלכע האָבען אין איהר, וויים דער טייוועל, געזעהן דאָס פיינסטע עכטע רייט־פערד אין נאַרוועגען. עס זיינען אויך געווען אַנדערע, וועלכע וואָלטען, וויים גאָט, אָבגעגעבען זייער גאַנצע „עולם הבא" פּאַר — איך דאַרף ניט זאָגען פאַר וואָס. אָבער עס זיינען אויך געווען אַזעלכע, וועלכע האָבען אין זינען געהאַט די דאַמע פון דער ריטער־צייט און געזעהן אין גייסט דאָס שלייפעל, וואָס זי האָט אַלס צייכען פון איבערגעבענהייט אָנגעבונדען דעם ריטער אויף דער ברוסט. אַ בליק, אַ וואָרט איהרס, אַ טאַנץ מיט איהר איז געווען דאָס שלייפעל. זיי האָבען זיך געפיהלט עפּעס אַזוי ווי אָנגעשטראַהלט, עפּעס העכערעס און שעהנערעס איז דאַן געווען אין זיי.

וויפיעל פון זיי האָבען ניט געפּרואווט זי לויט דעם זכרון צו מאָלען; זי האָט זיך נעמליך ניט געוואָלט לאָזען פאָטאָגראַפירען. ס'איז געוואָרען אַן אַלגעמיינער ספּאָרט צו צייכענען איהר פּראָפיל; אַ טהייל פון זיי האָבען עס דורכגעפיהרט אויף דעם בעסטען אופן. מיט דעם בייטש־שטעקעל אין שנעע, מיט אַ שוועבעלע אין ציגאַרען־אַש, מיט שליט־שיך אויף'ן אייז.

אין גאַנצען גענומען איז דאָס געווען לכבוד דער קאַוואַלעריע, וואָס מען האָט זי אַזוי אַלגעמיין און אַזוי מערקווירדיג בעגריסט. דער פעטער איהרער האָט נאַטירליך געמיינט, אַז דאָס האָט מען דאָס איהם צו פערדאַנקען, אָבער דער אמת איז געווען אָט וואָס: זיין רעקלאַמע וואָלט פאַר יעדע אַנדערע אַלעם רואינירט. זי האָט די רעקלאַמע אויסגעהאַלטען. נו איז ער געבליבען פון דרויסען, ער האָט אַליין ניט געוואוסט ווי אַזוי. ער, וועלכער האָט היינט אָט די גאַנצע פערזאַמלונג צונויפגעבראַכט, ער איז געשטאַנען דאָ און געציטערט פאַר לוסט, צו שטעהן אויף דער הויך פון דער סיטואַציאָן, נאָר ער האָט ניט געקענט. די זאַך איז זיך אָנגעגאַנגען פאַר זיך, ווי איבער איהם, אויפ'ן צווייטען עטאַזש.

זיין פרוי האָט געקליבען נחת דערפון! תחילת האָט זי זיך, דעם אמת זאָגענדיג, שטאַרק דערשראָקען, ווען דאָס דאָזיגע וואונדער

פֿון אַ פלימעניצע איז אַריינגעבראַכט געוואָרען אין הויז. נאָך דער אויפֿגעבלאָזענער, פֿערליעבטער פּאַראַד, וואָס ער האָט מיט איהר געמאַכט, האָט גלייך אָנגענומען אַזעלכע פֿאָרמען, אויף וועלכע ער האָט זיך גאָר ניט גערעכט. דער צוג איז געוואָרען אַלץ גרעסער און געדיכטער; נאָך דעם קעניג׳ס אָנוועזענהייט האָט דער גאַנצער עסק אויף אַ ווײלע אָנגענומען דעם כאַראַקטער פֿון איינפֿאַכען שגעון. די איילעניש איז געוואַקסען מיט דער שנעלקייט, דער פֿאָלקאָווניק האָט זיך אַרויסגעיאָגט די נשמה ווי אַן אָרעם פֿערד, וואָס בלייבט אָהן כוחות לויפֿענדיג. ער האָט זיך אַליין אונטערגעקיצעלט מיט איבער־טריבענער מונטערקייט, מיט אַן אונגעוועהנליכער לעבעדיגקייט; נאָך ער איז געבליבען הינטערשטעליג, איז געוואָרען איבעריג, יאָ, ער איז זאגאַר געווען אין וועג, זיך געפּלאָנטערט צווישען די פֿיס. די פּאָל־קאָווניצע האָט איהם איינפֿאַך אויסגעלאַכט. ער, וועלכער האָט אין אויסלאַנד אַריינגעלייגט דעם חתונה־רינג זיינעם אין טאַש און איז צו יעדער צייט געווען גרייט עס ווידער צו טהאָן, איז אַצונד אַליין אַריינגעלייגט געוואָרען אין קעשענע ווי אַ ליידיגע פּושקע פֿון ציגאַרען.

עס קלינגט אַ צווייטען מאָל. אַ בעוועגונג אין דער פֿערזאַמעלטער מחנה, אַ שווערדען־קלאַנג און אַ גערויש פֿון שפּאָרען; הענד הויבען זיך אין דער הויך, מען בעגריסט אויף׳ן קול. די דאַמע האָט שוין צום טויזענדסטען מאָל בעגריסט דעם עולם, עס זיינען געפֿאַלען לוסטיגע ווערטער, שמייכלען און פֿערנייגונגען זיינען פֿערטהיילט געוואָרען מיט מונטערקייט, מיט שנעלען טאַקט; זי איז געווען פֿאָל־שטענדיג איבער אַלעמען אין דער הויך! דאָס גרויסע רייזע־קלייד, די העלע האָר מיט׳ן שלייער, וועלכער האָט זיך געהאַלטען אין איין אַרונטערלאָזען און ווידער אויפֿהויבען, אַ שטאָלצער נאַקען, אַ פּאָל־קאָמענע פֿיגור — דאָס אַלעס אין זונען־שיין פֿון דער בעגריסונג. . . .

צי איז זי ניט אַקאָרשט אַריין אין אַ גאָלדענעם וואָגען מיט ווייסע טויבען פֿאָראויס? פֿאָרלויפֿיג ניט העכער, ווי ביז צו דער מוטער׳ס פּלאַץ אין דער געעפֿענטער טהיר פֿון׳ם וואַגאָן. פֿון דאַנען האָט זי אַרונטערגעשמייכעלט צו דעם פּאָלקאָווניק אויף איין זייט, צו דעם גענעראַל אויף דער אַנדער זייט, צו די דאַמען, וועלכע האָבען זי

אַרומגערינגעלט. הינטער אָט די ווידער האָט זי געטראָפֿען די אַלע אויפֿגעהויבענע וואַנציעס, די אַלע העלע, די אַלע ברוינע, די אַלע געפֿאַרבטע, די אַלע שוואַרצע; מיט איהרע אויגען האָט זי בעגריסט די דינע וואַנציעס, די דיקע, די לאַנג־אויסגעצויגענע און דומע, די אומעטיגע און היינגענדיגע, די משונה'דיג פֿערדרעהטע. צווישען אָט דעם וואַלד מיט האָר האָבען אַ פּאָר חברה־לייט אָהן בערד אויסגע־זעהן ווי „שוועדישע טענאָרען".

„כ'האָף, איהר וועט האָבען אַן אַנגענעהמע רייזע, גנעדיגעס פֿריילין," האָט זיך אָבגערופֿען דער אַלטער גענעראַל. דער עהרליכער פֿערד־דריקער איז געוועזן צו בעשיידען צו זאָגען עפּעס וויכטיגערעס ווי דאָס. „איך דאַנק דיר שעהן פֿאַר'ן ווינטער, מיין מיידעל!" דאָס איז געוועזן דער פֿאַלקאָווניק מיט זיין הויכער שטימע. דאָס האָט געזאָלט ווייזען, ווי פֿאָטערליך־קאַמעראַדשאַפֿטליך ער איז צו איהר געוועזן. „יאָ, ס'האָט מיר ווינטער־צייט אָפֿט באַנג געטהאָן פֿאַר דיר, פֿעטער," האָט ער געקראָגען אַלס ענטפֿער, „אַצונד קענסט דו זיך אין זומער גאַנץ פֿיין אויסרוהען!"

די פֿאַלקאָווניצע האָט זיך פֿונאַנדערגעלאַכט, און דאָס איז געוועזן אַ סיגנאַל, אַז אַלע האָבען געוואָגט צו לאַכען.

די געזיכטער אויפֿגעהויבען צו איהר — דאָס רוב פֿון זיי עהרליך, גוטמוטהיג, — כמעט יעדעס איינציגע האָט דערמאָנט אָן פֿרעהליכע מאָמענטען; אָן אַ געמיינשאַפֿטליכען הערבסט און ווינטער מיט רייט־פּאַראַדען, שליט־שיך־לויפֿען, וואָגען־פּאַרטיען, בעלער, באַנקעט־טען, קאָנצערטען — אַ רונד־טאַנץ איבער בלישטשענדען אייז און פֿאַלענדען שנעע, אָדער אַ שטראַהלען־ים אין טענער, אין גלעזער־קלאַנג, אין פֿרעהליכען געלעכטער און וואַרעמע געשפּרעכען. ניט איין איינציגע עראינערונג אָן עפּעס העסליכעס אין דעם, פֿריי און פֿעסט ווי אַ רייטער־פּאַראַד. אַ פּאָר פֿערזוכען — צווישען אַנדערע פֿון איהר פֿעטער'ס זייט — זיינען צופֿליגען ווי אַ וואָלקען פֿון קליינינטשקע פֿעדערלאַך. זי האָט געפֿיהלט אין הארצען אַ דאַנקבאַר־קייט פֿאַר דאָס, וואָס זי האָט איבערגעלעבט, פֿאַר דער גאַנצער פֿריינדליכקייט ביז צו דער לעצטער רגע. אָט די דאַנקבאַרקייט האָט זי בעהערשט, זי האָט געפֿונקעלט אין איהרע אויגען, זי האָט

דורכדרונגען איהר גאַנצען וועזען; זי האָט זי איבערגעגעבען צו אַלעמען דאָרט אונטען און צו די בלומען, וועלכע זי האָט געהאַלטען אין דער האַנד. נאָר אַ געפיהל פון צופיעל, פון גאָר צופיעל איז די גאַנצע צייט דורכגעלאָפען דערמיט. מחמת דעם אַ שרעק פאַר עפּעס ליידיגעס, פוסטעס, וואָס האָט פערשאַפט אַן אונערטרעגליכען שמערץ. ווען עס זאָל שוין אַמאָל נעהמען אַ סוף דערצו.

די בילעטען זיינען דורכגעקוקט, די טהירען צוגעמאַכט געוואָרען, זי איז ווידער צוגעקומען צו דעם אַראָבגעלאָזענעם פענסטער. זי האָט געהאַלטען די בלומען אין איין האַנד, דאָס טאַשעטיכעל אין דער אַנדערער; זי האָט געוויינט. איהר פרישער ביוסט איז געשטאַנען אין פענסטער, ווי אין אַ ראַהם; דער קאָפּ מיט דעם העלען הוט און דעם שלייער האָט זיך אַרויסגעבויגען אויף דרויסען. פאַרוואָס פאָרט ווערט אַזוי וואָס ניט געמאָלט?

די דיסציפלין האָט פערוועהרט, אַז אימיצער זאָל זיך שפּאַרען פאָראויס, אַזוי לאַנג ווי דער גענעראַל, דער פּאָלקאָווניק און די דאַמען האָבען געבילדעט אַ קרייז אַרום; מען איז געשטאַנען, וואו מען איז געשטאַנען. אַזוי ווי די וואָס זיינען געשטאַנען לעבען דעם צוג, האָבען ניט גערעדט, איז געוואָרען שטיל. מען האָט געזעהן, ווי זי וויינט, אַזוי אַז איהר בוזים האָט זיך געהויבען אַרויף און אַראָב. זי האָט זיי געזעהן ווי אין אַ נעבעל, און דאָס גאַנצע איז געוואָרען פיינליך. וואָלט דאָס אַלעס געקענט זיין עכט? די טרעהרען וואָלטען זיך דאַן גלייך אויף'ן שטעל אויסגעטריקענט. אַ באַרמהאַרציגע זעלע, וועלכע איז געשטאַנען אונטען און האָט זיך אויך געפיהלט פיינליך, האָט אַ אַ פרעג געטהאָן, צי זיי וועלען נאָך היינט קומען אַהיים, אויף וואָס זי האָט געענטפערט מיט יאָ. דערביי האָט זי זיך דערמאָנט אָן איהר מוטער און איהר געמאַכט פלאַץ; אָבער די מוטער האָט ניט געוואָלט צוקומען צום פענסטער. ביי דער מוטער אין די אויגען איז זאָגאר געווען עפּעס, וואָס האָט וועה געטהאָן, אָדער אַרויסגערופען אַ געוויסע אַנגסט — זי האָט עס פערגעסען, מחמת דער פייף האָט מיט אַמאָל אָבגעשניטען דעם צוג פון דעם פערזאַמעלטען עולם; דער גאַנצער קרייז האָט אָבגעטראָטען אַ טריט אָדער צוויי צוריק. דאָס געזעגענען האָט זיך ווידער אָנגעהויבען, האָט זיך אַלץ פערמעהרט,

איהר טאַשענטיכעל האָט געפּלאַטערט אין דער לופטען, די וואַ־רעמקייט אין איהרע אויגען האָט זיך אומגעקעהרט צוריק, אַצונד האָבען זיי אויפגעפלאַמט, אַלעס, וואָס איז נאָך געווען צו זעהן פון איהר, האָט זיי צוגערופען און יענע איהר, זיי זיינען געגאַנגען הינ־טערוויילאַכס. וואָרים איצט זיינען די לייטענאַנטען, די אַלע יונגע חברה-לייט געוואָרען די ערשטע! אַצונד האָבען אַ שטראָם געטהאָן גאָר אַנדערע געפיהלען, זיי האָבען געגריסט, גערופען, ווידער געגריסט און מיטגעלאָפען. דאָס גערויש פון די שווערדען און די שפאָרען, די פאַרבען, דאָס פאָכען מיט די אָרעמס, דאָס קלאַפּען מיט די פיס, — דאָס אַלעס האָט זיי אַביסעל פערדרעהט דעם קאָפּ. מיט אַן אָנגעבויגענעם ביוסט האָט זי זיי צוגעוואונקען, ווי זיי איהר — אָבער די געשווינדקייט איז געוואָרען צו גרויס, עטליכע לייכטזיניגע ליריקער זיינען פונדעסטוועגען וויטער נאָכגעלאָפען נאָך׳ן צוג, די איבעריגע זיינען געבליבען שטעהן — געבליבען שטעהן אין דעם לאָקאָמאָטיוו־רויך און האָבען געהירזשעט. איהר טאַשענטיכעל האָט זיך נאָך אַרויסגעזעהן פון וויטען, ווי אַ טויב אין אַ פינסטערן וואָלקען.

אַז זי האָט זיך אָבגעקעהרט פון וואַגאָן-פענסטער, האָט זי געהאַט אַ פערלאַנג נאָך אימיצען; נאָר דאָ האָט זי זיך דערמאָנט אָן דער מוטער׳ס אויגען; זיינען זיי נאָך געווען דיזעלביגע? יאָ.

דאָ האָט זי זיך אַנידערגעשטעלט, אָקוראַט ווי זי וואָלט גאָרנישט געווען צוהיצט און אויפגערעגט. זי האָט אויסגעטהאָן דעם הוט און איהם אוועקגעלייגט אין נעץ. אָבער דער מוטער׳ס אויגען האָבען אויפגעוועקט די רעאַקציע, וועלכע האָט שוין פון פריהער אין איהר געדרעמעלט. ווידערשפרעכענדע געפיהלען האָבען אַרויסגעפלאַצט, זי האָט עס געוואָלט פערדעקען, זי האָט געוואָלט פּרואווען זיך אַליין צוריקגעפינען; דערום האָט זי זיך אַראָבגעלאָזט אויף דער באַנק, אָן אַ זייט, און גלייך נאָכדעם איז זי געלעגען אויסגעשטרעקט אין איהר גאַנצער לייננ. באַלד האָט די מוטער דערהערט, ווי זי וויינט; זי האָט עס אויך געזעהן אָן די בעוועגונגען פון׳ם רוקען.

אַביסעל שפּעטער האָט די טאָכטער דערפיהלט דער מוטער׳ס נאַקעטע האַנד אונטער איהר קאָפּ. זי האָט איהר אונטערגערוקט אַ

קישען. דאָס האָט גוט געטהאָן; פּיהלען, אַז די מוטער וויל, זי זאָל שלאָפען, — שוין דאָס אַליין איז געווען אַ חיות. יאָ, זי האָט זיך גאַנץ שטאַרק גענייטיגט אין דעם שלאָף. און אין אַ פּאָר מינוטען אַרום איז זי איינגעשלאָפען.

.2

דער טייך האָט געפלאָסען און זיך דורכגעשניטען אַ וועג, מאַר־כענדיג לאַנגע קרימונגען אָן אַ זייט. פון דעם דרום'דיגען בויגען־פענסטער פון'ם האָטעל האָבען מוטער און טאָכטער נאָכגעקוקט זיין גאַנג דורך די קוסטאַרניקעס און דעם בעראָזעווען וואַלד. אויף עטליכע פלעצער איז ער פערשוואונדען, האָט אָבער באַלד ווידער אויפגע־בליצט און ענדליך האָט ער זיך בעוויזען אין זיין גאַנצער גרויס. דער וואַסער־פאַל איז געווען שאַרף, זיין ליאַרם האָט דערגרייכט אַזש ביז צו זיי אַרויף.

דאָרט אויף דער סטאַנציע האָט מען געצויגען די לאַסט-וועגען. הינטער'ן האָטעל זיינען געווען די מיהל, די פאַבריק, די זעג-מיהל; מען האָט געקענט הערען האַלב־פערדריקטע, אָבגעשטאָרבענע קלעפּ, און זאָגאַר דער וואַסער־פאַל איז געווען שוואַך; דאָס שניידענדע גערויש פון די ברעטער האָט אַריבערגעשריען אַלצדינג, יעדעס מאָל ווען זיי זיינען דורכגעגאַנגען דורך דער זעג. ס'איז געווען איינער פון די גרויסע וואַלד־בעצירקען; דער טאַנענבוים האָט פערדונקעלט די בערגלאַך, אַזוי וויט ווי זיי ביידע האָבען נאָר געקענט זעהן, און דאָס איז געווען וויט גענוג; וואָרים דער טהאָל איז געווען ברייט און האָט זיך געצויגען אין אַ גראַדער ליניע.

„ליעבע מוטער, ס'איז זיבען אַזייגער. וואו קענען ערגעץ זיין די פערד?"

„כ'האָב געמיינט, אַז מיר וואָלטען פּילייכט געקענט היינט איבערנעכטיגען דאָ און ערשט מאָרגען אין דער פריה פאָהרען ווייטער."

„דאָ איבערנעכטיגען, מוטער — ?‟ זי האָט זיך מיט ערשטוינונג אַ קעהר געטהאָן צו דער מוטער.

„היינט אָבענד וואָלט איך אַזוי גערן געוואָלט ריידען מיט דיר.‟

די טאָכטער האָט ווידער דערקענט דעם אויסדרוק ביי דער מוטער אין די אויגען אַזוי ווי ביים אָבשיעד פֿון קריסטיאַניאַ; זי איז געוואָרען רויט. דאַן האָט זי זיך ווידער אומגעקעהרט אין צימער.

„לאָמיר זיך ליעבערשט דורכגעהן אַביסעל‟ — די מוטער איז צוגעקומען און האָט אַרומגעלייגט איהר אָרם אַרום איהר שולטער.

גלייך נאָכדעם זיינען זיי געווען אונטען ביים טייך. די לופֿט איז געשטאַנען צווישען צוויי מעגליכקייטען, און דורך דעם זיינען די פֿאַרבען אויף די פֿעלדער און די בערגלאַך געווען האַלב-פֿערלאָשען און געהאַט אַן אונזיכערן אויסדרוק. פֿון בוים און פֿעלד האָט עס געשמעקט, און אין די אויערן האָט געקלונגען דאָס ברויזען פֿון׳ם שטראָם.

„דאָס, וועגען וואָס איך וואָלט געוואָלט מיט דיר ריידען, איז דיין פֿאָטער.‟

„פֿאָטער?‟

די טאָכטער האָט געוואָלט בלייבען שטעהן; נאָר די מוטער איז געגאַנגען וייטער.

„דאָ איז דאָס געווען, וואו איך האָב איהם צום ערשטען מאָל געזעהן. — — דו האָסט זיין נאָמען ניט געהערט דערמאָנען פֿון קיינעם אין קריסטיאַניאַ?‟

„ניין.‟ — אַ היבשע פויזע איז געקומען נאָך דעם דאָזיגען ניין.

„אויב איך האָב זיך קיינמאָל ניט פֿאָלשטענדיג אויסגערעדט וועגען איהם, זיינען פֿאַרהאַן גרינדע דערפֿאַר, מאַגנע. דו זאָלסט זיי איצט הערען. וואָרים אַצונד קען איך דיר אַלעס זאָגען; ביז איצט האָב איך עס ניט געקענט.‟

זי האָט ערוואַרט, אַז די טאָכטער וועט עפּעס זאָגען; נאָר זי האָט גאָרנישט געזאָגט.

די מוטער האָט זיך האַלב אומגעדרעהט און אָנגעוויזען אויף דער סטאַנציע, דאָס הייסט אייגענטליך אויף די הייזער, וועלכע זיינען געשטאַנען נאָהענט דערביי.

„דו זעהסט דעם ברייטען דאַך דאָרט, רעכטס פֿון האָטעל? דאָס איז דאָס פֿערזאַמלונגס-הויז, די ביבליאָטעק און פֿיעל אַנדערעס. די עהרע דערפֿאַר קומט דיין פֿאָטער. ער האָט געגעבען דאָס גאַנצע האָלץ דערצו. נו, דאָרט האָב איך איהם געזעהן צום ערשטען מאָל, אָדער ריכטיגער געזאָגט, פֿון דאָרט אַרויס האָב איך איהם צום ערשטען מאָל דערזעהן; וואָרים איך בין געזעסען צווישען די, וועלכע האָבען איהם געוואָלט הערען; דער גאַנצער אונטערשטער עטאַזש איז איין איינציג צימער מיט אַ ברייטער, אין דער קווער געבויגענער גאַלעריע; ס'איז אויף זיין אַמעריקאַנישען אופן געבויט; דו ווייסט, דיין פֿאָטער איז אַריבערגעפֿאָהרען אַהין, אַזוי גיך ווי ער איז פֿאַרטיג געוואָרען מיט זיין עקזאַמען. — קום, לאָמיר געהן ווייטער! אָט דעם וועג ביים טייך האָב איך ליעב. איך בין איהם געגאַנגען מיט דיין פֿאָטער דעם זעלבען טאָג און דיזעלבע שטונדען אין זעקס וואָכען אַרום, נאָכדעם ווי איך האָב איהם צום ערשטען מאָל געזעהן; און דאָ האָבען מיר זיך פֿערהייראַטעט."

„דאָס וויים איך."

„דו ווייסט אויך, אַז איך בין געוועזען אַ הויף-דאַמע ביי דער קעניגין, בעת איך בין אַהער אָנגעקומען. זי האָט געוואָלט פֿאָהרען ווייטער און אַרויס צום פֿיאָרד צו; פֿאַר דעם אָבער האָבען מיר געוואָלט פֿערברייננגען עטליכע טעג דאָ אין דער געגענד פֿון די בערג.

מיר זיינען אָנגעקומען אַהער אין אַ שבת נאָכמיטאָג (גראָד אַזוי ווי מיר איצט) און מיר זיינען געבליבען איבער זונטאָג. זונטאָג זיינען דאָ געוועזען זעהר פֿיעל מענשען, כדי צו זעהן די קעניגין; זיי האָבען געוואוסט, אַז זי וועט געהן אין קירכע. נאָכמיטאָג האָבען זיי זיך גאַנצע מחנות-ווייז געלאָזט געהן אין פֿערזאַמלונגס-הויז; זיי האָבען געוואָלט הערען דיין פֿאָטער ריידען. איך האָב אין האָטעל געלייענט אַן אַנאָנסע וועגען דעם. די קעניגין האָט עס אויך געלייענט; איך בין געשטאַנען דערביי און געזאָגט: „איך האָב שטאַרק לוסט צו געהן." — „נו יאָ, קענסט געהן," האָט זי געענטפֿערט, „אָבער עס וואָלט געוועזען גלייכער, ווען איינער פֿון די קאַוואַליערען זאָל דיך בע-גלייטען." — „דאָ צווישען די בויערן?" האָב איך געפֿרעגט און איך האָב געזאָרגט דערפֿאַר, אַז איך זאָל געהן אַליין.

כ'האָב געקראָגען אַ פּלאַץ אונטער דער גאַלעריע, נאָר גאַנץ נאָהענט לעבען אַ גרויסען פֿענסטער, דורך וועלכען איך האָב געקענט זעהן דעם וועג ווייט אַרויס. און אַזוי ווי קאַרל מאַנדער איז ניט געקומען צו דער בעשטימטער צייט (דאָס פּלעגט ער זעלטען טהאָן), האָבען אַלע אויסגעשטרעקט די העלזער, צו כאַפּען אַ קוק אויף איהם, בשעת ער וועט אָנקומען; פֿון דער זייט האָט ער אַלזאָ געמוזט קומען. האָב איך אויך געקוקט אַהין — און פֿון ווייטען האָבען זיך מיט אַמאָל געוויזען דריי מענער, אָרם אין אָרם, איינער איז געווען הויך, צוויי נידעריגער, דער הויכער איז געגאַנגען אין מיטען. איך זעה זעהר גוט און איך האָב גלייך געטראַכט ביי זיך, פֿון די דאָזיגע קען עס קיין איינער ניט זיין; וואָרים די האָבען נאָך געהאַט צופּיעל צייט; זיי האָבען זיך ניט געאיילט. יעדע רגע האָבען זיי זיך אָבגעשטעלט. זיך וואַקלענדיג אָט נאָך רעכטס, אָט נאָך לינקס, אַזוי זיינען זיי געגאַנגען איבער'ן גאַנצען וועג. אָבער דער עולם האָט זיך אָנגעהויבען שושקען און לאַכען אין זיך. אַז די מענער זיינען צוגעקומען נעהנטער, האָב איך ניט ווילענדיג דערפֿיהלט, אַז דער הויכער איז קאַרל מאַנדער, און איך האָב זיך פֿערשעהמט."

„ער איז געווען שכור?"

„ער איז געווען שכור, ער אַזוי גוט ווי די צוויי אַנדערע; און דערצו זעהר שכור, דער דאָקטאָר ווי דער אַדוואָקאַט. דאָס ערגסטע איז געווען, וואָס זיי זיינען ניט געווען ניט זיינע פֿריינד און ניט זיינע געזינונגס-גענאָסען. ס'איז געווען אַ „טריק", וואָס זיי האָבען איהם אָבגעשפּיעלט; וואָרים ס'איז שוין געווען אַ מאָדע, איהם אַזוי וואָס אָבצוטהאָן. זיי האָבען זיך פֿאַרגענומען איהם אָנצושכור'ן; אָבער זיי אַליין זיינען דערביי געוואָרען אַסך שכור'ער פֿון איהם!"

„שרעקליך, מוטער!" זי האָט געוואָלט בלייבען שטעהן; נאָר די מוטער איז געגאַנגען ווייטער.

„יאָ, איך האָב געלייענט אַלערליי זאַכען וועגען קאַרל מאַנדער. ס'איז אָבער דאָך עפּעס אַנדערש, ווען מען זעהט עס מיט די אייגענע אויגען."

„ס'איז דיר ניט געוואָרען שלעכט?"

„פֿערשטעהט זיך. ס'איז געווען עקעלהאַפֿט. נאָר אַז זיי זיינען

צוגעקומען אַזוי נאָהענט, אַז איך האָב געקענט זעהן זייערע געזיכטער, און אַלע אין דער פּערזאַמלונג, וועלכע האָבען זיי געקענט זעהן, האָבען זיך צולאַכט אויף׳ן קול, דאַן איז מיר לייכטער געוואָרען אויף׳ן האַרצען. און אין דער נאָהענט איז קאַרל מאַנדער געוועזן אַזוי זאָנדערבאַר, אַזוי פאַר זיך אַליין, אַז זיין אָנבליק איז פאַר מיר גראָד געוועזן אַ געניס. דאָס בין איך זיך מודה."

„וואָס מיינסט דו זאָנדערבאַר?

„ער איז געוועזן די שטראַהלענדע פּרעהליכקייט אַליין! ווען מען זאָל נעהמען אַ קאַוואַלעריע־בריגאַדע אין לוסטיגסטען גאַלאָפּ, — אַזאַ מין פּרעהליכקייט וועסט דו ניט אַרויסברייינגען! אָט דער שטאַר־קער מאַן מיט דעם געוואַלטיגען קאָפּ האָט געהאַלטען יענעביידע נידעריגע, איינעם אָן יעדען אָרם, אַזוי ווי צוויי קלעצער, וועלכע האָבען זיך נאָכגעשלעפּט. און דערביי האָט ער געלאַכט און זיך לוסטיג געמאַכט ווי דאָס אויסגעלאַסענסטע קינד. ער האָט אויסגעזעהן אַזוי גוט או פּרעהליך, ווי דער לייגסטער טאָג פון יאָהר ביים נאָרד־פּאָל. מיט די צוויי חברה־לייט, וועלכע האָבען אָבגעמאַכט צווישען זיך, איהם אָנצו׳שכור׳ן — ס׳איז דעמאָלט געוועזן דער ספּאָרט פון די געבילדעטע אָנצו׳שכור׳ן קאַרל מאַנדער׳ן, זאָג איך דיר! — מיט זיי האָט ער זיך איספּראָוועט און איז אַרוים דער זיעגער. ער איז געוועזן מורא׳דיג שטאָלץ דערויף. הויך געוואַקסען און ברייט אין די שולטערן, אין אַ העלען, פּיינעם און לייכטען וואָלענעם קאָסטיום; מחמת ער האָט ניט געקענט פּערטראָגען קיין היץ, ער איז געוועזן אַ קאַלט־וואַסער־מענש פון דעם ערשטען סאָרט, ער פּלעגט זיך נאָך באָדען זאָגאַר דאַן, ווען דאָס אייז פלעגט אָנקומען. דעם הוט, אַ גאַנץ לייכטען הוט, וועלכער האָט זיך געקענט צוזאַמענלייגען, האָט ער געהאַלטען אין דער לינקער האַנד. געוועהנליך פּלעגט ער אַרומ־געהן אַזוי; אין דערהיים האָט ער קיינמאָל ניט אָנגעטהאָן דעם הוט, און אַז ער פּלעגט אַרויסגעהן שפּאַצירען, האָט ער איהם געטראָגען אין דער האַנד.

האַרטע, געדיכטע האָר, אונגעהייערע האָר, ברוין, אַצונד זיינען זיי אַריבערגעפּאַלען איבער דעם משופּע׳דיגען שטערן — יאָ, דו האָסט זיין שטערן — און דאַן די באָרד! איך האָב קיינמאָל ניט

געזעהן אַזאַ שעהנע באָרד. זי איז געווען בלאָנדליך און זעהר געדיכט, אָבער מערקווירדיג זיינען געווען די פֿיינע געגרייזעלטע טהיילען דערפֿון. זי איז גראָד געווען אַפּעטיטליך, וואָס עס קומט זעלטען פֿאָר ביי אַ באָרד.

און דאַן אָט די טיעפֿע אויגען, אַזוי שטראַהלענדיג — עפּעס דערפֿון האָסט דו — און צווישען זיי די נאָז, אַזוי פֿיין געבויגען, יאָ, ער איז געווען אַ פֿיינער מאַן!"

„איז ער דאָס געווען, דער פֿאָטער — ?"

„דו גרויסער גאָט, דאָס האָב איך דאָך דיר שוין איינמאָל געזאָגט!"

„יאָ, — אָבער — די אַנדערע האָבען —" זי האָט געשוויגען שטיל, און אַצונד איז די מוטער געבליבען שטעהן.

„מאַגנע! איך האָב ניט געקענט, כ'האָב ניט געוואָלט דיך אָב־היטען פֿאַר דעם אַלעם, וואָס איז געקומען פֿון די אַנדערע. אַזוי לאַנג דו ביסט נאָך געווען אַ קינד און ניט דערוואַקסען, האָב איך דיר ניט געקענט ערקלעהרען אַלצדינג, ווי עס איז געווען. עס וואָלט דיך געפֿיהרט דערצו, צו פֿערטהיידיגען, צו וואָס דו האָסט נאָך ניט געהאַט די קראַפֿט, עס צו פֿערטהיידיגען. און דאָס וואָלט דיר געקענט שאָדען. און דאַן איז געווען נאָך עפּעס אַנדערש דערצו.

אָבער איצט מוזט דו עס וויסען: זינט דו ביסט געווען אַ קינד, האָב איך דיר קיינמאָל ניט געגעבען קיין עצה, וואָס איז ניט געקומען פֿון דיין פֿאָטער; דו האָסט איהם קיינמאָל ניט געזעהן; אָבער איך קען דיר זאָגען, אַז דו האָסט קיינמאָל ניט געזעהן און ניט געהערט קיין אַנדערן ווי איהם. דורך מיר, פֿערשטעהסט ?"

„ווי אַזוי דען, מוטער ?"

„מיר קומען דערצו. אַצונד מוז איך דיר געבען צו פֿערשטעהן, ווי אַזוי ס'איז געקומען דערצו, אַז איך האָב זיך מיט איהם פֿער־הייראַט."

„יאָ, ליעבע מוטער."

„ער איז געשטאַנען דאָרט אויף דער קאַטהעדרע און האָט געטרונקען וואַסער, זיך געגאָסען מיט וואַסער, איין גלאָז נאָך'ן אַנדערן. ער האָט אויסגעטרונקען די גאַנצע פֿלאַש און געקראָגען נאָך.

דער עולם האָט געלאַכט, און ער האָט געלאַכט. די פֿלאַש און דאָס גלאָז האָט ער געהאַלטען, ווי אַ שכור, ער האָט זיך אַרומגעקוקט אַרום זיך, עפּעס אַזוי ווי ער וואָלט ניט זיך און ניט אונז געהאַלטען פֿאַר גאַנץ קלאָהר, און דערביי האָט ער ניט אויפֿגעהערט לאַכען. נאָר ניט קוקענדיג דערויף... דורך דעם אַלעם האָב איך אַרויסגעזעהן דעם גאָט.

די אָפּענע, פֿרעהליכע נשמה פֿון אַ פֿרייען מאַן, הערסט דו? אַ מערקווירדיגער, פֿעסטער צוטרוי צו זיך אַליין אין אַלצדינג, וואָס ער האָט געטהאָן. און דאַן וואָלסט דו געדאַרפֿט זעהן זיינע פֿעסטע, איינפֿאַכע הענד, אַרבייטס-פֿויסטען. אויך דאָס געזיכט, — דאָס געזיכט פֿון אַ מאַן, וועלכער האָט אַלצדינג לרוב, אין איבערפֿלוס."

„וואָס האָט דער עולם געזאָגט?"

„מען האָט איהם געקענט, מען האָט זיך בלויז אַמוזירט. און ער האָט זיך אַמוזירט. אַז ער האָט אָנגעהויבען ריידען, האָט איהם זיין צונג פֿאַלשטענדיג געפֿאָלגט. נאָר מיר האָט זיך עפּעס אָבגעדוכט, אַז די שטימע איז ניט נאַטירליך; זי האָט געקלונגען, אָקוראַט ווי פֿון טיעפֿען אינערן. אָבער דאָס איז געווען זיין ריכטיגע שטימע. ווי ער האָט נור אָנגעפֿאַנגען, איז עפּעס געשעהן. אַ מחנה פֿון דאַמען און הערען איז פֿערבייגעגאַנגען דעם פֿערזאַמלונגס-פּלאַץ, צווישען זיי אויך אימיצער פֿון דער קעניגין׳ס סוויטע. מיר האָבען זיי געקענט זעהן, מיר, וואָס זיינען געזעסען ביים פֿענסטער, און ער האָט זיי אויך געזעהן: מיר האָבען געזעהן, ווי זיי האָבען אַריינגעוויזען אינעווייניג.

מיט אַמאָל איז ער אַנשווייגען געוואָרען; ער איז געווען גאַנץ בלייך, האָט געאָטהעמט אַזוי שווער, אַז מיר האָבען עס אַלע געהערט. ענדליך האָט ער געטרונקען נאָך וואַסער. ס׳האָט גדויערט אַ ווײַלע, איידער ער האָט געקענט ריידען ווייטער. אַלע האָבען איהם אָנגעגע־קוקט, אַ טהייל האָבען זיך געשושקעט צווישען זיך.

ביז אַהער האָט ער גערעדט, פּונקט ווי אַ שווערע מאַשין גיט די ערשטע אונרעגעלמעסיגע קלעפּ מיט אונטערברעכונגען. נאָר איצט האָט ער זיך אויפֿגעהויבען, און אַז ער האָט ווידער גענומען ריידען, איז ער געווען ניכטער. איך זאָג דיר, ער איז געווען גאַנץ ניכטער.

דער מאַן, וואָס איז איצט געשטאַנען דאָ... יאָ, לאָמיך דער־צעהלען כסדר, שטיק ביי שטיק. אַניט ווערסט דו עס ניט פֿערשטעהן.

זיין פֿאָרטראַג — דו ווייסט מיט וואָס מען האָט איהם געקענט פֿערגלייכען? מיט דעם אויסגוס פֿון אַ קוואַל. עטוואָס רווישיגעס, אָבער רייך. עטוואָס אונאויפֿהערליך רייכעס, און אָפֿט אַזוי מילד. אָבער דער גרויסער אונטערשיעד איז געווען אָט וואָס: אַז ער איז געווען היבשלאַך אַריין אין זיין רעדע, האָט ער אָפֿט געזוכט ווערטער, האָט געביטען די ווערטער און זיי געהאַלטען אין איין ביימען. און ניט קוקענדיג דערויף אונאונטערבראָכען און ברויזענדיג, דאָס איז געווען דאָס מערקווירדיגע דערביי. אַ הינרייסענדע לוסט, וואָס קען ניט אויפֿגעהאַלטען ווערן, און אַ האַסט. מען האָט זיך מיט פֿערוואונדע־רונג געפֿרעגט, צי ס'איז פֿאַרהאַן נאָך מעהר. און עס האָט אַלץ געהאַלטען אין איין קומען, אין איין קומען, און כמעט אַלצדינג בעמערקענס־ווערטה.

איך האָב אַזוי אָפֿט געהערט ריידען פֿון מענשען, וועלכע זיינען בעהערשט פֿון אַ נאַטור־מאַכט, נאָר איך האָב זיי קיינמאָל ניט געזעהן. וויניגער ווי ערגעץ אַנדערש אין הויף; דאָרט איז קוים דאָ אַן אינ־דיווידואַליטעט. דאָ בין איך ענדליך געזעסען אַנטקעגען אַזעלכער! אָט דער דאָ האָט געמוזט ריידען — וואַהרשיינליך אַזוי, ווי ער האָט ביי אַ גוט געגרייטען טיש געמוזט טרינקען. איך האָב געוואוסט, אַז ער האָט אַליין פֿערוואַלטעט זיינע צוויי גיטער און אַליין געאַרבייט, ווען ער האָט נור געהאַט צייט דערצו; און מיר האָט זיך געדוכט, עפּעס אַזוי ווי איך וואָלט געזעהן אָט דעם ריעז, ווי ער דערפֿרישט זיך און ווערט גאָר לעבעדיג אין דער אַרבייט; אָבער איך האָב דייטליך געזעהן, אַז דער קאָפּ האָט פֿונדעסטוועגען ניט געוואָלט אויפֿהערען צו אַרבייטען, אַזוי אַז דער קאָפּ און די הענד האָבען זיך עפּעס אַזוי ווי פֿערוואָטען, ווער וועמען וועט קענען מיעד מאַכען.

וועגען דער אַרבייט האָט ער גערעדט. האָט אָנגעפֿאַנגען דער־מיט, אַז די קעניגין איז איצט דאָ.

„ווער איז זי?" האָט ער געפֿרעגט. ער האָט דאַן געענטפֿערט מיט אַ פּאָר גוטע, וואַרעמע ווערטער וועגען איהר. אָבער דערנאָך

האָט ער ווידער אַ פֿרעג געטהאָן: „ווער איז זי?" ער האָט ווידער געענטפֿערט מיט אַ פֿראַגע: „פֿערדיענט זי אַליין איהר ברויט?"

דאָס, האָט ער געזאָגט, איז די ערשטע פֿאָדערונג, וואָס דאָס לעבען שטעלט אַלע דערוואַקסענע מענשען, וועלכע זיינען אימשטאַנד דערצו. דאָס איז די ערשטע מאָס, מיט וועלכע מיר דאַרפֿען זיך מעסטען איינע די אַנדערע.

פֿערדיענט זי אַליין איהר ברויט? פֿערדיענען אַליין זייער ברויט ד״י, וועלכע זיינען אין איהר סוויטע?

ניין, האָט ער געענטפֿערט, זיי פֿערדיענען עס ניט אַליין, זיי לעבען פֿון דעם, וואָס אַנדערע האָבען פֿערדיענט, און פֿון דעם, וואָס אַנדערע פֿערדיענען.

וואָס טהוען זיי פֿאַרט? טהוען זיי גייסטיגע אַרבייט? ניין, זיי לעבען פֿון דער גייסטיגער אַרבייט, וואָס אַנדערע האָבען געטהאָן, און פֿון דער, וואָס אַנדערע טהוען. ווי אַזוי פֿערברייינגען זיי פֿאָרט דעם טאָג?

אין וואוילטאָג, אין גענוס, אין גייסטיגען ווי אין קערפּערליכען — שטענדיג פֿון דעם, וואָס אַנדערע האָבען געטהאָן און וואָס אַנדערע טהוען. אין פֿערשווענדונג, אין פֿוילענצעריי, אין געזעלשאַפֿט, אין בעגריסונגען און לויב־געזאַנגען, אויף רייזען, אין רוהה לעבען זיי. דאָ האָט ער כסדר געענדערט די ווערטער, און האָט זיי ווידער און ווידער געענדערט, נאָר עס איז אַרויסגעקומען.

זייער גרעסטע אָנשטריינגונג, האָט ער געזאָגט, איז אויפֿצונעהמען נייע קאָמפּאַניע און אַליך נייע בעגריסונגען. זייער גרעסטע געפֿאַהר, האָט ער געזאָגט, איז אַ פֿערקיהלונג אָדער אַ צו שווערע פֿערדייאונג.

און כדי זיכער צו זיין, אַז די פֿרוכט פֿון דעם אַנדערן׳ס אַרבייט זאָל קיינמאָל ניט קענען צוגענומען ווערן פֿון זיי, — וואָס טהוען זיי?

זיי שטעלען זיך אַנטקעגען אַלעס, וואָס סטראַשעט מיט אַן אַנדער אָרדנונג; זיי זיינען אויך געגען יעדע נויטווענדיגע אומוואַנדלונג. זיי זיינען געגען דער בעפֿרייאונג פֿון יענע, וועלכע האָבען גאָרנישט עררייכט. זיי האַנדלען, עפּעס אַזוי ווי די געזעלשאַפֿטליכע אָרדנונג וואָלט פֿון דער אייביגקייט אָן געמאַכט געוואָרען פֿאַר זיי. ביז אַהער און ניט ווייטער.

דו פֿערשטעהסט, אַז די אַלע געדאַנקען האָב איך פֿון מיין צוזאַמענלעבען מיט איהם; איך וואָלט געקענט אויף מיין שטייגער האַלטען אַלע זיינע רעדעס און יעדענפֿאַלס פֿליסענדער. נאָר איך מיין, אַז זיין בייטען די ווערטער און דאָס, וואָס ער פֿלעגט זיך כסדר פֿערהיקען דערביי, האָט געווירקט, אַז די ווערטער, וועלכע זיינען ענדליך אויסגעוועהלט געוואָרען, האָבען געקראָגען אַ פֿולערע בעדייטונג. איך פֿון מיין זייט האָב עס אויפֿגעשריבען; אַלעס אין אונזער קורצען צוזאַמענלעבען האָב איך אויפֿגעשריבען."

„אַלעס?"

„איך זאָג דיר, אַלצדינג, וואָס האָט נור געהאַט אַן אינהאַלט. אַלעס, אַלעס. ער האָט דאָך קיין איין צייל ניט געשריבען; ער האָט קיין צייט ניט, פֿלעגט ער זאָגען. ער האָט עס פֿיינט געהאַט. אַז דער טויט האָט איהם דאַן צוגענומען פֿון מיר און פֿון אונז אַלעמען, וואָס זשע האָב איך דאַן געהאַט בעסערס צו טהאָן? — ניין, זאָג גאָר־נישט, איצט מוזט דו מיך לאָזען דערצעהלען! — ער האָט דעם זעלבען געדאַנק צוגליעדערט פֿון דער רעליגיעזער זייט. ס'איז שוין געווען זיין שטייגער אַזוי, אַרומצונעהמען אַ געדאַנק פֿון אַלע זייטען. ער האָט געזאָגט, אַז ער איז היינט געווען ביי אַן אַלטער פֿרוי, וועלכע האָט זיך בעקלאָגט, אַז זי קען ניט געהן אין קירכע, מחמת זי האָט קיין שיך ניט. ס'איז געווען אַ גאַנצער עסק צו קריגען פֿאַר איהר שיך, וואָרים די צוויי קראָמען, וועלכע האָבען פֿאַרטיגע שיך, האָבען ניט געוואָלט פֿערקויפֿען אום זונטאָג. אָבער זי האָט געקראָגען שיך. ער האָט זי שפּעטער געזעהן געהן אין קירכע — פּונקט אין דערזעלבער צייט מיט דער קעניגין און איהר סוויטע.

דאָ האָט ער זיך געטראַכט, עס זיצען אַסך מענשען אין קירכע מיט זעהר שלעכטע שיך, און אַסך בלייבען אין דערהיים, ווייל זיי שעהמען זיך צו געהן אַהין; זיי האָבען צו שלעכטע שיך און זיינען אַחוץ דעם אויך צו אָרעם געקליידט. ווער זיינען זיי דען, די, וואָס האָ־בען בעזונדערס אַזעלכע שלעכטע קליידער און שיך? די, וועלכע האָבען אַם מעהרסטען געאַרבייט, געאַרבייט, ביז וואַנען זיי זיינען פֿון דער אַרבייט געוואָרען טויט-קראַנק.

אָבער די, וועלכע האָבען ניט געאַרבייט. די האָבען צעהן פּאָר

שיך, זיי קענען האָבען טוויזענד פּאָר. און קליידער אויך אין גרעסטען איבערפלוס. ער איז ניט געווען אין קירכע, האָט ער געזאָגט, נאָר ער ווייסט, אַז עס ווערט געפּריידיגט, אָקוראַט ווי עס וואָלט געווען די נאַטירליכסטע זאַך אין דער וועלט, אַז די, וואָס האָבען שיך, דאַרפען געבען יענע, וועלכע האָבען ניט. עס ווערט געפּריידיגט אין יעזוס'עס נאָמען, אַזוי ווי ער וואָלט זיי דאָס געלערנט. יעזוס, הייסט עס, איז געקומען, כדי זיי אַלעמען גליקליך צו מאַכען, און דאָס איז דער בעסטער אופן. „ער איז געקומען און האָט גוטעס געטהאָן," שטעהט געשריבען.

אָבער פון קירכע געהען זיי אַלע אַהיים, אַזוי ווי זיי זיינען אַהין געקומען; זיי בייטען זיך ניט מיט די שיך, און בייטען זיך אויך מיט די קליידער ניט. דער איינער געהט צוריק צו זיין רייכטהום, צו זיין איבערפלוס און צו זיין רוה, דער אַנדערער צו זיין אָרעמקייט און צו זיין נויטה. די, וועלכע האָבען ניט געקענט געהן, ווייל די אָרעמקייט איז צו גרויס, די זיצען נאָך איצט דאָרט, וואו זיי זיינען געזעסען פ אַ ר׳ן גאָטעס-דיענסט.

אָט דאָס איז אונזער קריסטענטהום, האָט ער געזאָגט. און ער האָט געהאַט אַ רעכט צו ריידען וועגען דעם, קען איך דיר זאָגען, וואָרים ער האָט געגעבען פון זיין „איבערפלוס"."

„אָבער איהר האָט דאָך אין אַ געוויסען זינן געפיהרט אַ רייך, בהרחבה'דיג לעבען?"

„יאָ, ער פלעגט זאָגען, אַז דאָס איז דאָס רעכט פון אַלע מענ־שען. ווער עס פיהלט זיך בכח צו אָפּפערן אויך דאָס רייכע, דאָס זיסע לעבען, דער מעג עס טהאָן; אָבער פאַר דאָס רוב געבילדעטע מענשען איז דאָס וואויל-לעבען די בעדינגונג פאַר אַרבייט און הילף, דער יסוד פאַר פרייד. אויך ליגט אין דעם דער צוג צום שעהנעם, און דאָס איז אַ זעלטענער טריעב.

ניין, וואָס ער האָט פערלאַנגט, איז געווען, אַז יעדער איינער, ווער עס קען נור, זאָל זיך אַליין ערנעהרען — דו הערסט, מיין טאָכטער! — און אַז יעדער איינער, וואָס האָט רייכטהום, איבער־פלוס, זאָל איהם פערוואַנדלען אין אַרבייט, וואָס איז פרוכטבאַר פאַר אַנדערע. פייג און אונפערשעהמט, האָט ער געזאָגט, איז די קירכע

וועלכע פֿערלאַנגט דאָס ניט, אָהן נשיאת פנים, אָהן רעספּעקט פֿאַר דער פּערזאָן."

„ווי טאָלסטאָי, הייסט עס?" —

„ניין, זיי זיינען געווען זעהר פֿערשיעדען. טאָלסטאָי איז געבוירען פֿון'ם סלאַווישען פֿאָלק. איוואַן דער גרויזאַמער און טאָלסטאָי,ביידע אינאיינעם; וואָרים זיי זיינען די היפכים, די קאָנטראַסטען, וועלכע היינגען אָב איינס פֿון אַנדערן. דער איינער האָט געטהאָן אַלצדינג מיט געוואַלט, דער אַנדערער וויל זיך אפילו ניט אַנטקעגען שטעלען. דער איינער האָט געמוזט אונטעריאָכען יעטוועדען ווילען, כדי צו קריגען פּלאַץ; דער אַנדערער וויל עס איהם געבען מיט'ן גוטען ווילען, זייענדיג זיכער, אַז די תאוה וועט דאַן אָבשטאַרבען. דער סלאַווישער טיראַנען־דראַנג, די ליידענשאַפֿטליכע גרענצענלאָזיגקייט נאָך ביידע זייטען, געבוירען פֿון'ם זעלבען פֿאָלק און פֿון די זעלבע פֿערהעלטניסען.

די גאַנצע פֿרייהייט, וואָס מיר בעזיצען אין מערב־אייראָפּאַ, האָבען מיר געקראָגען דורך דעם, וואָס מיר האַלטען אויף גרענעצען ניט בלויז פֿאַר זיך אַליין, נאָר אויך פֿאַר אַנדערע. דאָס הייסט דער־מיט וואָס מיר שטעלען זיך אַנטקעגען. דאָס שוואַכע איז גרענצענלאָז; דאָס שטאַרקע מאַכט גרענעצען און האַלט זיי אָן."

„אָבער די ביבעל לערנט דאָך אויך —"

„נו יאָ; אָבער זי איז דאָך אויך פֿון די מזרח־לענדער. די מערב־לענדער האַנדלען ג ע ג ע ן די ביבעל.

דאָס, וואָס איך זאָג דיר דאָ, איז פֿון דיין פֿאָטער."

„האָט ער געקענט טאָלסטאָי'ן?"

„ניין; נאָר ער האָט געקענט דאָס, וואָס איז עלטער איידער די ביבעל און איידער טאָלסטאָי."

„ער איז אַלזאָ געווען אַ גרויסער רעדנער?"

„אַזוי סמייע איך ניט איהם אָנצורופֿען; ער האָט ניט געהערט צו די אָנזאָגער, נאָר צו די זעהער. יאָ, שלאָג מיר ניט איבער! — ער האָט געזאָגט, אַז אין הונדערט יאָהר אַרום וועט די גרויסע מאַסע קוקען אויף יענע, וועלכע לעבען אין פּוילענצערייי און אין לוקסוס, פּונקט ווי מיר קוקען איצט אויף די שווינדלער און די אויסוואורפֿען."

„אָה מוטער, — ווי אַזוי האָסט דו זיך געפֿיהלט דערביי?"

„טאָג און נאַכט האָט עס געברויזט און געציטערט פֿון זיין שטימע אין מיר. איך בין געזעסען אַזוי ווי אונטער אַ שטורם-וואלקען. ניט אַז ער האָט פֿילייכט געשריען און געליאַרעמט. ניין, זיין פּערזענליכקייט איז דאָס געווען און עפּעס וואָס עס איז אין דער שטימע. זי איז געווען אַזוי ווי פֿערמאַכט און טיעף, יאָ, זי איז עפּעס אַזוי ווי פֿון דער טיעפֿעניש אַרויסגעקומען. ס׳איז געקומען מיט אימפּעט, נאָר ס׳האָט געהאַלטען אין איין קומען, אָהן אַן איבערשלאָג. כ׳מיין, ער האָט גערעדט איבער צוויי שטונדען. דעם, אויף וועמען ער האָט צופֿעליג אַ בליק געטהאָן, האָט ער אָנגעקוקט, און אַז ער האָט אַרויסגעקוקט דורך׳ן פֿענסטער, איז ער דערביי געבליבען. פֿערלאָרען, אונבעהאָלפֿען, פֿערשטעהסט דו מיך. די אויגען האָבען זיך פֿון אינעווייניג אַרויס אָנגעפֿילט מיט בראַנד, ער איז געשטאַנען אָנגעבויגען אין פֿראָנט, ווי אַ בוים אין אַ מיטען באַרג. דעם אמת זאָגענדיג, האָב איך געטראַכט וועגען דעם וואַלד. שפּעטער, ווען איך בין זיך מיט איהם נעהענטער צונויפֿגעקומען, האָט עס טאַקע נעשמעקט נאָך וואַלד פֿון איהם. און דאַן איז די הויט זיינע געווען אַזוי ריין. אַזוי דער טהייל פֿון׳ם האַלז, וואָס איז ניט געווען אָבגעבערענט פֿון דער זונן, ווייל ער פֿלעגט געהן אָנגעבויגען אין פֿראָנט — דו קענסט זיך גאָר ניט פֿאָרשטעלען, ווי פֿיין און ווי צאַרט עס איז געווען.

„יאָ, ווי בין איך פֿאָרט געקומען דערצו? אָבער וואָס מאַכט עס אויס? אַצונד בין איך דערביי, און וויל בלייבען דערביי, ביי דיין פֿאָטער! גאָט מיינער, מאַגנע, ווי איך האָב דאָס איהם געליעבט, און און ווי איך ליעב איהם נאָך אויף אייביג!"

זי האָט אויסגעבראָכען אין טרעהרען, און דאַן זיינען זיי געלעגען צוגעטוליעט ברוסט צו ברוסט. זיי זיינען אָבגעשניטען געוואָרען פֿון די מאַטע פֿאַרבען אין וואַלד און פֿעלד אין דער אונזיכערער לופֿט און פֿון דעם שאַרפֿען גערויש פֿון טייך. די אומגעבונגען האָבען זיך גאָרנישט צוגעפּאַסט, זיינען געווען פֿיינדליך צו זייער שטימונג. מחמת דעם האָבען זיי זיך נאָך טרייער געהאַלטען אַרומגענומען און אָבגעגעבען איינע דער אַנדערער אַלע קרעפֿטען.

„מאַגנע, ס׳איז ניטאָ קיין סדר, קיין בעשטימטע אָרדנונג אין

דעם אַלעס, וואָס איך האָב דיר דאָ צו זאָגען. איך ווייס נור, וואָס איך בעצוועק, וואוהין איך וויל צוקומען.

יאָ, ס'איז געווען די נאַטור דאָ אַרום, גרויסאַרטיג מיט פּער־באָרגענע בעהעלטענישען; אַזוי האָט זיך מיר עפּעס אָבגעדוכט. אַלצדינג איז געווען ניי פאַר מיר, אויך די נאַטור; איך בין געווען אויף דער וועלט, כ'בין אַרומגעפאָהרען, נאָר ניט אין נאָרוועגען.

ווענען אונז פרויען זאָגען זיי, אַז מיר קענען ניט כאַראַקטעריזירען, נאָר בלויז אַבסטראַקט ליבען און הויבען אין הימעל אַריין די, וועלכע מיר ליעבען. אָבער ער האָט געהאַט אַ פריינד, זיין בעסטער פריינד, ד ע ר האָט געקענט כאַראַקטעריזירען, דער דיכטער — *). דער איז געווען אויף קאַרל מאַנדער'ס לעצטע פערזאַמלונג, און ער איז פון דאָרט געקומען צו מיר, ווען דיין פאָטער איז געשטאָרבען. מיר האָבען גערעדט וועגען אַלצדינג, אַזוי פיעל ווי איך האָב נור געקענט. ער האָט איבער איהם געשריבען דאָס שעהנסטע, וואָס איז נור געשריבען געוואָרען. איך קען אויסענווייניג אַלעס, וואָס איז מיט האַרץ געשריבען געוואָרען וועגען דיין פאָטער.

„ווייסט איהר, וואָס ער איז געווען?" האָט ער געשריבען. „ווען די לאַנדשאַפט, וועלכע איך זעה אַרום מיר, וואָלט עפּעס געזאָגט אויף דעם שטייגער פון מענשען, אין דער מענשען־שפּראַך; ווען דער דונקעלער, הויכער וואַלד וואָלט זיך אָנגעגורטעלט, כדי צו ענטפערן דעם שטראָם דאָרט אויף דער אַנדער זייט און די ביידע וואָלטען אָנגעהויבען ריידען איינע מיט די אַנדערע איבער די קעפּ פון די בוימלאַך און קוסטען, וואָלט דאָס געווען, ווי דער איינדרוק, וועלכען מען האָט געהאַט, ווען קאַרל מאַנדער האָט אַזוי לאַנג גערעדט, אַז דאָס ברויזען פון זיין טיעפער שטימע און די געדאַנקען, וואָס זי האָט אויסגעפיהרט, זיינען געוואָרען איינס.

האַסטיג, מיט אימפּעט און ניט לייכט, גלייך ווי טיעף פון אינעווייניג אַרויס, אונבעהאָלפען, אַזוי אַז ער האָט אָפט געביטען די ווערטער, איז ער פון אַלע זייטען צוגעקומען צו דעם זעלבען. דער

---

*) זי האָט נאַטירליך אָנגערופען דעם נאָמען.

געדאַנק פֿלעגט ענדליך ווערן אַזוי דורכזיכטיג, ווי אַ פֿיינעם בעראָזעווע בלאַט אַנטקעגען דער זונן."

„איז עס אַזוי געווען?"

„ניין, שלאָג מיר ניט איבער!" — „קאַרל מאַנדער איז מיר אָפֿט פֿאָרגעקומען אַזוי אונעהנליך צו אַלע אַנדערע, גלייך ער וואָלט ניט געהערט צו דערזעלבער אָרדנונג. ער איז אין אַ געוויסען פּרט ניט געווען קיין איינצעלנער מאַן, נאָר אַ שטיק פֿאָלק. ער פֿלעגט דורכגעהן פֿערביי איינעם ווי דער פֿליסענדער טייך. לויט געלעגענהייט און לאַנדשאַפֿט, נאָר שטראָמענדיג אָהן אַן אָבשטעל. אין לעבען ווי אין ריידען. די שטימע איז אויך ניט געווען פּערזענליך, זי האָט געהאַט אין זיך עפּעס ווי אַ מין ברוזען. אַ מעלאַנכאָליש ווירקענדער קלאַנג, נאָר איינפֿאָרמיג, אונאויפֿהערליך."

„דאָס איז דאָך דער איינדרוק פֿון'ם ים, מוטער!"

די מוטער איז געווען אַזוי שטאַרק פֿערזונקען אין איהרע ערא־נערונגען, אַזוי וואַרם אין איהרע בעוועגונגען, אַזוי לעבעדיג אין דער שטימע און די אויגען, ווי אַ יונג מיידעל. אַצונד האָט זי זיך אָבגעשטעלט.

„ווי דער ים, זאָגסט דו? ניין, ניין, ניט ווי דער ים! דער ים איז דאָך בלויז אויג. ניין, ליעבעס קינד, ניט דער ים! טיעפֿעניש און פֿערבאָרגענע ערטער פֿול מיט בעקוועמליכקייט, די האָט דאָך דער ים ניט. צוטרוייליך און ווארם איז עס ביי איהם געווען; די גרעסטע איבערגעבענהייט איז געווען די זייניגע. הער ווייטער: „קאַרל מאַנדער איז אויסגעוועהלט," האָט ער געשריבען, „אויסגעוועהלט צום פֿאָרלויפֿער, איידער דאָס פֿאָלק אַליין קען קומען. אויסגעוועהלט, ווייל ער איז גוט און אונשולדיג; דער בליק אויף דער צוקונפֿט איז ניט געלעגען אַלס אונריינער אָבזאַץ אויף דעם גרונד פֿון זיין זעלע."

„דאָס איז שעהן געזאָגט."

„קינד, קענסט דו בעגרייפֿען, ווי מיטגעריסען איך בין געוואָרען, איך, וואָס איך האָב געהאַט אונקלאָהרע געפֿיהלען, אַז דאָס, וואָס רינגעלט מיך אַרום, איז ניט עכט. אָט דאָ האָב איך געהאַט עפּעס וואָס איז געווען עכט!

און ער אַליין! מיר פֿרויען ליעבען דאָס, וואָס איז בעריהמט,

ניט נור ווייל עס איז בעריהמט. ניין, עס מוז אויך אין דערזועלבער צייט זיין שוואַך, און עס מוז האָבען עפּעס, צו וואָס מיר זאָלען קענען געבען אונזער הילף. מיר מוזען האָבען פאַר זיך אַ מיסיאָן און דו קענסט זיך גאָר ניט פאָרשטעלען, ווי מעכטיג ער איז געווען און ווי אונמעכטיג."

„אין וואָסער הינזיכט אונמעכטיג, מוטער?"

„נו, — צו קומען אַהין אַ שכור'ער — !"

„יאָ, נאַטירליך!"

„און די אַרט פון זיין ריידען? ער האָט דאָך ניט געקענט גע־פינען גלייך די פּאַסענדע ווערטער, האָט געענדערט און זיך אַליין פּעררינכט אין רעכטען מיטען רעדע־שטראָם! — נאָר האָט ער אַריינ־געקראָגען עפּעס אין דער האַנד, האָט ער עס ניט אָבגעלאָזט. איז דאָס געווען דאָס וואַסער-גלאָז, און דאָס רוב איז עס געווען דאָס וואַסער-גלאָז, האָט ער עס געהאַלטען גאַנץ פעסט און צוליעב'ן גלאָז האָט ער געהאַלטען די האַנד אַ פערטעל שעה נאָכאַנאַנד אונבעוועג־ליך. זיין וועזען איז געווען אַזוי דורך און דורך ריהרענד איינפאַך, אָדער ווי זאָל איך עס אָנרופען? ער איז געווען אַ זעהער, ער איז ניט געווען קיין אָנזאָגער, — יאָ, דאָס האָב איך דיר דאָך שוין איין מאָל געזאָגט. אָבער דאָס זיינען גאַנץ אַנדערע מענשען, די זעהער. זיי קענען זיך אַליין ניט רעכט אָבגעבען קיין רעכנונג איבער זיך, זיי זיינען דורכאויס ניט קיין פּוסטע בעל גאוה'ניקעס. גאָט, וואָס פאַר אַ לוסט איך האָב דאָס געהאַט צוצוגעהן צו איהם און איהם אַראָב־צונעהמען די מאַנשעטען! מען האָט געקענט זעהן, אַז ער איז ניט געוואוינט געווען צו טראָגען מאַנשעטען. אימיצער האָט איהם אַודאי געמוזט זאָגען, אַז עס פּאַסט ניט אָהן מאַנשעטען צו ריידען פון אַ קאַטהעדרע. נו, האָט ער זיי אין גאַנצען צוקנייטשט, זיי האָבען זיך אָבגעשפּילעט אָדער זיינען גאָר ניט געווען צוגעשפּילעט, זיי האָבען זיך איהם אַרונטערגערוקט איבער די הענד. איהם געגעבען אַרבייט, זיי אַלע ווײַלע אַרויפצורוקען. מיט זיין וועסט איז אויך וואָס עס איז ניט געווען אין אָרדנונג; קרום צוגעקנעפּעלט, גלויב איך, זי האָט זיך אויף איין זייט שטאַרק געקנייטשט און מען האָט געקענט אַרויסזעהן איין הויזען-טרעגער — ווייניגסטענס האָב

איך איהם געזעהן, ווארים איך האב דיין פאטער געזעהן פון דער זייט, און דאס ליכט איז געפאלען אויף איהם. און אט דער שטארקער מאן מיט דעם איינגעבויגענעם קאפ .... דו, טרעהרען זיינען מיר געקומען אין די אויגען. ווארים פון וועמען וואלט ער זיך ניט געלאזט מיטשלעפען?

אזוי שטארק ווי מען האט עס נור געקענט פיהלען, האב איך געפיהלט, אז מען מוז איהם העלפען. ס'איז מיר ניט געווען קלאהר, אז דאס מוז איך דאס איהם העלפען; כ'בין נור געקומען אזוי וויים, אז מען מוז איהם ליעבען און איהם העלפען."

דא האבען די עראינערונגען מיט אזא אימפעט א שטראם גע־טהאן איבער איהר, אז זי האט ניט געקענט ריידען ווייטער און האט זיך געמוזט אבקעהרען אן א זייט.

פאר איהר טאכטער איז די מוטער גאר א נייע געווארען.

דאס איז ניט געווען די, וועלכע איז אין דערהיים שטענדיג געווען פערנומען מיט איהר הויז-ארבייט, ניט די, וועלכע פלעגט איהר שיקען קלוגע בריעף אין רוהיגע ליעבליכע ווערטער. וואס פאר א ליידענשאפט, און ווי שעהן אט די ליידענשאפט האט זי געמאכט!

„ווי איז דאס מיט דיר צוגעגאנגען, ליעבע מוטער?"

„אזוי, אז איך האב ניט געוואוסט, וואס עס טהוט זיך מיט מיר. אין א טאג ארום האבען מיר אבגערייזט, און דארט, וואוהין מיר זיינען געקומען, זיינען געלעגען זיינע ביידע הויפען.

נאר אזויפיעל האב איך נאך פערשטאנען, אז ווען א טהייל פון אונז האבען זיך געמוזט פונאנדערטהיילען און געהן שלאפען אין די שכנ'ישע הויפען ארום, האב איך פאר מיר אויסגעקליבען יענעם הויף, וואס איז געלעגען אם נעהענטסטען צו זיינעם.

און אזוי ווי איך האב שוין מעהר קיין קראפט ניט געהאט צו בעקעמפפען דעם שטורם אין מיר, האב איך איהם אנגעשריבען א בריעף אהן אן אונטערשריפט. כ'האב איהם געשריעבען, אז איך וואלט גערן געוואלט זיך דורכריידען מיט איהם און איהם געבעטען, ער זאל מיך אבווארטען אויף'ן וועג צווישען זיין הויף און אונז; דער האט זיך געצויגען דורך זיין וואלד. דעם בריעף האב איך אליין אריינגעווארפען אין זיין בריעפקאסטען אויף'ן וועג.

דו קענסט זיך פֿאָרשטעלן, ווי צוטומעלט איך בין געווען, ווען דו הערסט, אַז איך האָב בעשטימט די צייט אויף צעהן אַזייגער אין אָבענד, ווייל איך האָב געמיינט, אַז עס איז שוין דאַן פֿינסטער! כ'האָב זיך גאָר ניט בערעכענט, אַז עס איז נאָך ליכטיג, מחמת מיר זיינען איצט געווען אַזוי ווייט אַוועק צו צפון צו! דער רעזולטאַט איז געווען, אַז איך האָב ניט געסמייעט אַרויסגעהן פֿון שטוב פֿאַר עלף אַזייגער, און איך בין געווען איבערצייגט, אַז איך וועל שוין קיינעם מעהר ניט טרעפֿען.

אָבער אָט איז ער געגאַנגען! שוואַר און איינגעבויגען, אין דער האַנד דעם הוט, וועלכען ער האָט צונויפֿגעדרעהט ווי אַ פילקע, איז ער אָנגעקומען אַזוי לאַנגזאַם, פֿערלעגען־פֿריינדליך און אונגעשיקט.

„כ'האָב געוואוסט, אַז דאָס זייט איהר,” האָט ער געזאָגט.

„אָה גאָט, מוטער, און וואָס האָסט דו געטהאָן?”

„איך האָב אין יענער רגע גאָר אַליין ניט געקענט פֿערשטעהן, פֿון וואַנען ס'האָט זיך צו מיר גענומען דער מוטה! יאָ, איך האָב ניט געוואוסט, וואָס איך וויל פֿון איהם האָבען! בשעת איך האָב איהם דערזעהן, האָב איך געפֿיהלט, אַז איך וואָלט געקענט זיך אומקעהרען אַהיים, אַנטלויפֿען פֿון דאָרט. אָבער זיין מאָדנער גאַנג, אָט די זיכערע, לאַנגזאַמע טריט, דעם הוט אין דער האַנד און דער געגרייזעלטער קאָפּ . . . ., כ'האָב געמוזט אַ קוק טהאָן צו איהם. און אַזוי מערק־ווירדיג דאָס, וואָס ער האָט געזאָגט: „כ'האָב געוואוסט, אַז דאָס זייט איהר!” ווי אַזוי האָט ער דאָס געקענט וויסען? איך קען זיך ניט דערמאָנען אויף ריכטיג, צי איך האָב געפֿרעגט, אָדער ער האָט בלויז בעמערקט מיין פֿערוואונדערונג; נאָר ער האָט דערצעהלט, אַז ער האָט מיך געזעהן, בעת מיר זיינען אַהיים געגאַנגען פֿון'ם פֿאָרטראַג; ער האָט געהערט, ווער איך בין. ס'איז עפּעס געווען אַזוי זעלטזאַם פֿאַר מיר צו הערען יענע טיעפֿע שטימע, וועלכע האָט מיר געקלונגען אַזוי אונגעוועהנליך, גלייך זי וואָלט געקומען פֿון דער ווייטער צוקונפֿט, — צו הערען, ווי אָט די טיעפֿע שטימע פֿערענטפֿערט איהם דער־פֿאַר, וואָס ער האָט געזאָגט אַזוינס, וואָס קען מיך בעליידיגען. (איי־דער ער איז געקומען צו די ווערטער: „אייך צו בעליידיגען, פֿרייליין,” האָט ער געזאָגט: „די קעניגין צו בעליידיגען, — כ'מיין צו זאָגען:

די קעניגין און איהרע דאַמען צו בעליידיגען, — כ׳וויל זאָגען: אייך צו בעליידיגען, פֿריילין!") ער האָט געהאַט אַזויפֿיעל אַנדער מאַטע־ריאַל, וואָס ער וואָלט געקענט אויסקלייבען, האָט ער געזאָגט, און אַזויפֿיעל אַנדערע וועגען צוצוקומען צו דעם, וואָס ער איז אויסען געווען. ער וואָלט געקענט זאָגען אַזויפֿיעל גוטעס וועגען דער קעניגין, פֿון וואָס ער האָט ווירקליך געוואוסט; נו, האָט ער זיך גאָר פֿערגע־סען אָן דעם. אַזוי האָט ער אַלץ ווייטער גערעדט, די אויגען גאַנץ נאָהענט צו מיינע. איבערגעבענע, טריי־האַרציגע, אָבער שטאַרקע אויגען, וועלכע האָבען מיך אַריינגעצויגען אין זיך. ווי אַ גערויש דורך דעם שטילען וואַלד האָט אָבגעקלונגען זיין אונערגרינדליכע, פּראָסטע עהרליכקייט. די אויגען האָבען עפּעס אַזוי ווי כסדר געפֿרעגט: וואָס זשע, איהר גלויבט עס דען ניט, פֿריילין? מען קען זיך גאָר ניט פֿאָר־שטעלען, ווי ווייניג זיי האָבען געוואוסט דערפֿון, וואָס זיי האָבען געטהאָן.

ער האָט גערעדט, און איך האָב זיך צוגעהערט, און אַלץ נעהנטער און נעהענטער זיינען מיר צוגעקומען איינער צום אַנדערן. אָבער די פֿרייד, וואָס איך האָב געפֿיהלט, און וועלכע האָט קיין ווערטער ניט געהאַט — וואָס האָב איך דען געוואָלט זאָגען? — בערעכען פֿאָרט; ענדליך האָב איך איהר שוין מעהר ניט געקענט קאָנטראָלירען, זי האָט זיך צובונטעוועט. מיט אַמאָל האָב איך אַליין דערהערט ווי איך לאַך! דאָ האָסט דו געדאַרפֿט זעהן, — אָהן וואָס פֿאַר עס איז איבערגאַנג איז ער מיר אַריינגעפֿאַלען אין מיין געלעכ־טער! האָט אַזוי געלאַכט, אַז עס האָט אָבגעקלונגען אין גאַנצען וואַלד! די פֿישער זיינען גראָד פֿערבייגעפֿאָהרען, כדי צו זיין אויף׳ן פּלאַץ, ווען די זונן וועט אויפֿגעהן; זיי האָבען זיך אָנגעשפּאַרט אויף די רודערס און זיך צוגעהערט; זיין געלעכטער האָבען אַלע געקענט. איך האָב עס אויך געקענט, פֿון דעמאָלט, ווען ער איז פֿערבייגע־גאַנגען מיט זיינע ביידע שקלאַפֿען. אַ „פֿאַון" האָט אין איהם געשטעקט. נאַטירליך אַ נאָרדישער „פֿאַון", אַן אונגעהייערער וואַלד־מענש, אַ ווילדער, אויסגעלאַסען, נאָר אונשולדיג, וואָס פֿיהרט צוויי בערען, איינעם אונטער יעדען אָרם! יאָ, אַזוי וואָס. ניט קיין „קאָבאָלד", קיין הויז־גייסט, פֿערשטעהסט דו מיך, די זיינען אַזוי דום און בייז."

„דו זאָגסט „אונשולדיג", מוטער? וואָס מיינסט דו דערמיט, אַז ער איז געווען אונשולדיג? ער, וואָס האָט אין דערזועלבער צייט געקענט זיין אַזוי ווילד?"

„אַך, איהם האָט גאָרנישט געשאַדט. וואָס ער זאָל ניט האָבען געקענט און געוואוסט, — ער איז ניט קוקענדיג דערויף דאָך געווען אַ גרויס קינד. איך זאָג דיר, פונקט אַזוי צאַרט און פונקט אַזוי ריין און אונבעריהרט. ביי איהם אינעווייניג האָט געוואוינט אַזאַ גרויסע אומוואַנדלונגס-קראַפט, אַז אַלצדינג, וואָס האָט זיך ניט צוגעפּאַסט צו זיין נאַטור, איז אין איהר פערשוואונדען. און עס איז שוין מעהר ניט געווען."

„מוטער, וואָס איז געוואָרען דערפון? — אָה, פּאַרוואָס האָסט דו דאָס איבערגעלעבט, און ניט איך?" און ווי זי האָט דאָס נור אָבגעזאָגט, איז זי גלייך אַוועקגעגאַנגען.

די מוטער האָט זי געלאָזט געהן. זי אַליין האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף אַ שטיין און געוואַרט. ס'איז געווען אַ חיות צו לאָזען אַ ווילע אָברוהען די געדאַנקען. זי איז געזעסען אַ היבשע ווילע אַליין און וואָלט נאָך גערן געזעסען לייגגער; נאָר די וואָלקענס האָבען זיך אָנגעהויבען צונויפּציהען. דאָ איז מאַגנע צוריקגעקומען מיט אַ בוקעט, אַ גאַנצע מאַסע פון די צאַרטעסטע וואַלד-בלומען און פיינע גראָזען, וועלכע זיינען געווען פיין אַרומגעלייגט אַרום אַ טאַנען-צווייג מיט קאָנוסען דערויף, גרוי-גרינע, יונגע קאָנוסען. „דו מוטער? אָט אַזוי איז ער דאָך געווען? — ניין, ליעבע מוטער, דו ווייסט גאָר?"

„פּאָר גליק, קינד, פּאָר גליק און שמערצליכער ביינקעניש צוגלייך. דו וועסט נאָך אַמאָל פערשטעהן, אַז דאָס זיינען די אַנגענעהמסטע, זיסעסטע טרעהרען אין לעבען!"

אָבער מאַגנע האָט זיך אַנידערגעלייגט אין גראָז לעבען דער מוטער.

„מוטער," האָט זי געזאָגט, „דו ווייסט גאָר ניט, ווי גליקליך דו האָסט מיך היינט געמאַכט!"

„איך זעה עס, ליעבעס קינד. ס'איז געווען גוט פון מיר, וואָס איך האָב געוואַרט! ס'האָט מיך פיעל געקאָסט, דאָס קענסט דו מיר גלויבען; נאָר ס'איז געווען גוט פון מיר."

„מוטער, ליעבע מוטער! לאָמיר זיך אומקעהרען אַהיים צו אונז אין וואַלד, איבער'ן וועג דורך אונזער וואַלד! לאָמיך הערען ווייטער! דאָרט איז עס אַלזאָ געוועןֹ! מוטער, דערצעהל! ווי איז עס פֿאָרט צוגעגאַנגען מיט דיר, מאַמעלע, זיסע! גאָט, ווי שעהן דו ביסט! אין דיר ענטדעקט מען דאָך כסדר עפּעס נייעס."

די מוטער האָט איהר געגלעט איבער די האָר און איז געבליבען שטיל.

„מוטער, איך קען דעם וואַלד-וועג אין דער זומער-נאַכט. לאָראַ איז מיט מיר געגאַנגען דאָרט, ווען זי איז אַ כלה געוואָרען, און זי האָט מיר דערצעהלט, ווי עס איז געקומען. די פֿישער האָבען אויך דעמאָלט פֿערבייגערודערט, גראָד דאַן, ווען מיר זיינען צוגעקומען צו אַן עפֿנונג. מיר האָבען זיך בעהאַלטען הינטער אַ גרויסען שטיין. און דאָס זינג-פֿויגעלע האָט אָנגעהויבען סוויסטשען און אַ מאַסע אַנדערע פֿייגעל; נאָר וואָס מיך האָט אַם מייסטען בעצויבערט, דאָס איז געוועזן דער דופּט."

„ניט אמת? און דערפֿאַר טאַקע פֿלעגט זיך מיר שפּעטער כסדר אָבדוכטען, עפּעס אַזוי ווי קאַרל וואָלט געשמעקט נאָך וואַלד.— ניין, איך מוז דיר דערצעהלען, ווי „אונבעוואוסט" ער איז געוועזן, — יאָ, וואָס פֿאַר אַן אַנדער וואָרט זאָל איך דערצו בענוצען? מיר זיינען געשטאַנען שטיל און אַרויסגעקוקט צום ים. „אָה, וואָס פֿאַר אַ ביינ־קעניש דאָס דערוועקט!" האָב איך זיך אָבגערופֿען. „יאָ, נאָך'ן באָדען, ניט אמת?" האָט ער געזאָגט.

מאַנגע האָט אַרויסגעפּלאַצט מיט דעם פֿרעהליכסטען געלעכטער; די מוטער האָט געשמייכעלט. „איצט איז עס מיר שוין מעהר קיין וואונדער ניט. פֿאַר איהם איז דאָס וואַסער געוועזן מעהר ווי פֿאַר אונז. אין וואַסער פֿלעגט ער זיך אַריינוואַרפֿען אין אַלע צייטען, צי ס'האָט געפּאַסט צי ניט; אַז ער איז ניט געוועזן אויף די פֿעלדער אָדער ביי זיך אין ביוראָ, איז ער געוועזן דאָרט. פֿאַר איהם איז דאָס געוועזן דאָס שטאַרקסטע נאַטור-געפֿיהל; ער וויל זיך פֿיהלען קאַלט דורך די אומאַרמונג פֿון דער ערד, פֿלעגט ער זאָגען.

„איבעריגענס, קענסט דו זיך פֿאָרשטעלען, אַז ער אַליין האָט געלאַכט. יאָ, מיר האָבען אַזוי געלאַכט, אַז עס איז געוועזן אַ גאַנצער קאָנצערט."

„אָבער, מוטער, וואָס איז דערנאָך געווען? איצט קען איך שוין לייגנער ניט וואַרטען!"

„איך בין געקומען אַהיים, ווען די הויז-לייט האָבען זיך געקליבען אויפשטעהן. און ווי אין דער דאָזיגער נאַכט, אַזוי אויך אין דער קומענדער און דאַן אין דער נעכסט-קומענדער. איין נאַכט האָט עס גערעגענט, מיר זיינען געגאַנגען צוזאַמען אונטער איין רעגען־שירם. אָט דאָס איז דאָס געווען, וואָס האָט דאַן געבראַכט די ענטשיידונג."

„די ענטשיידונג? — וואָס הייסט?"

„נו יאָ, מיר זיינען אַלזאָ איינמאָל געגאַנגען אָרם אין אָרם, און עס איז שוין שפּעטער געבליבען ביים אָרם אין אָרם געהן."

„אָבער די אַנדערע, מוטער? וואָס זשע, איהר האָט גאָר קיין מורא ניט געהאַט פאַר די אַנדערע?"

„ניין, די אַנדערע האָבען ניט עקזיסטירט פאַר אונז. וואָס איך האָב אויסער דעם דורכגעלעבט, דאָס וויים איך ווירקליך ניט. ס'איז אויסגעקומען אַזוי, אַז מיר האָבען זיך איין נאַכט אַנידערגעזעצט. . . ."

„אַך, אַצונד קומט עס!"

„איך האָב געבעטען, מיר זאָלען זיך צוזעצען אַביסעל; כ'האָב מעהר ניט געקענט געהן. די נאַכט איז געווען הערליך, די שטילקייט, און מירביידע — ער האָט מיר בסדר אַריינגערעדט גלייך אין די אויגען אַריין, און ער האָט אַליין ניט געוואוסט, ווי אָט די אויגען האָבען אַצונד געשטראַהלט פאַר גליק. איך האָב ניט געהאַט קיין ווערטער, צולעצט אויך קיין אָטהעם ניט מעהר, כ'האָב זיך געמוזט אויסרוהען. און עס זיינען ניט אַריבער קיין סך שטונדען, בין איך געזעסען אויף זיין שוים."

„איז ער דאָס געווען, וואָס — ?"

„דאָס קען איך זיך ניט דערמאָנען גענוי; איך קען זיך בלויז עראינערן, ווי איך האָב פּערוואָרפען די אָרעמס אַרום זיין האַלז און צוגעטוליעט דאָס געזיכט צו זיין באָרד . . . . די וואויל־לוסטיגקייט, עטוואָס גאַנץ נייעס, גליקליך ביז אין דער טיעפסטער טיעפעניש פון דער נשמה. צו פיהלען אָט די ריזען־אָרעמס אַרום מיר, איך בין עפּעס אַזוי ווי אַוועקגעטראָגען געוואָרען ווייט, ווייט, אָבער מיר זיינען געזעסען אויף'ן שטיין."

„דו ביסט געווען ווי אויסער זיך?"

„יאָ, זעה, אַט דאָס איז דאָס! ס'הייסט, מען רופֿט עס אַזוי; אָבער אין געגענטהייל, ס'איז גאָר דאָס, אַז מען קומט מיט'ן גאַנצען פֿערשטאַנד אַריין אין אַ העכערער אָרדנונג. ביי איהם בין איך דאָ־פּעלט געווען איך אַליין. דאָס איז די ליעבע, אַלעס אַנדערע איז ניט קיין ליעבע."

„מוטער, מוטער, טאָ ביסט דו דאָס געווען די, וואָס האָט זיך אַרויפֿגעזעצט אויף זיין שויס? דו ביסט עס געווען?"

„כ'האָב מורא, אַז איך בין עס געווען. ער איז אודאי געווען צו בעשיידען און שעהמעדיג צו מאַכען אַזאַ אָנפֿאַנג. איך בין עס געווים געווען. יאָ, אייגענטליך ווייס איך, אַז איך בין עס געווען. וואָרים זיין לעבען האָט געמוזט גערעטעט ווערן. און ניט וויינינגער דערפֿון. איהם העל־פֿען, איהם נאָכגעהן, איהם פֿערגעטערן, מיך אין גאַנצען אָבגעבען צו איהם, דאָס אָדער גאָרנישט מעהר. איך מיין זיכער, אַז איך האָב עפּעס עהנליכעס געזאָגט, אויב איך האָב איבערהויפּט אויסגערעדט אַ וואָרט."

„אַה, דו ווייסט, אַז דו האָסט עס געזאָגט!"

„איך מיין, אַז איך האָב עס געזאָגט. אָבער פֿון אַזעלכע שטונ־דען קען מען ניט אַרויסנעהמען אויף ריכטיג, וואָס מען זאָגט און וואָס מען פֿיהלט."

זי האָט אַרויסגעקוקט איבער דעם לאַנגען טהאָל־וועג. זי איז געשטאַנען דאָ, ווי אימיצער, וואָס האָט ברעה צו זינגען. מיט דעם קאָפּ אין דער הויך, מיט אַן אָפֿענעם מויל, זיך צוהערענדיג צו די טענער, איידער זיי קומען אַרויס. אָבער ס'איז ניט געווען אַזוי; זי האָט געהערט די טענער, וועלכע זיינען אָבגעשטאָרבען אין איהר.

גלייך נאָכדעם האָט זי געזאָגט גאַנץ שטיל — די טאָכטער האָט געמוזט צוגעהן נעהנטער, דער גערויש פֿון טייך האָט אַוועקגעטראָגען איינצעלנע ווערטער — : „אַצונד זאָלסט דו עפּעס ערפֿאַהרען, מאַגנע, — — דו האָסט עס קיינמאָל פֿון מיר ניט געהערט, און אַנדערע האָבען עס דיר אויך ניט געזאָגט — —"

„וואָס איז דאָס אַזוינס, מוטער? דו דערשרעקסט מיך כמעט."

„בעת איך האָב דעמאָלט בעגעגענט דיין פֿאָטער, — — בין איך אַ כלה געווען."

„וואָס זאָגסט דו? — ד ו, מוטער?"

„כ'בין געווען פֿערלאָבט און האָב געזאָלט הייראַטהען; יאָ, ס'איז געווען מיין לעצטער מאָנאַט ביי דער קעניגין. די פֿערלאָבונג איז געשעהן און האָט געזאָלט דורכגעפֿיהרט ווערן אונטער דער העכסטער פּראָטעקציע."

„מיט וועמען — ?"

„דאָס איז עס! — — האָב איך דיר פֿריהער ניט געזאָגט, אַז בעת איך האָב זיך דאַן געטראָפֿען מיט דיין פֿאָטער, האָב איך זיך אַליין אויפֿגעגעבען?"

„ד ו, מוטער? — ניין."

„כ'האָב ניט געגלויבט, אַז דאָס לעבען קען מיר וואָס עס איז געבען, אָדער אַז איך האָב עפּעס צו ערוואַרטען. דאָס רוב מיידלאַך, וועלכע יוגען 28 יאָהר אַלט, אָהן דעם עפּעס זאָל געשעהן, — יאָ, עפּעס, וואָס איז ווערטה, מען זאָל זיך צוליעב דעם שטאַרקען און פּאַסען מוטה, — די גלויבען, אַז עס איז אַלצאיינס. יענע עלטער, אָדער די יאָהרען אַרום יענער עלטער, זיינען די געפֿעהרליכסטע."

„וואָס רעדסט דו?"

„דאַן גיבען דאָס רוב מיידלעך עס אויף."

זי האָט אָנגענומען דער טאָכטער'ס אָרם, האָט איהם אַ דריק געטהאָן, און דאַן זיינען זיי געגאַנגען ווייטער.

„איך מוז זיך אַלזאָ פֿאַר דיר מודה זיין." אָבער דאָס זאָגענדיג, איז זי אַנשוויגען געוואָרען.

„ווער איז דאָס געווען, מוטער?"

זי האָט עס געזאָגט אַזוי שטיל, אַז די מוטער האָט עס ניט געהערט, נאָר זי האָט דאָך געוואוסט, וועגען וואָס עס האָט זיך געהאַנדעלט.

„ס'איז געווען איינער, פֿאַר וועמען דו האָסט ווייניג רעספּעקט, מיין קינד. און מיט רעכט."

„דער פֿעטער!" — —

„ווי קומסט דו דערצו?"

„כ'ווייס ניט. — — דאָך, איז ער דאָס געווען?"

„ער איז דאָס געווען. יאָ, איך זעה, דו בעגרייפֿסט עס ניט. איך

אַליין האָב עס אויך קיינמאָל ניט בעגריפֿען. בערעכען נור, דיין פֿאָ־טער — און ער! און אונגעפֿעהר אין איין און דרײַסיג יאָר... דו פֿאָרשטעהסט, דו פֿאָרשטעהסט? און איך, וואָס האָב מיך מיט אַזאַ ליבע צוגעבונדען צו אים... ניין, דו פֿאָרשטעהסט ניט! — דאָס געפֿיהל פֿון אַ מוטער...

וואָס דיינקסט דו פֿאָרט פֿון מיר? נאָר גיב אַכטונג אויף דיר אַליין, מיין קינד!"

„מוטער!"

„נו, נו, — דו האָסט אַ מוטער; איך האָב זי ניט געהאַט. און דערצו בין איך נאָך געווען אין הויף. און אין די געפֿעהרליכע יאָהרען; דאָס האָב איך דיר שוין געזאָגט. ווען איינעם ווערט אַזוי אונגעפֿעהר אַלעס גאַנץ גלייכגילטיג.

איך האָב דאָך אויך געשפּיעלט דאָס שפּיעל, וואָס מיר האָבען היינט געזעהן. ניט מיט דיין טאַלאַנט. יאָ, קעהר זיך אָב! — איך האָב אויך גענוג עקעל געפֿיהלט אין לעבען, צווישען אַנדערעס פֿאַר זיך אַליין. און פֿלעג דאַן אַרומגעהן און אַראָבקוקען אויף אַלעם מיט פֿעראַכטונג, ביז עס איז געוואָרען שפּעט."

„אָבער — מיט'ן פֿעטער!" האָט מאַגנע ווידער אַמאָל אויס־גערופֿען.

„דעמאָלט האָבען מיר געקוקט אויף איהם מיט אַנדערע אויגען. אָבער איך וויל עס איצט ניט אויפֿראָיען פֿון דאָס ניי; כ'גיב בלויז צו, אַז עס איז געווען מיאוס.

נו, דו קענסט זיך דיינקען דעריבער, וואָס דו ווילסט; — כ'מיין איבער דעם גרונד, וואָס האָט געפֿיהרט דערצו."

די טאָכטער האָט אָבגעלאָזט דער מוטער'ס אָרם און האָט זי אָנגעקוקט.

„יאָ, מאַגנע, מיר האַנדלען ניט אימער אַזוי ווי מיר ריידען. כ'האָב דאָך דיר געזאָגט, איך בין געווען אין דער געפֿעהרליכער עלטער.

דאַן וועסט דו אויך בעגרייפֿען, וואָס איך האָב געפֿיהלט, ווען איך האָב דערזעהן דיין פֿאָטער. וואָרים ס'איז דאָך פֿאָרט ניט בלויז הוילע קליין-געלד אין מיר."

„אָבער די אַנדערע, מוטער? ווי אַזוי האָסט דו זיך פֿון די אַנדערע בעפֿרייט, — פֿון הויף, פֿון אונזערע קרובים, פֿון דעם פֿע־טער און אַלע זייניגע? דאָס האָט דאָך געמוזט זיין אַ שרעקליכער סקאַנדאַל, וועלכען דו האָסט געמוזט אויסהאַלטען!"

„ווייסט דו וואָס, מאַגנע — אַט דאָס אַלעס וועלען מיר בעסער איבערלאָזען אויף שפּעטער. עס זיינען גאָר ניט געווען קיין „אַנ־דערע" ! — עטליכע פישער האָבען אונז געזעהן, און די האָבען ניט אַנדערש נאָר געוואָלט דערגעהן, ווער איך בין. אָבער איידער עס איז בעקאַנט געוואָרען, בין איך אַיועקגעפאָהרען, און עס איז נאָך ניט אַריבער קיין מאָנאַט־צייט, בין איך שוין געווען זיין פרוי. איך בין אַריינגע־קומען אין די הענד פון'ם מאַן, וועלכער האָט געטהאָן אַלעס, וואָס מען האָט געדאַרפט, פאַלשטענדיג און עס געטהאָן גלייך אויף'ן שטעל. ער איז געווען צו אונבעהאָלפען און האָט אַנדערש ניט געקענט בענעהמען אַ זאַך ווי נור אויף'ן גלייכען וועג. ס'איז געגאַנגען כשורה, אָהן שטערונגען."

„אָבער וואָס האָט די וועלט געזאָגט דערצו! דו גוטער גאָט; האָט עס דער פאָטער געהאָלפען, — אין'ם אורטהייל פון די מענ־שען, מיין איך — דאָס וואָס דו ביסט געוואָרען זיינע?"

„דו מיינסט, דאָס וואָס ער האָט חתונה געהאַט מיט אַ הויף־דאַמע?" האָט זי געשמייכעלט.

„ווייסט דו, ווי עס האָט געהייסען? קאַרל מאַנדער האָט אויף אַ פערזאַמלונג פערליימדעט די קעניגין; אַ הויף־דאַמע האָט עס צו־געהערט, און אין אַ מאָנאַט אַרום איז זי אַנטלאָפען מיט קאַרל מאַנדער. אַזוי אונגעפעהר. דעם גרעבסטען און ווילדעסטען מאַן אין גאַנצען לאַנד האָט זי פאָרגעצויגען. אַזוי האָט עס געהייסען."

„נו פערשטעהט זיך. די זיינען אימער גערעכט."

„אין אַ יאָהר אַרום האָט אַ טוריסט געשריבען אין אַ צייטונג, אַז ער האָט געזעהן די פאַלשע הויף־דאַמע ביי אַ וואַש־פאַס. האַ, האַ! ס'איז איבעריגענס ניט קיין ליגען געווען. דו ביסט געקומען אויף דער וועלט, און עס איז געווען אין דער רעכטער אַרבייטס־צייט; כ'האָב זיך געמוזט נעהמען צו דער אַרבייט. דאָס האָבען מיר ביידע געטהאָן."

„מוטער, מוטער, ווי איז עס פאָרט צוגעגאַנגען אין דערהיים? אַז איהר זייט צוזאַמענגעקומען, מיין איך. אַך, די ערליכקייט! ס'האָט דאָך געמוזט זיין דאָס ערהאַבענסטע לעבען, וואָס איז ווען עס איז געלעבט געוואָרען אויף דער ערד? — אָה מוטער, מיין גאַנץ לעבען

מוז איך דיר דאַנקבאַר זיין דערפאַר, וואָס דו האָסט עס מיר ניט דערצעהלט ביז איצט! פריהער וואָלט איך עס ניט פערשטאַנען."

„ניט אמת? אַזעלכע זאַכען קען מען ניט דערצעהלען אַ קינד אָדער אַ האַלב-דערוואַקסענעם מענשען. אָבער איך דערצעהל ניט בלויז, כדי צו דערצעהלען.

ווי אַזוי מיר האָבען געלעבט צוזאַמען, פרעגסט דו. פריהער פון אַלצדינג שטעל דיר איהם פאָר! אַ נאַטור פון איבערגעבענהייט, וועלכע איז זעהר ווייניג פערשטאַנען געוואָרען. פון עטליכע געצעהלטע מענשען און אויף אַ געוויסען אופן, נאָר ניט אַזוי, אַז מען זאָל אַליין הנאה האָבען דערפון. דער רעזולטאַט איז געווען, אַז ווען ער האָט געגלויבט, אַז ער האָט געפונען אַן אָבקלאַנג פון זיין פריינדשאַפט, פלעגט ער זיך אַזוי איבערגעבען, אַז מען פלעגט איהם מאַכען צום נאַר. איז ער געווען אין אַ געזעלשאַפט, פלעגט ער זיך אָנ׳שכור׳ן, אָדער בעסער געזאָגט, מען פלעגט איהם אָנ׳שכור׳ן, און דאַן פלעגט ער זיין פרייע נאַטור אָבלאָזען פון צוים. ווייסט דו, — יאָ, איך וויל עס דיר דערצעהלען! אָה! — אין אַ געזעלשאַפט האָט זיך אַ דאַמע צוגעשמייכעלט צו איהם (זי איז איצט דאָ פערהייראַטה מיט׳ן קאַפיטאַן); זי האָט זיך צו איהם צוגעשמייכעלט, כדי צו אַמוזירען דעם עולם. זי איז געווען זעהר מונטער, וויציג, זי האָט זיך געמאַכט, אָקוראַט ווי זי וואָלט גאָר אויסגעגאַנגען פאַר איהם, אַזוי אַז זי האָט גאָר ניט געקענט געגוג הערען און געגוג פרעגען, און אין דערזעלבער צייט האָט זי געהאַלטען אין איין גיסען וויין אין זיין גלאָז, זי האָט געטרונקען מיט איהם, געמאַכט, אַז די אַלע אַנדערע זאָלען מיט איהם טרינקען."

„אָה גאָט, מוטער!"

„דו ווייסט, ווי אַזוי דאָס האָט זיך געענדיגט? אין פיה־שטאַל. זיי האָבען איהם איינגעשפאַרט אין פיה־שטאַל. פאַר צאָרן האָט ער געקראָגען אַ שלאַג־אָנפאַל. — דאָס איז געווען די, וועלכע ער האָט דערזעהן דורך׳ן פענסטער, בעת ער איז געשטאַנען אויף דער רעדנער־טריבונע. דורך דעם איז ער ניכטער געוואָרען."

מוטער און טאָכטער זיינען שווייגענדיג געגאַנגען ווייטער.

„דערפון האָסט דו דאָך דעמאָלט גאָרנישט געוואוסט, מוטער? ערשט שפעטער?"

„ניין. וואָלט איך עס געוואוסט, גלויב איך, אַז איך וואָלט גאָר אָהן אָבהאַלט צוגעגאַנגען צו איהם, איהם געגעבען די האַנד און איהם בעגריסט, ווען איך האָב איהם צום ערשטען מאָל דערזעהן.״

„איך אויך, מוטער!״

„נאָך דעם לעבען מיט איהם האָב איך אַזוי פֿיעל געקלעהרט וועגען דעם. ווייסט דו, כ׳מיין, זשעניען האָבען אין זיך אָט דאָס טריי־האַרציגע און אונגעצאַמטע. ס׳היינגט דריבער זעהר פֿיעל אָב פֿון די מענשען און זייערע פֿערהעלטניסען, ווי עס געהט זיי.

קאַרל מאַנדער האָט געהאַט די געוואוינהייט, אַליין צו ריידען; אַם בעסטען האָט ער זיך געפֿיהלט צווישען בויערן, זיי האָבען איהם געשטערט אַם וויינינגסטען. די ביכער און דאָס דיינקען און די ערד־אַרבייט און די בעדער.... און ווען ניט ווען אַן אָרגיע, אַ רעדע, אַם ליעבסטען ביידע זאַכען איינע נאָך דער אַנדערער, — דאָס איז געוועזן זיין לעבען ביז דאַן.״

„אָבער ער האָט דאָך ניט געטרונקען, מוטער? ס׳האָט דאָך איהם ניט געצווינגען צום טרינקען, ניט אמת?״

„ניט מעהר ווי דיך און מיך! ס׳איז בלויז געוועזן אַן אויסברוך פֿון דער לעבענס־פֿרייד, פֿון דער קאָנצענטרירטער ביינקעניש. אַזוי דאָס לעצטע מאָל....״

„יאָ, דאָס —! אָה גאָט, פֿאַרוואָס ביסט דו ניט געוועזן דערביי —?״

„דעמאָלט ביסט דו דאָך געקומען, קינד מיינס, כ׳האָב ניט געקענט. כ׳האָב דיך געהאַט ביי דער ברוסט. אַלעס וואָלט אָבגע־גאַנגען גוט און גלאַט, ווען אימיצער וואָלט נאָך דער פֿערזאַמלונג ביי דער מאָהלצייט ניט געוועזן אַזוי אונפֿאָרזיכטיג, צו טרינקען פֿאַר מיין געזונד! דאָ האָט ער זיך אָבגעריסען פֿון צוים! דאָס איז געוועזן דאָס טהעמאַ פֿון אַלע טהעמאַס. דאָס איז פֿאַר איהם געוועזן אַ קוואַל, וואָס האָט זיך גאָרניט אויסגעשעפּט! ס׳איז געוועזן, זאָגט מען, אָקוראַט ווי מען וואָלט אָנגעצונדען די גרעסטע פֿריידען־פֿייערס. ער האָט געהאַלטען רעדעס איבער וויינינגסטענס צוואַנציג אייגענשאַפֿטען מיינע, און איבער דאָס פֿערהייראַטע לעבען און די פֿאָטער־פֿרייד, ער....״

זי האָט ניט געקענט ריידען וויטער. זי האָט זיך צוגעזעצט, און די טאָכטער האָט זיך אַנידערגעזעצט לעבען איהר.ביידע האָבען געוויינט. דאָס ברויזען פֿון'ם טייך איז ווי מיט אַ האַרטער האַנד אריבער איבער זיי, האָט זיי אָבער דאָך געטרייסט אויף זיין שטייגער. וויפֿיעל מיר זאָלען ניט וויינען, עס נוצט גאָרנישט. ער געהט ווי ער געהט און ער שטעלט זיך ניט אָב, דער שווערער וועג צום ים.

דורך דער שפּראַך פֿון דער נאַטור האָט אַרויסגעשעפּטשעט די עראינערונג וועגען זיין טרויעריגען סוף. עס האָט זיך מיט אַ פֿינסטערן, מרה שחורה'דיגען טאָן אין זייביידען דערצעהלט, אַז ער האָט זיך נאָך דער מאָהלצייט געוואָלט אָבקיהלען אין אַ באָד, אַז אַלע האָבען איהם דערפֿון אָבגעראָטען, — אַז עס האָט גאָרנישט געהאָלפֿען, — אַז ער איז אַרונטערגעשפּרונגען פֿון דער העכסטער הויכקייט, זיך געלאָזט אַלץ וויטער און וויטער, אַזוי ווי ער וואָלט געוואָלט צושווימען גלייך אַהיים, אַז ער האָט ענדליך געקראָגען אַ קראַמפּף און איז דערטרונקען געוואָרען.

„מוטער — — דו ביסט מיר נאָך שולדיג צו זאָגען, ווי אַזוי איהר האָט געלעבט צוזאַמען?" ווידער אין אַ ווילע אַרום: „מוטער, דאָס מוזט דו מיר נאָך געבען! דו האָסט דאָך דאָס דערצעהלט, יאָ, אַזוי אונגעהייער פֿיעל דערפֿון דערצעהלט. נאָר דאָס נאָך ניט, וואָס איך וויל איצט וויסען! די ליעבע, מוטער, די איבערגעבענהייט צווישען אייך ביידען! מוטער, די האָט דאָך געמוזט זיין אַזוי שטאַרק, אַזוי שטאַרק!"

„איבער יעדען בעגריף, קינד! איבער יעדען בעגריף! און ווייסט דו, — די פֿערליימדונג איבער אונז, דער עיקר די שמוציגע פּאַסקווילען, די נידערטרעכטיגקייט . . . ., די האָט נאָך געהאָלפֿען דערצו! וואָרים יעדעס מאָל האָבען מיר זיך אַלץ פֿעסטער, אַלץ איינגער צוגעטוליעט איינס צום אַנדערן! ער האָט ניט געהאַט אַזאַ פֿיין-פֿיהלענדע הויט ווי איך. ער האָט עס ערשט בעגריפֿען דורך מיר. די, וואָס פֿיהרען דאָס דאָזיגע קליינע פֿאָלק אין געזעלשאַפֿטליכער בעציהונג, שטאַמען ניט פֿון נאַרוועגער, נאָר פֿון איינגעוואַנדערטע. אַזאַ איינער ווי ער האָט קיינמאָל ניט געקענט שטעהן אויף אַ גלייכען

פּוס מיט זיי. אָבער איך בין געווען איינע פֿון זיי, און די ווירקונג, וואָס עס האָט געמאַכט אויף מיר, דאָס האָט ער בעגריפֿען! קוים איז ער נור געקומען אויף די שפּור, נו יאָ, דאַן קענסט דו זיך פֿאָר־שטעלען —! פֿון נאַטור איז ער געווען אַן ענטדעקער! און אַז ער האָט אַלזאָ אויף ריכטיג אויסגעפֿונען, וואָס איך האָב אויף זיך גענו־מען, ווען איך האָב איהם אויסגעקליבען.... נו, דאָס האָט אָנגעטריבען!

יאָ, איז נור געווען וואָס פֿאַר עס איז לוין דאָ אויף דער וועלט, האָט ער איהם מיר געגעבען! טאָג און נאַכט, דעם גאַנצען זומער, דעם גאַנצען הערבסט, דעם גאַנצען ווינטער, דעם גאַנצען פֿריהלינג האָבען מיר ניט אָבגעטראָטען איינס פֿון׳ם צווייטען. אונזער לעבען איז דאָך געווען אַן אַנטלויפֿען פֿון די אַנדערע, אָבער עס איז געווען אַן אַנטלויפֿען אין אַ גן-עדן אַריין. אַלע איינלאַדונגען האָט ער אָבגע־זאָגט, ער האָט קוים צייט געהאַט צו ריידען מיט די, וועלכע פֿלעגען קומען צו אונז; ער האָט זיי ניט געוואָלט האָבען ביי זיך. ער און איך, און איך און ער אין די גרויסע צימערן און אין די קליינע קאַ־מערן, ער ביי מיר, אָדער איך ביי איהם. און אויף׳ן שאָסיי, אויף די פֿעלדער, אויף דעם גרינעם באַרג, אויף׳ן ים, אויף׳ן אייז, ביי דער אַרבייט, ביי דער אויפֿזיכט צוזאַמען, צוזאַמען, אָדער, אויב אַוועק איינס פֿון אַנדערן, דאַן נור, כדי אַזוי שנעל ווי מעגליך ווידער צו זיין אינאיינעם. אָבער וואָס מעהר מיר זיינען געווען צוזאַמען, אַלץ רייכער איז ער געוואָרען. דאָס גרעסטע פֿאַר מיר איז ניט געווען דער געדאַנקען-שטראָם, נאָר דער מאַן. אַ בליק צו טהאָן אין זיין אויפֿריכטיגקייט, וואָס איז געווען קלאָהר ביז אויף׳ן סאַמע גרונד, דאָס זיינען פֿאַר מיר געווען די הערליכסטע שטונדען, וועלכע איך האָב דורכגעלעבט. זיין איבערגעבענהייט צו מיר, אָדער ווי איך זאָל עס ניט רופֿען, דאָס האָט זיך אויסגעדריקט אין איין איינציגען בילד: זיין גרויסער קאָפּ ביי מיר אויף׳ן שויס! דאָרט פֿלעגט ער איהם אָפֿט אַוועקלייגען און יעדעס מאָל זאָגען: דאָ איז אַזוי גוט!״

און אַצונד האָט די טאָכטער אַוועקגעלייגט איהר קאָפּ ביי דער מוטער אויף׳ן שויס און האָט זיך פֿונאַנדערגעשלוכצט.

ס׳האָט אָנגעהויבען רעגענען, זיי זיינען אויפֿגעשטאַנען און האָבען

זיך געמוזט אומקעהרען. די קליינע גרופּע פון הייזער אויבען ביי דער סטאַנציע האָט אין רעגען אויסגעזעהן ווייטער, און דאָך אינטימער. אויך די לאַנדשאַפט האָט געקראָגען מעהר געמיינשאַפטליכע פאַר־בונג און פריינדליכקייט; דער בעראָזעווער בוים האָט דרייפאַך געשמעקט.

„יאָ, מיין קינד, איך גלויב, אַז איך האָב דיר געגעבען עטוואָס פון זיין ביינקעניש. ניט אמת?" זי האָט זיך אָנגעבויגען צו איהר געזיכט.

אָנשטאָט אַן ענטפער האָט זיך די טאָכטער צוגעטוליעט צו איהר.

ס'האָט געדויערט אַ ווײַלע, איידער זיי זיינען ווייטער געגאַנגען.

„דו האָסט געהאַט די ביינקעניש; דאָס איז דיר אַריבער בירושה, און איך האָב עס אין דיר פערשטאַרקט. גרויסע ציעלען, איידעלע מענער און פרויען האָב איך פאַר דיר אויפגעשטעלט. דאָס האָט ער געטהאָן. אין איידעל-מוטהיגע געדאַנקען האָב איך דיך געבאָדען, ווי ער האָט זיך אין דער נאַטור געבאָדען, כדי זיינע אָבצוקיהלען.

ווען איך האָב דיך אַרויסגעשיקט אויף דער וועלט, האָב איך געוואוסט, אַז איך האַנדעל אין זיין גייסט. אָבער איך האָב גאַנץ גוט געוואוסט, אַז דו ביסט בעוואָרענט און בעשירעמט, איך האָב געוואוסט, וואָס פאַר אַ פאַנצער דו טראָגסט אויף זיך. דאָס איז גע־קומען פון איהם. און דאָך — מאַגנע."

ניט ווילענדיג האָט די טאָכטער אַרויסגעלאָזט איהר אָרם פון איהר מוטער'ס אָרם און איז געבליבען שטעהן.

„יאָ, איך זעה עס. דאָס איז היינט שוין צום דריטען מאָל. דו פיהלסט, אַז איך וויל דיך אָנגרייפען. און איך וויל דיך טאַקע אָנגרייפען.

ס'איז געווען אין געזעלשאַפט ביי דיין פעטער אין הויז, ווען איך האָב געוואָלט אַריינגעהן צום נאַכטמאָהל, האָסט דו זיך אָבגערופען צו מיר: „מוטער, דו קענסט געהן מיט דיינע האַנדשוה, דאַרפסט זיי ניט אויסטהאָן." — דו האָסט זיך געשעהמט מיט מיינע אַרבייטס־הענד."

„מוטער, מוטער —!" זי האָט זיך צוגעדעקט דאָס געזיכט, זי האָט זיך אָבגעקעהרט אָן אַ זייט.

„איך וויל דיר וואָס זאָגען, מיין קינד. אָהן אָט די אַרבייטענדע און שאַפֿענדע הענד וואָלסט דו נים געווען דאָס, וואָס דו ביסט אַצונד. אויב דו האָסט געלעבט אין אַ געזעלשאַפֿט, אין וועלכער ס'איז אַ שאַנדע פֿאַר אַ דאַמע צו האָבען אַזעלכע הענד, טאָ איז דאָס אַ שלעכטע געזעלשאַפֿט.

היינט האָסט דו זיך געפֿרעהט מיט אָט דער געזעלשאַפֿט, — האָסט זיך אַזוי געפֿרעהט, גלייך דו וואָלסט געגלויבט, אַז דו אַליין ביסט געוואָרען עפּעס גרויסעס!"

„ניין, מוטער! ניין, ניין!"

„ס'איז דאָך אַזוי! פֿילייכט האָסט דו דערביי אויך געהאַט געוויסענסביסע אָדער מורא; דאָס קען מעגליך זיין; איך בין דאָך דערביי געווען.

אָבער איצט, מיין קינד, איז געקומען די צייט פֿאַר דיר אויס־צוקלייבען. איך האָב עס געוואָלט זעהן אָבגעטהאָן, איידער דו קומסט אַריין צו דיין פֿאָטער אין הויז.

אַרבייט אָדער דאָס, — דאָס אַנדערע."

„אָה גאָט, מוטער, דו בעשולדיגסט מיך אומזיסט! ווען דו וואָלסט געוואוסט —!"

„קען איך דיך ברייגנען דערצו, צו ליעבען דיין פֿאָטער, — און איך וועל דיר געבען אַלצדינג, און די פֿעהיגקייטען האָסט דו, — קען איך דיך ברייגנען דערצו, איהם אַזוי געהעריג, געהעריג צו ליעבען, יאָ, דאַן וויים איך, וואָס דיך ערוואַרטעט. — מיר פֿרויען מוזען ליעבען, כדי צו גלויבען."

דאם אדלער-נעסט.

ענדרע גאַרדענע האָט געהייסען אַ קליין דערפֿעל, וואָס איז גע־לעגען דאָ איינזאַם און איינגעשלאָסען פֿון הויכע פֿעלזען־ווענד. די ערד, אויף וועלכער עס איז געשטאַנען, איז געווען פֿלאַך און פֿרוכט־באַר, נאָר דורכגעשניטען פֿון אַ ברייטען טייך, וואָס האָט אַראָבגע־שטראָמט פֿון באַרג. אָט דער טייך האָט זיך ניט ווייט פֿון דאָרף פֿונאַנדערגעגאָסען אין אַ פֿליסענדען וואַסער, וואָס מען האָט געקענט זעהן ווייט פֿאַר זיך.

צו דעם דאָזיגען וואַסער איז אויף אַ לאָדקע געקומען דער מאַן, וועלכער האָט תחילת געוואוינט אין טהאָל און געריסען דאָרט וואָרצלען פֿון דער ערד; זיין נאָמען איז געווען ענדרע, און די איצטיגע איינוואוינער פֿון דאָרף האָבען דאָס אָבגעשטאַמט פֿון איהם. אַ טהייל האָבען געזאָגט, אַז ער איז אַנטלאָפֿען אַהער צוליעב אַ מאָרד, וואָס ער האָט בעגאַנגען, און מחמת דעם זעהען די מענשען אוים אַזוי פֿינסטער; אַנדערע ווידער האָבען געדרונגען, אַז שולדיג אין דעם זיינען די פֿעלזען־ווענד, וואָס אפילו אין יאָהאַנים־צייט לאָזען זיי שוין אַרום פֿינף אַזייגער נאָכמיטאָג ניט אַריין די זונען־שטראַהלען אין טהאָל.

איבער'ן דאָרף איז געהאַנגען אַן אָדלער־נעסט. ס'איז געווען אויסגעבויט אויף אַ פֿעלזען־שפּיץ אויבען אויף'ן באַרג. אַלע האָבען געקענט זעהן, ווען די אָדלער־זי פֿלעגט אַנהויבען אויסבריהען איהרע קליינע אָדלערלאַך, נאָר קיינער האָט ניט געקענט אַרויפֿקומען צום נעסט. דער אָדלער פֿלעגט זיך אַוועקלאָזען איבער'ן דאָרף, אָט פֿלעגט ער פּאַקען אַ שעפּעלע, אָט אַ יונגע ציעג, און איינמאָל האָט ער זאָגאַר גענומען אַ קליין קינד און עס אַוועקגעטראָגען מיט זיך. מחמת דעם איז אין דאָרף ניט געווען זיכער, כל זמן דער אָדלער האָט

געהאַט זיין נעסט אויף דעם פֿעלזען-שפּיץ. צווישען עולם איז אַרומ־געגאַנגען די לעגענדע, אַז אַמאָל אין אַלטע צייטען זיינען געווען צוויי ברידער, וועלכע האָבען דערגרייכט דעם נעסט און עס צו־שטערט; אָבער אין דער איצטיגער צייט איז קיינער ניט געווען אימשטאַנד אַהין צוצוקומען.

וואו צוויי האָבען זיך נור בעגעגענט אין דאָרף, האָבען זיי גערעדט מכח דעם אָדלער־נעסט און אַרויפֿגעקוקט אין דער הויך. מען האָט געוואוסט, ווען די אָדלערס זיינען אין דעם נייעם יאָהר אָנגעקומען, וואו זיי האָבען זיך אַרונטערגעלאָזט און אַ חורבן אָנגעמאַכט, און ווער עס האָט צולעצט געמאַכט דעם פֿערזוך אַרויפֿצוקלעטערן. די יוגענד פֿלעגט זיך פֿון קינדווייז אָן איינגעוועהנען אַרויפֿצוקריכען אויף בערג און אויף בוימער, און דער עיקר זיך לערנען ראַנגלען, כדי אַמאָל צו קענען דערגרייכען דעם נעסט און אַזוי ווי די דער־מאָנטע צוויי ברידער עס צו צושטערן.

אין דער צייט, מכח וועלכער עס רעדט זיך דאָ, האָט דער טיכטיגסטער בחור אין דאָרף געהייסען לעיף. ער האָט ניט אָבגע־שטאַמט פֿון ענדרע, האָט געהאַט געגרייזעלטע האָר און קליינע אויגען, פֿלעגט טרייבען אַלערליי קאַטאָוועסען און האָט ליעב געהאַט די פֿרויען. שוין אין די יונגע יאָהרען האָט ער זיך בעריהמט, אַז ער וועט נאָך אַמאָל אַרויפֿקלעטערן צום אָדלער־נעסט; נאָר אַלטע לייט פֿלעגען זאָגען, אַז ער דאַרף עס ניט זאָגען אַזוי הויך.

דאָס האָט איהם נאָך צוגעגעבען מעהר פֿייער, און נאָך איידער ער איז אַריין אין די בעסטע יאָהרען זיינע, האָט ער גענומען אויף זיך אַרויפֿצושטייגען אויף דעם פֿעלזען־שפּיץ. ס'איז געווען אַ העלער זונטאָג פֿאָרמיטאָג, אָנהויב זומער; די יונגע אָדלערלאַך האָבען אָקאָרשט איצט געמוזט ווערן אויסגעבריהט. אַ היבשער עולם מענשען האָט זיך פֿערזאַמעלט אונטער דער פֿעלזען־וואַנד. די אַלטע האָבען אָבגעראָ־טהען און די יוגענד האָט צוגערעדט. אָבער ער האָט זיך צו קיינעם ניט צוגעהערט, נאָר צו זיין אייגענעם פֿערלאַנג, מחמת דעם האָט ער אָבגעוואַרט ביז וואַנען די אָדלער-זי האָט פֿערלאָזען איהר נעסט; דאַן האָט ער געגעבען אַ שפּרונג און איז געבליבען הייגגען אויף אַ בוים, עטליכע איילען פֿון דער ערד. אָט דער בוים איז אַרויסגעוואַקסען פֿון

אַ שפּאַלט, און אָט דעם שפּאַלט האָט ער גענומען קלעטערן אַרויף־צו. קליינע שטיינער האָבען זיך אָבגעטשעפּעט אונטער זיין פֿוס, זאַמד און ערד האָבען זיך אַרונטערגעקאַטשעט, ווייטער האָט געהערשט די טיעפֿסטע שטילקייט. בלויז דער טייך אין׳ם הינטער־גרונד האָט געשטראָמט מיט אַ האַלב־פֿערדריקטען, שטענדיגען ברויזען צו זיין עפֿנונג צו. אַלץ משופּע׳דיגער און משופּע׳דיגער איז געוואָרען די פֿעלזען-וואַנד; אַ היבשע ווײַלע איז ער געהאַנגען אויף איין האַנד, האָט געזוכט מיט׳ן פֿוס אַן אָנהאַלט און האָט זיך ניט ניט געקענט אומקוקען. אַסך, דער עיקר פֿרויען, האָבען זיך אָבגעקעהרט אָן אַ זייט און געזאָגט, אַז דאָס וואָלט ער ניט געטהאָן, ווען זיינע עלטערן וואָלטען נאָך געלעבט. דאָך האָט ער געפֿונען אַ פֿעסטען אָנהאַלט, האָט דאַן ווידער גענומען זוכען, איצט מיט דער האַנד, איצט מיט׳ן פֿוס, ס׳האָט נאָכגעלאָזען, ער האָט זיך אַ גליטש געטהאָן, אָבער ער איז גלייך ווידער געהאַנגען פֿעסט. די, וואָס זיינען געשטאַנען אונטען, האָבען געקענט הערען איינער דעם אַנדערן׳ס אָטהעם־ציגע.

מיט אַמאָל האָט זיך אויפֿגעהויבען אַ הויך־געוואַקסען יונג מיידעל, וואָס איז געזעסען איינע אַליין אויף אַ שטיין. שוין אַלס קינד — אַזוי האָט מען דערצעהלט — איז זי מיט איהם געווען פֿער׳קנס׳ט, הגם ער איז ניט געשטאַנען אין קיין שום קרובה׳שאַפֿט מיט די איינוואוינער פֿון דאָרף. זי האָט אויסגעשטרעקט די אָרעמס אין דער הויך און אויסגעשריען: „לעיף, לעיף, פֿאַרוואָס טהוסט דו דאָס?" דער גאַנצער עולם האָט זיך אַ קעהר געטהאָן צו איהר, דער פֿאָטער איז געשטאַנען ביי איהר זייט, נאָר זי האָט איהם ניט דערקענט. „קום אַראָב צוריק, לעיף," האָט זי זיך געבעטען; „איך האָב דיך ליעב, און דאָרט אויבען האָסט דו גאָרנישט וואָס צו געווינען!" מען האָט געזעהן, ווי ער זיך מישב, ס׳האָט געדויערט אַ רגע אָדער צוויי, אָבער דאַן האָט ער ווידער גענומען קלעטערן העכער אַרויף. זיין האַנד און זיין פֿוס זיינען ווידער געווען פֿעסט, און מחמת דעם איז עס אַ היבשע ווײַלע געגאַנגען גוט; נאָר באַלד האָט ער אָנגעהויבען ווערן מיעד, וואָרים ער פֿלעגט זיך אָפֿט אָברוהען. ווי אַ שליח, וואָס לויפֿט פֿאָראויס, האָט זיך אַרונטערגעקאַטשעט אַ קליינער שטיין, און אַלע, וואָס זיינען דאָ געשטאַנען, האָבען איהם געמוזט נאָכפֿאָלגען

מיט די אויגען, ביז וואַנען ער איז אָנגעקומען אונטען. בלויז דאָס מיידעל אַליין איז געשטאַנען אויף'ן שטיין, האָט געמאַכט מיט די הענד און געקוקט אַרויף אין דער הויך.

לעיף האָט ווידער גענומען אַרומטאַפּען מיט דער האַנד; דערנאָך, זי האָט עס דייטליך געזעהן, האָט אָט די האַנד זיינע פּלוצלינג נאָכגעלאָזען, ער האָט זיך שנעל אָנגעכאַפּט מיט דער אַנדערער, אָבער אויך די האָט נאָכגעלאָזען. „לעיף!" האָט זי אַ געשריי געטהאָן, אַזוי אַז עס האָט אָבגעהילכט איבער דער גאַנצער פעלזען-וואַנד, און אַלע אַנדערע האָבען מיטגעשריען מיט איהר. „ער גליטשט זיך אַרונטער!" האָבען זיי געשריען און האָבען אויסגעשטרעקט די הענד צו איהם אַרויף, מענער און ווייבער. ער האָט זיך ווירקליך אַרונטערגעגליטשט, האָט מיטגעריסען מיט זיך זאַמד, שטיינער און ערד, האָט זיך געגליטשט, כסדר געגליטשט, וואָס ווייטער אַלץ שנעלער; דער עולם האָט זיך אָבגעקעהרט אָן אַ זייט און דאַן האָבען זיי הינטער זיך ביי דער פעלזען-וואַנד געהערט, ווי עס קראַכט און קנאַקט, און גלייך נאָכדעם איז אַראָבגעפאַלען עפּעס אַ שווערע מאַסע, ווי אַ גרויס שטיק נאַסע ערד.

אַז זיי האָבען ווידער געהאַט מוטה זיך אומצוקוקען, איז ער געלעגען פאַר זייערע אויגען אַ צושמעטערטער, ניט צו דערקענען. דאָס מיידעל איז געלעגען איבער'ן שטיין, דער פאָטער האָט זי אַוועקגעטראָגען.

די יונגע חברה, וועלכע האָבען לעיף'ן אַם מייסטען צוגעטריבען צו דעם געוואַגטען שריט, האָבען איצט אפילו קיין מוטה ניט געהאַט צוצולייגען אַ האַנד, איהם צו העלפען; קיינער האָט איהם ניט געקענט אָנקוקען. האָבען די זקנים געמוזט צוגעהן. דער עלטסטער פון זיי האָט געזאָגט, בעת ער האָט צוגעלייגט זיין האַנד צו דעם צושמעטערטען: „דאָס איז געווען נאַריש; — אָבער," האָט ער צוגעלייגט און בעת מעשה אַרויפגעקוקט אויבען אין דער הויך: „ס'איז פונדעסטוועגען פאָרט גוט, וואָס עפּעס הייגגט אַזוי הויך, אַז ניט אַלע מענשען קענען עס דערגרייכען."

א מיאוס'ע עראינערונג פֿון די
קינדער־יאהרען.

איינמאָל אין אַ זונטאָג נאָכמיטאָג, איך האָב דאַן געמוזט אַלט זיין אַן ערך זיבען יאָהר, האָט זיך אין דעם קירך־בעצירק פֿערשפּרייט די ידיעה, אַז צוויי מענער האָבען דעם זעלבען טאָג, פֿערבייפֿאָהרענדיג אויף דעם ערײד־פֿיאָרד, געפֿונען אַ פֿרוי האַרט איבער'ן ים-שפּיגעל, האַלב ליגענדיג, האַלב הייגנענדיג; מען האָט זי אַרונטערגעשליידערט איבער אַ משופּע'דיגען פֿעלז. זיי האָבען זי ניט אָנגעריהרט, איידער זיי האָבען פֿון איהר אַרויסגעקראָגען, ווער ס'האָט עס געטהאָן.

פֿינף מייל מיט'ן ים צום דאָקטאָר און אַפֿריהער נאָך אַריין צו מיין פֿאָטער, כדי צו פֿערלאַנגען פֿון איהם אַ קוויטעל, מען זאָל זי אַריינגעהמען אין שפּיטאָל! זי איז געלעגען איבער פֿיער און צוואַנציג שעה אָהן הילף, און גלייך נאָכדעם ווי די הילף איז געקומען, איז די פֿרוי געשטאָרבען. פֿאַר דעם האָט זי געזאָגט, אַז פֿער האַגבע האָט עס געטהאָן, „אָבער," האָט זי צוגעלייגט, „מען זאָל איהם דערפֿאַר גאָרנישט טהאָן."

אַלע האָבען געוואוסט, אַז צווישען איהר, וועלכע האָט געדיענט ביי דער פֿאַמיליע האַגבע, און דעם זוהן איז געווען אַ ליעבעס־פֿערהעלטנים; און די גאַנץ שפּיציגע מוחות האָבען תיכף פֿערשטאַנען, פֿאַרוואָס ער האָט זי געוואָלט אָבראַמען פֿון וועג.

איך קען זיך נאָך דערמאָנען גאַנץ דייטליך, ווי אַזוי די נאַכריכט איז געקומען. ווי געזאָגט, איז דאָס געווען זונטאָג נאָכמיטאָג, דעם זעלבען טאָג, ווען זי איז פֿאָרמיטאָג דער'הרג'עט געוואָרען, אין סאַמע מיטען שעהנסטען זומער, אין פֿולען זונענשיין און אין פֿולער פֿרייד אויף'ן געמיינדע-הויף. איך דערמאָן זיך נאָך, אַז עס האָט אויסגעזעהן, עפּעס אַזוי ווי דאָס פֿאַרנאַכטיגע בין-השמשות-ליכט וואָלט זיך מיט אַמאָל אַרונטערגעלאָזען איבער דער גאַנצער געגענד, אַזוי ווי די

געזיכטער וואָלטען פערגליווערט און דער פיאָרד וואָלט מאַט געוואָרען; עפּעס אַזוי ווי דער וואַלד און די געגענד וואָלטען פערקראָכען איינע אין די אַנדערע אין שאָטען. איך דערמאָן זיך, אַז מיר האָבען עס נאָך אויף מאָרגען געפיהלט ווי אַ מורא'דיגען זעץ, וואָס האָט פונאַנדער-געטרייסעלט יעדע צוגעוואוינטע, אַלטעגליכע לעבענס-אָרדנונג; איך האָב קיין חשק ניט געהאַט צו געהן אין שולע, די אַרבייטער פלעגען אויפהערען און זיך צוזעצען, ווען ס'האָט זיך זיי נור פערגלוסט. דער עיקר די פרויען זיינען געווען ווי געלעהמט, זיי זיינען געווען אָנגעשראָקען, דאָס האָט מען געקענט דייטליך אַרויסזעהן, און זיי האָבען עס אויך אַליין געזאָגט. אַז פרעמדע זיינען געקומען אויף'ן הויף, האָט מען אויף זייערע פנים'ער און אָן זייער בעוועגונג געקענט דערקענען, אַז דער מאָרד ליגט אויף זיי ווי אַ לאַסט, און דאָסזעלבע האָט מען געקענט דערקענען אויף אונזערע פנים'ער און אָן אונזערע בעוועגונגען. מיר האָבען זיך געגעבען די הענד, עפּעס אַזוי ווי מיר וואָלטען געקומען פון ווייטע מקומות; דער מאָרד איז געווען איבעראַל; פון וואָס מיר האָבען ניט גערעדט, דער מאָרד האָט זיך אַרויסגעהערט פון דער שטימע און פון די ווערטער. דאָס לעצטע געפיהל ביינאַכט, דאָס ערשטע אין דער פריה איז געווען, אַז אַלצדינג שטעהט אָהן אַ שום שטיצע, און אַז די לעבענס-פרייד איז מיט אַמאָל שטעהן געבליבען, אַזוי ווי דער ווייזער אויף'ן ציפער-בלאַט, ווען דער זייגער שלאָגט אויס.

נאָר ביסלאַכווייז האָט זיך אויך דער מאָרד איינגעאָרדענט צווישען אַלעם אַנדערע; דאָס האָבען בעזאָרגט די נייגיעריגקייט און די פלוידעריי; די דאָזיגע האָבען איהם אויפגעהויבען און איהם אַרומגעדרעהט, זיי האָבען איהם אַרומגעטאַפּט פון אַלע זייטען און איהם געריבען אַזוי לאַנג ווי ער איז נאָך געווען די נייעסטע שטיקעל נייעס. באַלד האָבען מיר געקענט די פערהעלטניסען צווישען דער ערמאָרדעטער און דעם מערדער ביז אויף דער קלענסטער קלייניגקייט; מיר האָבען געוואוסט, ווער זי איז דאָס, די, מיט וועמען פער האָט, לויט דעם ווילען פון זיין מוטער, געזאָלט חתונה האָבען; מיר האָבען געקענט די פאַמיליע האַגבע פון דרויסען און פון אינעווייניג און איהר גאַנצע אָבשטאַמונג אויף דורות און דורות צוריק.

אַז דער ריכטער איז אַראָבגעקומען צו אונז אין געמיינדע-הויף, כדי צו מאַכען דעם ערשטען פֿערהער, איז דער מאָרד אַליין געווען די איינציגע טהעמאַ, איבער וואָס מען האָט גערעדט; נאָר אויף מאָרגען אין דערפֿריה, אַז דער איספּראַווניק און נאָך אַ פּאָר מענער זיינען געקומען מיט'ן מערדער, איז מיר אַריבער אַ ניי געפֿיהל, אויף וועלכען איך האָב זיך פֿריהער גאָר ניט אָנגעהויבען ריכטען — אַ געפֿיהל פֿון דעם גרעסטען מיטלייד. אַ יונגער, שעהנער בחור, גוט־געוואַקסען, מיט פֿיינע גליעדער, מיט דונקעלע, ניט פֿעסטע האָר, מיט ריידעוודיגע, לעבעדיגע אויגען, וועלכע זיינען איצט געווען צו־שראָקען; מיט אַ קלאָהרער שטימע און מיט אַ געוויסען שטאָלצען, כמעט געבילדעטען אויסזעהן; אין צוזאַמענהאַנג מיט'ן לעבען און ניט מיט'ן טויט, מיט דער פֿרייד, יאָ, מיט דער מונטערקייט... כ'האָב געפֿיהלט אַן אונבעשרייבליך גרויס רחמנות מיט איהם. אי דער איס־פּראַווניק, אי די אַנדערע האָבען גערעדט פֿריינדליך צו איהם, זיי האָבען אַלזאָ אַלע געמוזט האָבען דאָסזעלבע געפֿיהל. נור דער קליינער, בייזער שרייבער האָט איהם פֿערוואָרפֿען מיט אַ מאַסע שטרייגע ווערטער, אויף וועלכע ער האָט גאָרנישט געענטפֿערט. אָהן אַ רעקעל, אין העמדס־אַרבעל — ס'איז געווען זעהר אַ וואַרעמער טאָג — מיט אַ פֿלאַך טוכען היטעלע אויף די קורץ־געשניטענע האָר, מיט די הענד אין די הויזען־קעשענעס אדער אונרוהיג בעשעפֿטיגט מיט אַ שטרוי, אַזוי איז ער אַרומגעגאַנגען איבער'ן הויף אַרויף און אַראָב. דער הויף־הונד האָט געהאַט געסט, און דאָס שפּיעל צווישען די הינד, און די היהנער און אונז קינדער האָט ער נאָכגעקוקט מיט די אויגען, עפּעס אַזוי ווי עס וואָלט איהם געצויגען צו אונז אין דער קאָמפּאַניע. דעם מיידעל'ס ווערטער: „אָבער טהוט איהם גאָר־נישט דערפֿאַר!" האָבען גאָר קיין סוף ניט גענומען, וואו ער איז געגאַנגען, געשטאַנען אָדער געזעסען. איך האָב געוואוסט, אַז ער מוז געקעפּט ווערן, און איך, וואָס איך האָב געגלויבט, אַז דאָס וועט זעהר גיך געשעהן, בין געווען פֿול מיט שרעק, ווען איך האָב זיך פֿאָרגעשטעלט, אַז ער מוז זיך אַודאי זאָגען: אין אַ מאָנאַט אַרום וועל איך שטאַרבען, און דאַן אין אַ וואָך, און דאַן ווידער אין אַ טאָג, אין אַ שעה אַרום.... דאָס האָט דאָך איינפֿאַך געמוזט זיין ניט צום אויסהאַלטען. איך האָב זיך

פֿער׳גנב׳עט הינטער איהם, כדי אַ קוק צו טהאָן אויף זיין האַלז-און-נאַקען, ער האָט גראָד אַרויסגעליגט די האַנד דערויף, אַ קליינע, ברוינע האַנד, און שפּעטער איז מיר כסדר פֿאַר די אויגען געשטאַנען דאָס בילד, אַז ער קען נאָך אַרויפֿליגען די פֿינגער דאַן, ווען די האַק וועט אַרונטערפֿאַלען.

ער און די וואַך זיינען אַריינגערופֿען געוואָרען צום עסען. ס׳איז מיר אינטערעסאַנט געווען צו זעהן, אויב ער קען ווירקליך זיצען רוהיג ביי זיין מאָהלצייט. יאָ, ער האָט געגעסען און געפּלוידערט אַזוי גוט ווי די אַנדערע, און דאָס האָט מיך אויף אַ ווייލע איך בערוהיגט. נאָר ווי איך בין נור געווען צוריק אויף דרויסען און אַליין, האָב איך ווידער גענומען טראַכטען דערפֿון און געדיינקט, אַז עס איז גרויזאַם, וואָס איהרע ווערטער: „נאָר איהר זאָלט איהם דערפֿאַר גאָרנישט טהאָן!״ זיינען אַזוי פֿאַלשטענדיג איגנאָרירט געוואָרען. כ׳האָב געמוזט אַריינגעהן און עס זאָגען דעם פֿאָטער מיינעם; אָבער ער, לאַנגזאַם און ערנסט, און דער שרייבער, קליין און בעוועגליך, זיינען אַרומגע־גאַנגען איבער׳ן צימער אַרויף און אַראָב און האָבען גערעדט — הויך אויף׳ן קול, זיך גאָר ניט אומקוקענדיג אויף מיין צושראָקענקייט. איך האָב זיך צוריק אַרויסגעמאַכט פֿון צימער און בין צוגעגאַנגען נאָהענט צו זיין יאַק, און איך האָב זי געגלעט.

דער פֿערהער איז פֿאָרגעקומען אויבען ביי אונז אין שול־צימער, מיין לעהרער איז געווען סעקרעטאַר, און איך האָב געקראָגען אַן ערלויבעניש צו זיצען דערביי און זיך צוהערען. איבעריגענס האָט דער שרייבער גערעדט אַזוי הויך, אַז דער גאַנצער הויף האָט איהם געקענט הערען דורך׳ן אָפֿענעם צימער. דער אָרעמער האָט געמוזט אָבגעבען דין וחשבון פֿאַר׳ן גאַנצען זונטאָג, אין וועלכען דער מאָרד איז בעגאַנגען געוואָרען, פֿאַר יעדער שעה פֿון טאָג; ער האָט געלייקענט, אַז ער האָט זי דער׳הרג׳עט, האָט עס אָבגעלייקענט מיט דער גרעס-טער בעשטימטקייט: „ניט ער האָט עס געטהאָן.״ דער ריכטער האָט זיך מיט אַלע מעגליכקייטען געסטאַרעט צו ווירקען אויף דעם אונ־גליקליכען, ער האָט פער׳ן געריהרט ביז טרעהרען, אָבער ער האָט זיך פֿאָרט ניט מודה געווען.

„מיר וועלען דאָ, וויזט אויס, בלייבען אַ היבשע צייט,״ האָט

דער ריכטער גיזאָגט צו מיין מוטער, ווען דער פֿערהער פֿון'ם ער-שטען טאָג האָט זיך געענדיגט. נאָר פֿאַרנאַכט איז פער'ם שוועסטער געקומען אויף'ן הויף, און זי איז געבליבען ביי איהם די גאַנצע נאַכט; מיר האָבען געהערט, ווי זיי האָבען זיך געשושקעט און געוויינט, געוויינט און געשושקעט גאָר אָהן אַן אויפֿהער. אין דערפֿריה איז פער געווען בלייך און האָט קיין וואָרט ניט אויסגערעדט; פֿאַר'ן געריכט האָט ער גענומען אַלעס אויף זיך.

ס'איז צוגעגאַנגען אַזוי, האָט ער ערקלעהרט, אַז ער איז מיט איהר געשטאַנען אין נאָהענטע בעציהונגען, און די מוטער האָט עס ניט געוואָלט ליידען; דאָ האָבען זיי זיך איין זונטאָג געטראָפֿען אין וואַלד, בעת זי איז מיט'ן געבעט-בוך אין דער האַנד געגאַנגען אין קירכע; זיי האָבען זיך אַנידערגעזעצט, און ער האָט געפֿרעגט, צי האָט זי טאַקע בדעה, איהם אָנגעבען אַלס פֿאָטער פֿון'ם קינד, מיט וועלכען זי איז שוואַנגער געווען. אין דער דאָזיגער גרויסער נויטה איהרער האָט זי געזוכט איהר טרייסט אין דער שטונדע פֿון'ם גאָטעס-דיענסט. זי האָט געענטפֿערט, אַז זי האָט ניט קיין אַנדערן, וועמען אָנצוגעבען. ער האָט גערעדט דערפֿון, וואָס פֿאַר אַ שאַנדע עס וועט זיין פֿאַר איהם, און ווי אויפֿגעבראַכט זיין מוטער איז שוין איצט. יאָ, דאָס האָט זי גאַנץ גוט געוואוסט; די מוטער זיינע איז בייז אויף איהר, און פֿון פער'ן איז עס מאָדנע, וואָס ער נעהמט זיך גאָר ניט אָן פֿאַר איהר; ער ווייסט דאָך אַם בעסטען, ווער ס'איז שולדיג אין דעם, וואָס האָט געטראָפֿען. אָבער פער האָט גע'טענה'ט, אַז זי האָט געהאַט צו טהאָן מיט אַנדערע אַחוץ איהם; מחמת דעם וועט ער ניט דערלאָזען, אַז זי זאָל איהם אָנגעבען אַלס פֿאָטער פֿון'ם קינד. ער האָט ניט אַנדערש נאָר געוואָלט זי אַריינברייינגען אין כעס; אָבער דאָס האָט זיך איהם ניט איינגעגעבען, זי איז געווען אַזוי גוט-מוטהיג, נאָר ער האָט זיך ניט געקענט העלפֿען, ער האָט געמוזט מאַכען אַ סוף דערצו. אין גראָז, וואו זי איז געזעסען, האָט ער געהאַט בעהאַלטען אַ האַק, און אַצונד האָט ער זי אַרויסגענומען און איהר דערלאַנגט פֿון הינטען אַ זעץ אין קאָפּ. זי איז ניט גלייך געפֿאַלען אין אונמאַכט, נאָר האָט זיך געוועהרט און זיך געבעטען ביי איהם, ער זאָל איהר לאָזען לעבען. וואָס דערנאָך איז געשעהן, ווייסט ער

ניט; ער אַליין איז געוואָרען ווי בעוואוסטלאָז. וואָס איז שייך צו אַלעם איבעריגען, איז ער צופֿריעדען מיט דער ערקלעהרונג, וואָס מען האָט פֿאַר איהם אָבגעגעבען.

די שוועסטער האָט געוואַרט אויף'ן הויף, ביז ער איז אַרויסגעקומען פֿון פֿערהער אַ פֿערוויינטער און אָהן כוחות; זיי זיינען ווידער אַוועק אָן אַ זייט און האָבען זיך געשושקעט צווישען זיך. איך קען זיך אַנדערש ניט דערמאָנען אָן איהר, נאָר אַז זי איז געגאַנגען איינגעהויקערט, און אַז זי האָט כסדר געוויינט.

* * *

ס'איז געווען ווינטער-צייט דאַן, ווען מען האָט איהם געזאָלט הינריכטען. מען האָט עס איהם געלאָזט וויסען מיט אַ גאַנץ קורצער צייט פֿאַר דעם. אַלע אין הויז האָבען מיט אַמאָל געקראָגען וואָס צו טהאָן; דער פֿאָטער מיינער האָט געזאָלט ריידען ביי דער הינריכטונג, און דער אויבער-פֿאַסטאָר, אַלס זעעלען-פֿערזאָרגער פֿון דעם פֿער'משפט'ן, אַזוי ווי דער איספראַווניק האָבען מיט אַ טאָג פֿריהער געזאָלט קומען צו אונז.

פֿער און די וואַך און אַ פֿריינד, זיין לעהרער פֿון דער געפֿאַנגענשאַפֿט, דער שול-לעהרער יאַקאָבסען, האָבען געזאָלט שלאָפֿען אונטען אין שול-הויז; עסען האָבען מיר געזאָלט אַריינשיקען פֿאַר זיי ביידען, פֿאַר איהם און יאַקאָבסען.

איך קען זיך נאָך דערמאָנען, ווי זיי זיינען איינמאָל פֿאַרמיטאָג אָנגעקומען אין צוויי שיפֿלאַך פֿון מאָלדע, דער אויבער-פֿאַסטאָר, דער איספראַווניק און דער פֿעראורטהיילטער צום טויט. אָבער איך האָב געמוזט זיצען אין שולע און איך האָב אויך שפּעטער ניט געטאָרט אַרונטערגעהן אַהין.

אָט דער פֿערבאָט האָט דעם גאַנצען עסק געמאַכט נאָך מיסטישער, נאָך געהיימניספֿולער. בעצייטענס איז געוואָרען דונקעל, דער ים שוואַרץ אַנטקעגען דעם האַלב-ווייסען, פלעצער-ווייז גלאַטען און אויסגעקעהרטען ברעג, די וואָלקענס זיינען געווען צוריסען און האָבען זיך געיאָגט איינער נאָך'ן אַנדערן; מיר האָבען מורא געהאַט פֿאַר אַ

שטורם. מיט אַמאָל האָט זיך אויף דעם געמיינדע־הויף אָנגעצונדען אַ קוימען און עס האָט אויסגעבראָכען אַ פֿייער, דער גרעסטער טהייל פֿון די סאָלדאַטען זיינען זיך צונויפֿגעלאָפֿען העלפֿען; דער גרויסער פֿייער־לייטער איז אַרויסגענומען געוואָרען פֿון דעם פלאַץ אונטער דעם פראָוויאַנט־צימער; ער איז געווען אויסערגעוועהנליך שווער און קלאָציג, אַזוי אַז זיי האָבען זיך שטאַרק געמוטשעט איהם אויפֿצושטעלען, ביז וואַנען מיין פֿאָטער האָט זיך דורכגעשפּאַרט דורך'ן גאַנצען עולם, האָט אַלעמען געבעטען אָבטרעטען אָן אַ זייט און דעם לייטער אַליין אויפֿגעשטעלט. אָן דעם דערמאָנט מען זיך נאָך היינט אין'ם קירך־בעצירק, אַזוי ווי אָן דעם, אַז דער איספּראַווניק, אַ קליינער, פֿלינקער ציגיינער, האָט גענומען צוויי וואַש־עמערס, איינעם אין יעדער האַנד, און אַזוי איז ער אַרויף אויף'ן לייטער, ביז וואַנען ער איז געווען אויף'ן שפּיץ דאַך. דער שוואַרצער פֿיאָרד, דאָס אונרוהיגע אַרומטרייבען פֿון די וואָלקענס, דאָס, וואָס האָט געזאָלט פֿאָרקומען דעם מאָרגעדיגען טאָג, די פֿלאַמען און דער ליאַרם . . . און דאַן די שטילקייט, אָה, די שושקעריי אין די שטיבער און דרויסען אויף'ן הויף, וואו מעהרערע זיינען אַרומגעגאַנגען און אַרונטערגעקוקט אויף דאָס רוהיגע ליכט אין שול־הויז!

דאָרט איז אַלזאָ געזעסען דער שול־לעהרער יאַקאָבסען מיט זיין פֿריינד; זיי האָבען געזונגען און גאָט געבעטען צוזאַמען, אַזוי האָב איך געהערט פֿון די, וועלכע זיינען צוגעקומען אַהין. אָבענד־צייט איז פער'ס פֿאַמיליע געקומען צו פֿאָהרען אין אַ שיפֿעל, איז אַרויף צו איהם און האָט זיך מיט איהם אָבגעזעגענט; ער איז געווען אַזוי מוטהיג ביי זיך, האָט מען דערצעהלט, און האָט זיי אַזוי שעהן אויפֿגענומען און דער עיקר אַזוי האַרצליך געבעטען, מען זאָל לאָזען גריסען דער מוטער און שטענדיג זיין גוט צו איהר. אַ טהייל האָבען געזאָגט, אַז זי איז אויך מיטגעקומען אין שיפֿעל, נאָר זי האָט ניט געוואָלט אַרויפֿגעהן. דאָס איז ניט ריכטיג געווען; פּונקט ווי ס'איז ניט געווען ריכטיג, אַז עטליכע פֿון זיי זיינען אויף מאָרגען געווען ביי דער הינריכטונג, וואָס מען האָט אויך דערצעהלט.

אויף מאָרגען אין דער פֿריה האָב איך זיך אויפֿגעכאַפּט מיט אַזאַ קלעמעניש אין האַרצען און מיט אַ מורא'דיגער אַנגסט. דאָס וועטער

האָט זיך איבערגעביטען און ס׳איז געוואָרען שעהן; אָבער ניט קוי־קענדיג דערויף איז עפּעס אַזוי ווי געלעגען אַ לאַסט אויף אַלעמען; קיינער האָט ניט גערעדט הויך אויף׳ן קול, און אַלע האָבען געזאָגט אַזוי ווייניג ווי מעגליך.

ס׳איז געווען בעשטימט, איך זאָל זיין דערביי און צוקוקען, און מחמת דעם האָב איך זיך צוגעאיילט און אויפגעזוכט מיין לעהרער, פון וועמען איך האָב די גאַנצע צייט ניט געטאָרט אָבטרעטען, ווי מען האָט מיר אָנגעזאָגט. די צוויי גייסטליכע זיינען אַרויסגעקומען אין זייערע לאַנגע שוואַרצע מאַנטלען, מיר זיינען אַרונטער צום ברעג און צוגערודערט דעם ערשטען טהייל פון׳ם וועג. דער פּעראָורטהייל־טער און די, וואָס האָבען איהם בעגלייט, זיינען שוין געווען אַוועק און האָבען געוואַרט דאָרט, וואו אונזער שיפעל האָט זיך אָבגעשטעלט, כדי מיט אונז צוזאַמען צו געהן דעם לעצטען טהייל פון וועג צו דעם הינריכטונגס-אָרט, אַן ערך אַ קילאָמעטער גאַנג. די הינריכטונג האָט געדאַרפט פאָרקומען אויף אַ קרייץ־וועג, און עס איז געווען בלויז איינער אַזעלכער, אין עידסוואַאג, אַ מייל די וויט פון׳ם אָרט, וואו דער מאָרד איז בעגאַנגען געוואָרען. פאָראויס איז געגאַנגען דער איספּראַווניק, דאַן זיינען געקומען סאָלדאַטען, דאַן דער פּעראָורטהייל־טער מיט דעם אויבער־פּאַסטאַר אויף איין זייט און מיין פאָטער אויף דער אַנדער זייט, דאַן יאַקאָבסען און מיין לעהרער, און איך צוויי־שען זיי ביידען, דאַן אַ מאַסע אַנדערע לייט און ווידער אַמאָל סאָלדאַטען. מיר זיינען געגאַנגען לאַנגזאַם און פאָרזיכטיג אויף דעם גלאַטען באָדען; די גייסטליכע האָבען געהאַלטען אין איין ריידען מיט דעם אויסערגעוועהנליך בלייבען מענשען; זיינע אויגען זיינען געוואָרען אַזוי מילד און מיעד, און ער האָט ניט גערעדט קיין סך. מיין מוטער, וועלכע איז געווען אַזוי פריינדליך צו איהם, און וועמען ער האָט געדאַנקט דערפאַר, האָט מיטגעגעבען אַ פלאַש וויין, כדי ער זאָל זיך שטאַרקען דערמיט; אַז מיין לעהרער האָט איהם דאָס ערשטע מאָל דערלאַנגט אַביסעל דערפון, האָט ער אַ קוק געטהאָן אויף די גייסט־ליכע; ער האָט געוואָלט וויסען, צי ס׳איז ניט קיין זינד. מיין פאָטער האָט דערמאָנט דעם אַפּאָסטעל פּאול׳ס ווערטער צו טהימאָ־טעאוס׳ן וועגען שכרות, און ער האָט גלייך אַ גוטען זופּ געטהאָן.

איבער דער גאַנצער לייַנג פֿון וועג זיינען געשטאַנען מענשען, וועלכע האָבען איהם געוואָלט זעהן, און זיי האָבען זיך אָנגעשלאָסען אָן דעם צוג; צווישען זיי זיינען געווען חברים זיינע, וועמען ער האָט טרויעריג צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ; אַ פּאָר מאָל האָט ער אויך אויפֿגעהויבען אין דער לופֿטען די מיץ זיינע, דיזעלבע פֿלאַכע מיץ, אין וועלכער איך האָב איהם דאָס ערשטע מאָל געזעהן. ס'איז געווען קלאָהר און דייטליך, אַז די קאַמעראַדען זיינען פֿריינדליך צו איהם; איך האָב אויך געזעהן יונגע פֿרויען, וועלכע האָבען געוויינט, גאַנץ אָפֿען געוויינט און גאָר ניט געזוכט זיך צו בעהאַלטען דערמיט. ער איז געגאַנגען מיט די הענד אַריבערגעלייגט איבער דער ברוסט; ער האָט אַודאי געמוזט זאָגען אַ געבעט.

אַז מיר זיינען צוגעקומען צו דעם פּלאַץ, זיינען מיר אַלע אויפֿגעטרייסעלט געוואָרען דורך דעם געשריי: „אַכטונג!", וואָס דער קאַפּיטאַן האָט מיט אַמאָל אַרויסגעלאָזט. די סאָלדאַטען האָבען זיך אויסגעשטעלט אין אַן אָפֿענעם פּיער־עק, וואָס האָט זיך צוגעמאַכט, נאָכדעם ווי מען האָט אַריינגעלאָזען אינעווייניג דעם איספּראַווניק, די גייסטליכע, דעם פֿעראורטהיילטען און עטליכע אַנדערע; צו אָט די לעצטע האָב איך געהערט. דאָ איז געשטאַנען אַ גרויסע, שטיל־שווייגענדע מענשען-מאַסע, און הויך איבער אַלעמען אויף אַ פֿערד האָט זיך אויפֿגעהויבען דער וואָיט אין אַ דריי-עקיגען הוט. אַז די סאָלדאַטען, וועלכע זיינען געקומען מיט אונז, זיינען נאָך פֿערשיעדענע דונערענדע בעפֿעהלען אַריינגענומען געוואָרען אין'ם פּיער־עק, האָט זיך די צערעמאָניע אָנגעהויבען דערמיט, וואָס דער וואָיט האָט פֿאָרגעלייענט דעם טויט־אורטהייל און דעם קעניגס בעפֿעהל דורכצופֿיהרען די הינריכטונג.

דער וואָיט איז גראָד געבליבען שטעהן דאָרט, וואו עס זיינען אַוועקגעלייגט געוואָרען געהובעלטע ברעטער איבער'ן קבר, און ביי איין ברעג פֿון די ברעטער איז געשטאַנען דער קלאָץ. אויף דער אַנדער זייט גרוב האָט מען אַוועקגעשטעלט אַ קליינע פּלאַטפֿאָרמע; פֿון דאַנען האָט איצט דער אויבער־פּאַסטאָר געזאָלט אַראָבריידען. פֿער האַגבע האָט זיך אַרונטערגעלאָזט אויף די קניע ביים טרעפּעל פֿון דער פּלאַטפֿאָרמע, מיט'ן פּנים אַראָב און פֿערגראָבען אין די

הענד, גאַנץ האַרט ביי די פֿיס פֿון זיין נשמה־פֿערזאָרגער. דער אויבער־פּאַסטאָר איז געווען אַ דענישער מאַן, איינער פֿון די גאָר ניט וויניגע, וועלכע האָבען געוועהלט ביי דער אָבטהיילונג פֿון נאָרוועגען. זיינע רעדעס זיינען אויף׳ן פּאַפּיר געווען גרויסאַרטיג; אָבער מען האָט זיי ניט אימער געהערט, און דער עיקר, ווען ער פֿלעגט ווערן גע־ריהרט; דאָס פֿלעגט ער ווערן זעהר לייכט. דאַן פֿלעגט ער אויס־שרייען די ערשטע ווערטער הויך אויף׳ן קול, אָבער גלייך נאָכדעם פֿלעגט ער אַריינציהען דעם קאָפּ צווישען די שולטערן, פֿלעגט איהם שאָקלען און שאָקלען גאָר אָהן אַן אויפֿהער און דערביי פֿערמאַכען די אויגען און אַרויסלאָזען עטליכע פֿערשטיקטע קלאַנגען. אַ הויכער קראַגען, וועלכער האָט דערגרייכט ביז אין מיטען פֿון זיינע אויערן, — כ׳האָב קיינמאָל אַזוי וואָס ניט געזעהן — האָט אַרומגענומען זיין גלאַט־געשוירענעם קאָפּ מיט דער דאָפּעל־מאָרדע, און די שולטערן ווידער האָבען זיך אַזוי ווי אַרומגעלעגט אַרום דעם קראַגען; דורך לאַנגער איבונג האָט ער זיך צוגעוואוינט זיי אויפֿצוהויבען העכער איידער אַנדערע. ווער ס׳האָט איהם ניט געקענט — וואָרים איהם קענען, האָט געהייסען איהם ליעב האָבען! — דער האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטען פֿון געלעכטער. זיין רעדע האָט מען ניט געהערט און מען האָט זי ניט פֿערשטאַנען, אָבער זי איז געווען קורץ, ער האָט געמוזט אָבהאַקען אין מיטען. נאָר א י י נ ס האָבען אַלע פֿערשטאַנען, אַז ער האָט ליעב געהאַט אָט דעם יונגען, בלייבען מאַן, וועמען ער האָט איצט צוגעגרייט צום טויט, און ער האָט געוואונשען, אַז אַלע זאָלען מיט אַזאַ רוהיג און פֿרעהליך האַרץ געהן צו זייער גאָט, ווי ער היינט. אַז ער איז אַרונטערגעגאַנגען, האָבען זיי זיך אומאַרעמט און זיך אָבגעזעגענט. אַצונד האָט פער געגעבען מיין פֿאָטער די האַנד און נאָך איהם עטליכע אַנדערע פֿון די אָנוועזענדע, און דערנאָך האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט לעבען זיין פֿריינד יאַקאָבסען. אָט דער האָט גע־וואוסט, וואָס דאָס בעדייט: ער האָט אַרונטערגענומען אַ טיכעל פֿון זיך און אַרומגעבונדען פער׳ן די אויגען, בעת ווען זיי האָבען זיך געשושקעט צווישען זיך. איינער איז צוגעקומען, כדי צו בינדען פער׳ן די הענד אויף׳ן רוקען, נאָר ער האָט געבעטען, מען זאָל איהם לאָזען געהן פֿריי; זיין וואונש איז ערפֿילט געוואָרען. דאַן האָט איהם יאַקאָבסען

אָנגענומען ביי דער האַנד און איהם צוגעפיהרט צום קלאָץ. דאָרט, וואו פער האָט זיך געזאָלט אַרונטערלאָזען אויף די קניע, איז יאַקאָב-סען געבליבען שטעהן, און פער האָט לאַנגזאַם אָנגעבויגען די קניע; יאַקאָבסען האָט נאָך אַלץ געהאַלטען די האַנד און זיך אויך אָנגע־בויגען; ביז וואַנען דער קאָפּ איז געלעגען אויף'ן קלאָץ. דאַן האָט ער אָבגעטראָטען אָן אַ זייט און פערלייגט די הענד איינע איבער די אַנדערע. דאָס האָב איך געזעהן. מיט אַמאָל איז צוגעקומען אַ הויכער מאַן און האָט אָנגעכאַפּט פער'ן ביים האַלז און נאַקען, בעת ווען אַ נידעריגערער האָט פון צווישען צוויי צונויפגעלייגטע האַנד־טיכער אַרויסגענומען אַ בלאַנקע, אויסערגעווערהנליך שאַרף-געשליפענע האַק. דאָ האָב איך זיך אָבגעקעהרט. כ'האָב געהערט דעם קאַפּיטאַן'ס מורא'דיגען געשריי: „דערלאַנגט דאָס געוועהר!" דאַן האָב איך גע־הערט אַ געבעט, אַ „פאָטער-אונזער", פיליכט איז דאָס געווען פער אַליין, און דאַן אַ האַק, פונקט ווי אין אַ גרויסען קאָפּ קרויט. כ'האָב אַ קוק געטהאָן אין יענער זייט, אין דערזעלבער רגע האָט זיך איין פוס אויפגעהויבען אין דער הויך, און עטליכע איילען פון קערפּער איז געלעגען דער קאָפּ און האָט געסאָפּעט און געסאָפּעט, אַזוי ווי נאָך לופט. דעם היינקער'ס געהילף איז צוגעלאָפען און האָט אָנגע-כאַפּט די ברעגען פון'ם טוך, דאַן האָט ער איהם מיט אַ גערויש אַ וואָרף געטהאָן צום קערפּער אין ארון אריין. די ברעטער זיינען געווען אויסגעלייגט איבער'ן ארון, האָט מען זיי שנעל אַרונטערגענומען, דער קערפּער איז אַזוי געלעגען אינעווייניג, דאַן האָט מען אַרונטער־געלאָזט דעם טויטען-קאַסטען אין גרוב.

אַצונד איז מיין פאָטער אַרויף אויף דער פּלאַטפאָרמע; איהם האָבען אַלע פערשטאַנען, און זיין געוואַלטיגע שטימע האָט מען געהערט זעהר וויט. געשטיצט דורך דער דונער־שפּראַך פון יענער שטראָף, האָט ער געוואָרענט די יוגענד פאַר די זינד, מיט וועלכע די געגענד איז פול געווען, פאַר שכרות, צאַנקערייען, הורעריי און אַנדערע אויסגעלאַסענקייטען; די דרשה האָט זיי געמוזט שטאַרק געפעלען ווערן, וואָרים אַהיים-צו-וועגס האָט מען זי ביי איהם פון דער מאַנטעל־קעשענע אַרויסגע'גנב'עט.

אַליין בין איך אַוועק פון דאָרט מיט אַזאַ קראַנקען האַרצען,

יאָ, אַזוי פֿערגליווערט פֿאַר פחד, עפּעס אַזוי ווי איך וואָלט געדאַרפֿט זיין דער נעכסטער הינגעריכט צו ווערן. און שפּעטער האָב איך גע־רעדט מיט אַסך, וועלכע האָבען געהאַט דאָסזעלבע געפֿיהל. מיין פֿאָטער און דער אויבער־פֿאַסטאָר האָבען געגעסען מיטאָג אויבען ביים קאַפּיטאַן צוזאַמען מיט די אַנדערע בעאַמטע; אָבער פֿון'ם מיטאָג זיינען זיי געקומען דירעקט צו אונז אַהיים.

קען דען ווער עס איז זיך ניט פֿאָרשטעלען מיין שרעק, ווען איך בין געזעסען אין אַ ווינקעל — קיינער האָט זיך אויף מיר ניט אומ־געקוקט — און האָב געהערט, ווי דער אויבער-פֿאַסטאָר האָט דער־צעהלט מיינע עלטערן, אַז פֿער האָט איהם אין געפֿענגניס געשוואָרען ביי אַלע הייליגקייטען, אַז ער האָט דאָס מיידעל ניט אַרויפֿגעשלעפּט אויף דעם משופּע'דיגען פֿעלז און איהר ניט אַרונטערגעוואָרפֿען, אַז דער אויבער-פֿאַסטאָר פֿערלאַנגט, וועט ער איהם זאָגען, ווער ס'האָט עס געטהאָן.

נאָר דער אויבער-פֿאַסטאָר האָט געזאָגט ניין, „ער האָט בלויז מיט איהם צו טהאָן!"

שפּעטער האָב איך געהערט, אין קירך-בעצירק האָט מען עס איבעראַל דערצעהלט, אַז פֿער'ס מוטער איז דאָס געוועזען די, וואָס האָט איהם געטריבען דערצו אָבצוראַמען דאָס מיידעל פֿון וועג, ווען זי וועט ניט מרוצה ווערן אָנצוגעבען אַן אַנדערן אַלס פֿאָטער פֿון'ם קינד; ווייטער, אַז פֿער האָט איהר טאַקע דערלאַנגט אַ זעץ מיט אַ האַק אין קאָפּ און געקעמפּפֿט מיט איהר, נאָר דאַן האָט ער עס אויפֿגעגעבען און איז אַנטלאָפֿען געוואָרען; גלייך נאָכדעם איז די מוטער אַליין אַריבער אַהין און דערענדיגט די טהאַט.

פֿאַר זיין מוטער אַלזאָ איז ער געגאַנגען צום טויט, און דאָס האָט איהם די שוועסטער זיינע געבראַכט דערצו. אָט דער סוד האָט דאָס איהם פֿערבונדען אין אַזאַ פֿריינדשאַפֿט מיט יאַקאָבסען און איהם אַזוי טייער געמאַכט ביי דעם אויבער־פֿאַסטאָר אין די אויגען — אַזוי האָב איך זיך שפּעטער געטראַכט.

יענע, וועלכע האָבען אין דעם דאָזיגען טאָג פֿערטראָטען און דורכגעפֿיהרט די ראַבע פֿון'ם שטאַאַט אין'ם קעניג'ס נאָמען, מוז איך דאָ אָנרופֿען — ניט זייערע נעמען, נאָר זייער כאַראַקטער. דער

קאַפּיטאַן איז געווען אַ קרעפּטיגער, פרעהליכער מאַן, ער האָט אָנ־טהייל גענומען אין אונזערע לעצטע צוויי מלחמות, אָבער אַזוי גלייכגילטיג איז ער געווען צו אַלצדינג, וואָס האָט געהייסען מאָראַל, אַז ער איז ענדליך אָנגעקלאָגט געוואָרען פאַר אַ פערברעכען, פאַר אַזאַ שרעקליכעם פערברעכען, אַז איך קען עס דאָ ניט אָנרופען; אמת טאַקע, אַז מען האָט איהם בעפרייט, נאָר קיינער האָט ניט געצווייפעלט אין זיין שולד. דער וואָיט איז אַריין אויף צעהן יאָהר אין קערקער פאַר שווינדעל אין זיין אַמט; ער איז שוין שולדיג געווען דאַן, ווען ער איז געזעסען ביי דעם מיטאָג־טיש; דאָס האָט מיין פאָטער געוואוסט. דער איספּראַווניק איז פערשוואונדען, און ווען מען האָט דורכגעקוקט זיינע רעכנונגען און פאַפּירען, האָט זיך אַרויסגע־וויזען, אַז ער האָט בעשווינדעלט אַ העלפט פון׳ם קירך־בעצירק; קיין מענש איז אין יענער געגענד ניט אַזוי מורא׳דיג פערשאָלטען געוואָרען, ווי ער.

דאָס איז שוין אַ מעשה פון איבער פופציג יאָהר. זינט דאַן איז נאָרוועגען אין יעדען פרט גאָר אַן אַנדער לאַנד געוואָרען.

דער פֿאטער.

דער מאַן, פֿון וועמען עס זאָל דאָ דערצעהלט ווערן, איז געווען דער מעכטיגסטער אין זיין קירך-בעצירק; ער האָט געהייסען טהאָרד עווערראַאס. איין טאָג איז ער געשטאַנען ביים פּאַסטאָר אין אַרבייטס-צימער, הויך אויפגעשטעלט און מיט אַ טיעף-ערנסטער מיענע.

„ביי מיר איז געבוירען געוואָרען אַ זוהן," האָט ער געזאָגט, „און איך וויל איהם לאָזען טויפֿען."

„ווי זאָל ער הייסען?"

„פֿינן, נאָך מיין פֿאָטער."

„און ווער זיינען די קוואַטערס?"

זיי זיינען אָנגערופֿען געוואָרען ביי די נעמען און זיי זיינען געווען די אָנגעזעהענסטע מענער און פֿרויען פֿון דעם קירך-בעצירק, וועלכע האָבען אַלע געהערט צו דער פֿאַמיליע פֿון'ם פֿאָטער.

„האָסט דו אַחוץ דעם נאָך עפּעס מיטצוטהיילען?" האָט דער גלח געפֿרעגט און האָט אַ קוק געטהאָן אויף איהם.

דער בויער איז געשטאַנען אַ רגע און האָט געשוויגען.

„איך וואָלט גערן געוואָלט איהם לאָזען טויפֿען איינער אַליין פֿאַר זיך," האָט ער ענדליך געזאָגט.

„דאָס הייסט אין אַ וואָכעדיגען טאָג?"

„קומענדען שבת, מיטאָג-צייט צוועלף אַזייגער."

„האָסט דו אויסער דעם נאָך וואָס?" האָט דער פּאַסטאָר אַ פֿרעג געטהאָן.

„ווייטער גאָרנישט."

דער בויער האָט געדרעהט דעם הוט אין די הענד, אַזוי ווי ער וואָלט געוואָלט געהן. דאָ האָט זיך דער גלח אויפגעהויבען.

„לאָמיך דיר אַלזאָ מיטגעבען אַ וואונש אויף'ן וועג," האָט ער זיך

אָבגערופֿען, איז צוגעגאַנגען צו טהאָרד'ן, האָט גענומען זיין האַנד, איהם אַריינגעקוקט אין די אויגען און געזאָגט: „זאָל גאָט געבען, אַז דאָס קינד זאָל דיר זיין צו ברכה און הצלחה!"

זעכצעהן יאָהר נאָך דעם דאָזיגען טאָג איז טהאָרד ווידער געשטאַנען ביים גלח אין צימער.

„דו זעהסט אויס גוט, טהאָרד," האָט זיך אָבגערופֿען דער גייסטליכער, וועלכער האָט אויף איהם קיין פֿערענדערונג ניט בעמערקט.

„איך האָב דאָך גאָר קיין זאָרגען ניט," האָט טהאָרד געענטפֿערט.

דערויף האָט דער גלח גאָרנישט געהאַט וואָס צו זאָגען. אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער געפֿרעגט:

„וואָס איז דאָס ציעל פֿון דיין קומען היינט אָבענד?"

„היינט אָבענד קום איך וועגען מיין זוהן, וועלכער דאַרף מאָרגען קאָנפֿירמירט*) ווערן."

„ער איז אַ טיכטיגער יונג."

„איך האָב אייך ניט געוואָלט בעצאָהלען וואָס עס קומט אייך, איידער איך וויים, וואָס פֿאַר אַ פלאַץ ער וועט האָבען אין קירכע."

„איך האָב איהם אָבגעגעבען דעם ערשטען פלאַץ."

„נו גוט, אַצונד בין איך דערמיט זיכער — און דאָ האָט איהר צעהן טהאַלער פֿאַר אייך."

„ווינשסט דו אויסער דעם נאָך עפּעס?" האָט געפֿרעגט דער גלח, קוקענדיג אויף טהאָרד'ן.

„ווייטער גאָרנישט."

און טהאָרד איז אַוועק.

ווידער זיינען פֿערביי אַכט יאָהר. איין טאָג האָט זיך לעבען דעם פֿאַסטאָר'ס אַרבייטס-צימער דערהערט אַ גערויש, וואָרים אַסך מענער זיינען געקומען, און טהאָרד איז געגאַנגען פֿאָראויס. דער גלח האָט אַ קוק געטהאָן און איהם דערקענט.

---

*) קאָנפֿירמירען הייסט, איינזעגנען אין דעם בונד פֿון אַ רעליגיאָן, ווי „בר מצוה" ווערן.

„דו קומסט היינט אָבענד מיט אַזאַ עולם," האָט ער זיך אָב-גערופֿען.

„איך וויל לאָזען שרייבען מיין זוהן'ס תנאים; ער איז אַ חתן געוואָרען פֿאַר קאַרען סטאָרלידען, די טאָכטער פֿון גודמונד, וועלכער שטעהט דאָ פֿאַר אייך."

„דאָס איז דאָך דאָס רייכסטע מיידעל אין'ם גאַנצען קירך-בעצירק."

„אַזוי זאָגט מען," האָט געענטפֿערט דער בויער, זיך פֿערשאַ-רענדיג מיט איין האַנד די האָר אין דער הויך.

אַ ווײַלע איז דער גלח געזעסען אַזוי ווי פֿערטיעפֿט אין גערדאַנ-קען; ניט אויסריידענדיג קיין וואָרט, האָט ער איינגעשריבען די נעמען אין זיינע ביכער, און די מענער האָבען זיך אונטערגעשריבען. טהאָרד האָט אַוועקגעלייגט דריי טהאַלער אויף'ן טיש.

„מיר קומט בלויז איינער," האָט זיך דער גלח אָבגערופֿען.

„איך ווייס, וואָס אייך קומט, נאָר ער איז מיין איינציג קינד — איך וויל צאָהלען מעהר ווי אַן אַנדערער."

נאָך דער דאָזיגער ערקלעהרונג האָט דער גלח צוגענומען דאָס געלד.

„אַצונד שטעהסט דו שוין דאָ דאָס דריטע מאָל צוליעב דיין זוהן טהאָרד," האָט ער זיך אָבגערופֿען.

„אָבער דערפֿאַר בין איך איצט מיט איהם פֿאַרטיג," האָט טהאָרד געענטפֿערט. דערביי האָט ער פֿערשנירעוועט זיין געלד-בייטעל, געזאָגט אַדיע און איז אַרויס, — די מענער זיינען איהם לאַנגזאַם נאָכגעגאַנגען.

אין פֿערצעהן טעג אַרום זיינען פֿאָטער און זוהן אַרויסגעפֿאָהרען אין אַ שיפֿעל קיין סטאָרלידען, כדי זיך דורכצושמועסען מכח דער חתונה; ס'איז געווען אַ שטיל וועטער.

„די רודער-באַנק ליגט ניט פֿעסט אונטער מיר," האָט געזאָגט דער זוהן און איז אויפֿגעשטאַנען, כדי זי צורעכט צו מאַכען. אין דערזעלבער רגע גליטשט זיך אויס דאָס ברעט, אויף וואָס ער שטעהט; ער כאַפּט זיך אַרום מיט די אָרעמס, לאָזט אַרויס אַ מורא'דיגען געשריי און פֿאַלט אַריין אין וואַסער.

„האַלט זיך אָן פֿעסט אָן'ם רודער!" האָט אַ געשריי געטהאָן דער פֿאָטער, איז אויפֿגעשפּרונגען פֿון זיין אָרט און האָט עס איהם אויסגעשטרעקט. עטליכע מאָל האָט דער זוהן אָנגעכאַפּט דעם רודער, נאָר זיינע הענד זיינען געוואָרען שטייף און פֿערגליווערט.

„וואַרט, וואַרט!" האָט געשריען דער פֿאָטער און האָט צוגע־רודערט צו איהם. מיט אַמאָל קעהרט זיך דער זוהן איבער נאָך הינטען, גיט אַ וואָרף דעם פֿאָטער אַ לאַנגען בליק — און געהט אונטער.

טהאָרד האָט גאָר זיינע אויגען ניט געוואָלט גלויבען, ער האָט אָבגעשטעלט דאָס שיפֿעל און געקוקט אויף'ן אָרט, וואו דער זוהן איז אַרונטער, עפּעס אַזוי ווי ער וואָלט געוואַרט, ער זאָל אַרויפֿקומען צוריק. עטליכע בלעזעלאַך האָבען זיך בעוויזען אויף'ן וואַסער, נאָך עטליכע, דערנאָך בלויז איין איינציגע, אַ גרויסע, וועלכע איז צושפּרונגען — און העל און גלאַט ווי אַ שפּיגעל איז די אָזערע ווידער געלעגען.

דריי טעג און דריי נעכט נאָכאַנאַנד האָבען די מענשען געזעהן דעם פֿאָטער, ווי ער רודערט אַרום אַרום דעם דאָזיגען אָרט; ער האָט ניט געגעסען און ניט געשלאָפֿען, — ער האָט געזוכט זיין זוהן. ערשט אויף'ן דריטען טאָג אין דערפֿריה האָט ער איהם געפֿונען און האָט איהם אַליין איבער די בערג אַוועקגעטראָגען צו זיך אין הויף.

זינט יענעם טאָג האָט אודאי געמוזט אַריבערגעהן אַ יאָהר צייט. איינמאָל אָסיען־צייט שפּעט אין אָבענד הערט דער גלח, ווי אימיצער ריהרט זיך עפּעס אויף דרויסען אין הויף און זוכט אין דער פֿינסטער די קליאַמקע פֿון טהיר. דער פּאַסטאָר עפֿענט די טהיר און עס קומט אַריין אַ הויך־געוואַקסענער, איינגעבויגענער מאַן, מאָגער און מיט ווייסע האָר. דער גלח האָט אַ היבשע ווייל געקוקט אויף איהם, איידער ער האָט איהם דערקענט; ס'איז געווען טהאָרד.

„אַזוי שפּעט קומסט דו?" האָט זיך דער גלח אָבגערופֿען און איז געבליבען שטעהן אַנטקעגען איהם.

„ליידער יאָ, כ'קום שפּעט," האָט טהאָרד געענטפֿערט זיך אַני־דערזעצענדיג.

פֿול ערוואַרטונג האָט זיך אויך דער גלח אַוועקגעזעצט. אַ היבשע ווײַלע האָט געהערשט אַ שטיל־שווײַגען אין צימער. ענדליך האָט טהאָרד געזאָגט:

„איך האָב עפּעס בײַ מיר, וואָס איך וואָלט גערן געוואָלט שײנקען די אָרעמע לײַט; כ'האָב בדעה צו גרינדען אַ צדקה־זאַך, וואָס זאָל טראָגען מײַן זוהן'ס נאָמען."

ער האָט זיך אויפֿגעהויבען, אַוועקגעלײגט געלד אויף'ן טיש און זיך צוריק אַנידערגעזעצט.

דער גלח האָט עס איבערגעצעהלט.

„דאָס איז אַסך געלד," האָט ער געזאָגט.

„ס'איז די העלפֿט פֿון'ם פּרײַז פֿאַר מײַן הויף, וועלכען איך האָב הײַנט פֿערקויפֿט."

אַ היבשע ווײַלע איז דער גלח געבליבען זיצען, ניט אויסרײַדענדיג קײן וואָרט. ענדליך האָט ער מיט אַ זאַנפֿטער שטימע געפֿרעגט:

„וואָס דײַנקסט דו איצט צו טהאָן?"

„עפּעס בעסערס!"

ווידער זײַנען זײ געזעסען אַ ווײַלע און האָבען געשוויגען, טהאָרד מיט די אויגען אַראָבגעלאָזען צו דער ערד, בעת ווען דער גלח האָט איהם אָנגעקוקט מיט פֿרעגענדע בליקען. מיט אַמאָל רופֿט זיך אָב דער גלח גאַנץ שטיל:

„איצט מײן איך, אַז דײַן זוהן האָט דיר ענדליך דאָך געבראַכט גליק."

„יאָ, אַצונד בין איך אויך איבערצײַגט דערפֿון," האָט טהאָרד געענטפֿערט, האָט אויפֿגעהויבען די אויגען, און צוויי טרעהרען האָבען זיך לאַנגזאַם אַראָבגעקאַטשעט איבער זײַן געזיכט.

א לשבטנס־רעטעניש.

„פֿאַרוואָס זאָלען מיר זיך עפּעס גראָד דאָ אַנידערזעצען?"

„ווייל דאָ איז הויך און ליכטיג."

„אָבער דאָ אונטען איז אַזוי טיעף; ס'שווינדעלט מיר אין די אויגען, און די זונען-שטראַהלען פֿאַלען אַזוי בלענדענדיג אויף'ן וואַסער. לאָמיר בעסער געהן ווייטער!"

„ניין, ניט ווייטער."

„דאַן צוריק צום גרינעם גאָרטען-שטיבעל; דאָרט איז געוועזען אַזוי שעהן."

„אָה ניין, דאָרט אויך ניט."

ער האָט זיך נאַכלעסיג אַרונטערגעלאָזט אויף דער ערד, אָקוראַט ווי ער וואָלט ניט געקענט אָדער ניט געוואָלט אַוועקגעהן פֿון דאַנען. זי איז געבליבען שטעהן און האָט ניט אַרונטערגענומען קיין אויג פֿון איהם. גלייך נאָכדעם האָט ער זיך אָבגערופֿען:

„אַסטאַ, אַצונד מוזט דו מיר ערקלעהרען, פֿאַרוואָס דו ביסט אַזוי פּערציטערט געוואָרען דאַן, ווען דער פֿרעמדער שיפֿס-קאַפּיטאַן איז אַריינגעקומען."

„שוין ווידער אַמאָל? אַזוי ווי דאָס האַרץ האָט מיר געזאָגט!" האָט זי געשעפּטשעט און ס'האָט אויסגעזעהן, אַזוי ווי זי וואָלט זיך געוואָלט אַרויסמאַכען דערפֿון.

„דו מוזט עס מיר זאָגען, גלייך אויף'ן שטעל; וואָרים אַניט געה איך מיט דיר מעהר קיין טריט ניט ווייטער."

„באָטאָלף!" האָט זי אויסגערופֿען און זיך אומגעדרעהט, איז אָבער שטעהן געבליבען.

ער האָט געזאָגט:

„איך האָב דיר, אמת, צוגעזאָגט, אַז איך וועל דיך מעהר גאָרנישט

פֿרעגען, און איך וועל האַלטען מיין צוזאָג, אויב דו ווילסט עס ניט אַנדערש; נאָר דאַן איז אַ סוף צו אַלצדינג.״

איצט האָט זי אַרויסגעפּלאַצט אין אַ געוויין און איז צוגעגאַנגען נאָהענט צו איהם. איהר שעהנע, פֿיינע פֿיגור, איהרע קליינע הענטעלאַך, איהרע ווייכע, העלע האָר, פֿון וועלכע ס׳האָט זיך אַרונטערגעגליטשט דער האַלזטוך, וואָס האָט זיי אַרומגענומען, און דאַן ערשט איהרע אויגען און איהר מיילכעלע, — יעדעס איינע פֿאַר זיך האָט צוגעצויגען און אַלעס צוזאַמען האָט געגעבען אַ פֿאָלשטענדיג, אַ וואונדערבאַר און ליעבליך בילד. העל און לייכטענדיג זיינען די זונען־שטראַהלען געפֿאַלען אויף איהר. ער איז אויפֿגעשפּרונגען און האָט געזאָגט:

„יאָ, דו ווייסט גאַנץ גוט, ווען דו קוקסט מיך אָן אַזוי, דאַן גיב איך נאָך. אָבער איך וויים אויך, אַז עס ווערט בלויז ערגער דער־נאָך. דו קענסט עס דען אַליין ניט פֿערשטעהן: אַז איך זאָל דיר אפילו הונדערט מאָל צוזאָגען, ניט צו וועלען וויסען פֿון דיין פֿער־גאַנגענהייט — ס׳וועט גאָרנישט העלפֿען, עס לאָזט מיך ניט רוהען, איך קען מיין פֿערשפּרעכען ניט האַלטען!״

און אויף זיין געזיכט האָט מען ווירקליך געקענט בעמערקען אַ ליידענשאַפֿטליכע אויפֿרעגונג, וועלכע האָט ניט אָבגעשטאַמט ערשט פֿון נעכטען אָן.

„באַטאָלף,״ האָט זי זיך אָבגערופֿען, „אָט דאָס טאַקע האָסט דו דאָך מיר צוגעזאָגט דאַן, ווען דו האָסט מיך ניט צורוהה געלאָזט; דו האָסט מיר צוגעזאָגט, מעהר ניט צו פֿרעגען דאָס, וואָס איך קען דיר קיינמאָל ניט זאָגען. דו האָסט עס מיר הייליג פֿער־שפּראָכען, דו האָסט געזאָגט, ס׳איז דיר לחלוטין אַלצאיינס, דו ווילסט בלויז מיך האָבען, און קיין אַנדער זאַך ניט ווי מיך! — — באַטאָלף!״

און זי האָט זיך פֿאַר איהם אַרונטערגעלאָזט אויף די קניע אין גראָז; זי האָט געוויינט, ביטער געוויינט, עפּעס אַזוי ווי זי וואָלט זיך געשראָקען פֿאַר זיין לעבען; זי האָט געקוקט אויף איהם, בעת ווען יעדע טרעהר בעזונדער וואָלט גערעדט איהר אייגענע שפּראַך, און זי איז געווען דאָס שעהנסטע און אונגליקליכסטע, וואָס ער האָט אין זיין לעבען געזעהן.

„גאָט מיינער!" האָט ער געזאָגט, איז אויפגעשפּרונגען, האָט זיך אָבער גלייך צוריק אַנידערגעזעצט. „ווען דו וואָלסט מיך אַזוי ליעב געהאַט, אַז דו זאָלסט קענען האָבען צוטרוי צו מיר, ווי גליקליך וואָלטען מיר דאַן ביידע געקענט זיין!"

„אָבער ווען דו וואָלסט געקענט האָבען אַביסעל צוטרוי צו מיר!" האָט זי זיך געבעטען און איז צוגעקומען נעהנטער אויף די קניע, און גלייך נאָכדעם האָט זי צוגעלייגט: „דיך ליעב האָבען? אין דער נאַכט, ווען איך בין נאָך דעם צוזאַמענשטויס פון אונזער שיף מיט דיינעם אַרויפגעקומען אויף'ן פּערדעק, דאַן ביסט דו געשטאַנען אויף'ן ברוי-קעל און האָסט קאָמאַנדירט, אַרויסגעגעבען דיינע בעפעהלען. קיינמאָל האָב איך ניט געזעהן אַזוי פיעל מענליכעס, אַזאַ קראַפט; איך האָב דיך גלייך אויף'ן שטעל ליעב געקראָגען! און דאַן, אַז די שיפען האָ-בען געהאַלטען אין זינקען און דו האָסט מיך אַריבערגעטראָגען אין דאָס קליינע שיפעל, האָב איך ווידער דערפיהלט אַ לוסט צום לעבען, און אָט די לוסט האָב איך פריהער געהאַט פערלאָרען און איך האָב געמיינט, אַז איך וועל זי קיינמאָל מעהר ניט געפינען!"

זי איז אַנשוויגען געוואָרען און האָט ווייטער געוויינט פאַר זיך; נאָר באַלד האָט זי פערוואָרפען די הענד אַרום זיינע קניע.

„באָטאָלף!" האָט זי זיך געבעטען, „זיי גרויס, זיי גרויס ווי דער-מאָלט, בעת דו האָסט מיך גענומען ווי איך בין געשטאַנען און גע-גאַנגען, ניט קוקענדיג דערויף וואָס איך האָב גאָרנישט געהאַט, ווי דאַן, ווען דו האָסט גענומען מיך, מיך אַליין — באָטאָלף!"

כמעט מיט אַ הארטען טאָן האָט ער געענטפערט:

„נאָך וואָס שטעלסט דו מיך אויף דער פּראָבע? דו ווייסט דאָך, אַז איך קען ניט! דאָס הארץ, די נשמה ווילען מיר האָבען, ניט בלויז דאָס קערפּערליכע לעבען — אין די ערשטע טעג קען עס נאָך ווי עס איז אָנגעהן, אָבער ניט שפּעטער."

זי האָט זיך צוריקגעצויגען און מיט אַ פערצווייפעלטען טאָן, אָהן אַ ברעקעל האָפנונג, האָט זי געזאָגט:

„אַך ניין, אַ לעבען ווערט קיינמאָל ניט צוריק קיין גאַנצעס; אָה גאָט!"

און זי האָט זיך ווידער בעגאָסען מיט טרעהרען.

„גיב דו מיר דיין גאַנץ לעבען און ניט בלויז אַ שטיק דערפֿון, דאַן וועט עס ביי מיר ווידער ווערן אַ גאַנצעס," האָט ער געזאָגט. ער האָט גערעדט מיט אַ פֿעסטער שטימע, אַזוי ווי ער וואָלט געוואָלט אַריינגיסען אין איהר מוטה; זי האָט ניט געענטפֿערט, נאָר ער האָט געזעהן, ווי זי קעמפֿט מיט זיך אַליין.

„בעזויג דיך אַליין, מאַך דעם שריט! ערגער ווי עס איז איצט, קען עס דאָך ניט ווערן!"

„דו ווילסט מיך טרייבען צו פֿערצווייפֿלונג!" האָט זי מיט אַ געבעט אין איהר שטימע געזאָגט.

ער האָט ניט פֿערשטאַנען, וואָס זי מיינט, און ווייטער גערעדט:

„ווען עס זאָל אפילו זיין דאָס גרעסטע פֿערברעכען, וועל איך זיך סטאַרען עס אויסצוהאַלטען, אָבער דאָס קען איך ניט אַריבער־טראָגען!"

„ניין, איך אויך ניט!" האָט זי אויסגערופֿען און זיך אויפֿגע־הויבען.

„כ'וועל עס דיר העלפֿען טראָגען, יעדען טאָג וועל איך עס דיר העלפֿען אַריבערטראָגען," האָט ער געענטפֿערט, און אויך ער איז אויפֿגעשטאַנען; „ווען איך זאָל נור וויסען, וואָס דאָס איז. אָבער איך בין צו שטאָלץ צו זיין אַ שומר איבער עפּעס, וואָס איך קען ניט, און וואָס געהט פֿילייכט אָן אַן אַנדערן!"

דאָ איז זי געוואָרען רויט ווי פֿייער.

„מעגסט זיך שעהמען; פֿון אונזביידען בין איך די שטאָלצסטע, איך פֿערלאַנג ניט קיין שומר איבער דאָס, וואָס געהט אָן אַן אַנ־דערן. אַצונד אָבער בעט איך דיך, הער אויף!"

„ניין, אויב דו ביסט ווירקליך שטאָלץ, דאַן בעפֿריי מיך צוערשט פֿון מיין פֿערדאַכט!"

„יעזוס קריסטוס! כ'וועל עס ניט אויסהאַלטען."

„ניין, איך האָב געשוואָרען, אַז היינט מוז נעהמען אַ סוף דערצו."

„צי איז עס ניט אונבאַרמהאַרציג," האָט זי אַ געשריי געטהאָן, „אַזוי צו מוטשען און פּלאַגען אַ פֿרוי, וועלכע גיט זיך דיר איבער און וועלכע האָט אַזוי טיעף פֿאַר זיך געבעטען ווי איך!" און ווידער

אַמאָל האָט זי געהאַלטען דערביי אַרויסצופּלאַצען מיט אַ ביטער געוויין, נאָר זי האָט זיך פּלוצלינג איבערגעבראָכען און געזאָגט:

„אָה, איך זעה גאַנץ גוט, כ'זעה, וואָס עס טהוט זיך אין דיר; דו ווילסט מיך טרייבען צו פֿולער פֿערצווייפֿלונג, כדי פֿון מיר וואָס עס איז צו דערגעהן!"

זי האָט איהם אָנגעקוקט מיט אַ פֿערזאָרגטען בליק און דאַן האָט זי זיך אָבגעקעהרט אָן אַ זייט. דאָ האָט זי געהערט לאַנגזאַם וואָרט פֿאַר וואָרט:

„דו ווילסט אָדער דו ווילסט ניט? יאָ צי ניין?"

זי האָט אויסגעשטרעקט די האַנד.

„ניין," האָט זי געענטפֿערט, „און ווען דו זאָלסט מיר אפילו געבען אַלצדינג, וואָס מיר קענען נור זעהן דאָ פֿאַר אונזערע אויגען!"

זי האָט אָבגעטראָטען פֿון איהם, איהר בוזים האָט זיך געהויבען, איהרע בליקען האָבען אַרומגעוואַנדערט דאָ און דאָרט, אָט זיינען זיי געווען שטריינג, אָט טרויעריג און דאַן ווידער שטריינג. זי האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן אַ בוים און געוויינט; דערנאָך האָט זי אויפֿגעהערט צו וויינען און גענומען געהן ווייטער, זיך דערווייטערן פֿון איהם.

„כ'האָב דאָך געוואוסט, אַז דו האָסט מיך ניט ליעב!" האָט זי געהערט — און אין איין רגע איז זי געוואָרען דאָס צערטליכסטע וועזען, פֿול מיט חרטה; אַ פּאָר מאָל האָט זי געוואָלט ענטפֿערן, נאָר אָנשטאָט דעם האָט זי זיך אַנידערגעוואָרפֿען אויף'ן גראָז און בעהאַלטען דאָס געזיכט אין איהרע הענד. ער איז צוגעקומען און האָט זיך אָנגעבויגען איבער איהר. זי האָט געשפּירט זיין נאָהענטקייט, זי האָט ערוואַרט, ער זאָל אָנהויבען ריידען צו איהר, נאָר ער האָט געשוויגען שטיל, און איהר איז נאָך דערפֿון געוואָרען שווערער אויף'ן האַרצען און זי האָט געמוזט אויפֿהויבען דעם קאָפּ און אַ קוק טהאָן צו איהם. אין דער רגע איז זי אויפֿגעשפּרונגען אין דער הויך; זיין אָבגעברענט, לייכטליך געזיכט איז געוואָרען איינגעפֿאַלען, הויהל; די טיעפֿע אויגען אָהן ברעמען, דאָס ברייטע, נאָר צוזאַמענגעפּרעסטע מויל, די גאַנצע קרעפֿטיגע פֿיגור האָט געמאַכט אַזאַ געוואַלטיגען

איינדרוק אויף איהר, אַז זי האָט איהם פּלוצלינג געזעהן שטעהן פאַר זיך ווי אין יענער אונגליקליכער נאַכט אויף דער בריק פון שיף, אַרויסגעבענדיג זיינע בעפעהלען; ער איז געווען גרויס ווי דעמאָלט און מיט אַ קראַפט, וואָס האָט גאָר קיין גרענעץ ניט. אָבער אַצונד איז ער מיט דערזועלבער מיענע געשטאַנען אַנטקעגען איהר!

„דו האָסט מיך אָבגענאַרט, מיט ליגענס האָסט דו מיך פערפיהרט, אַסטאַ!"

זי האָט אָבגעטראָטען פון איהם, נאָר ער איז איהר נאָכגעגאַנגען.

„דו האָסט אויך מיך פאַר אַ ליגנער געמאַכט; קיין איינציגען טאָג פון אונזער צוזאַמענלעבען האָט צווישען אונז ניט געהערשט קיין פולע וואַהרהייט!"

ער איז געשטאַנען אַזוי נאָהענט צו איהר, אַז זי האָט געקענט פיהלען זיין וואַרעמען אָטהעם; ער האָט איהר אַריינגעקוקט גלייך אין פנים אַריין, אַזוי אַז עס איז איהר געוואָרען פינסטער פאַר די אויגען; זי האָט ניט געוואוסט, וואָס ער קען אין דער קומענדער רגע זאָגען אָדער טהאָן. מחמת דעם האָט זי פערמאַכט די אויגען. זי איז געשטאַנען אונזיכער, עפּעס אַזוי ווי זי וואָלט געוואָלט פאַלען אָדער אַנטלויפען; דער מאָמענט פון ענטשיידונג איז געקומען. אין דער טיעפער שטילקייט, וואָס האָט אין יענער רגע געהערשט, איז איהם אַליין געוואָרען זעהר שווער אויף'ן האַרצען, אָבער ער איז באַלד ווידער געקומען צו זיך.

„רעכטפערטיג זיך," האָט ער געזאָגט, „לייג אַוועק אַלע דיינע קונץ-שטיק אָן אַ זייט, — טהו עס איצט, דאָ!"

„יאָ," האָט זי בעוואוסטלאָז געענטפערט.

„טהו עס איצט, דאָ, זאָג איך!"

מיט אַמאָל האָט ער געגעבען אַ געשריי, וואָרים זי איז פערבייגעפלויגען פערביי איהם און אַרונטער אין ים; ער האָט געזעהן איהרע העלע האָר, איהרע אויסגעשטרעקטע הענד, אַ האַלוטוך, וואָס האָט זיך אָבגעשלייפט און איז אַליץ לייגער געוואָרען הינטער איהר. ער האָט ניט געהערט קיין שום געשריי, אויך ניט קיין גערויש אין וואַסער, וואָרים דאָרט אונטען איז געווען טיעף. ער האָט אויך ניט

געהערט, מחמת דעם וואָס ער איז אַנידערגעפֿאַלען הינטערווייל־אַכס אויף דער ערד.

פֿון ים איז זי אין יענער נאַכט געקומען צו איהם, אין ים איז זי צוריק פֿערשוואונדען און מיט איהר די געשיכטע פֿון איהר לעבען. אין דער נאַכט־שוואַרצער טיפֿעניש איז אַצונד בעגראָבען געווען אַלעס, וואָס האָט בעהערשט זיין האַרץ — זאָל ער ניט נאָכגעהן? ער איז געקומען אַהער מיט דעם פֿעסטען ווילען, צו מאַכען אַ סוף צו זיינע יסורים; — דאָס איז ניט קיין סוף, איצט קען עס קיינמאָל ניט קומען, איצט וועלען זיך די יסורים ערשט ריכטיג און ערנסט אָנהויבען. די לעצטע מהאָט איהרע האָט דאָך אַרויסגעשריען צו איהם, איהם געמאַכט דעם פֿאָרוואורף, אַז ער האָט אַ טעות געהאַט און זי געטריבען צום טויט. ניט קוקענדיג דערויף, וואָס די יסורים וועלען אַצונד זיין צעהן מאָל אַזוי גרויס, מוז ער בלייבען לעבען, כדי וועגען דעם נאָכצודיינקען, ווי אַזוי דאָס איז צוגעגאַנגען. זי, וועלכע איז כמעט געווען די איינציגע, וואָס איז אין יענער מורא'דיגער נאַכט געראַטעוועט געוואָרען, זי האָט, הייסט עס, געזאָלט געראַטעוועט ווערן בלויז, כדי געטויט צו ווערן טאַקע פֿון איהם אַליין, וועלכער האָט זי געראַטעוועט! ער, וועלכער איז כסדר אַרומגעפֿאָהרען און איבעראַל האַנדעל געטריבען, עפּעס אַזוי ווי די גאַנצע וועלט וואָלט געווען בלויז ים און מסחר, ער איז פּלוצלינג געוואָרען דער קרבן פֿון אַ ליעבע, וועלכע האָט זיי ביידען געטויט, איהם ווי זי. איז ער געווען שלעכט? ער האָט עס קיינמאָל פֿון קיינעם ניט געהערט, עס קיינמאָל אַליין ניט געפֿיהלט. אָבער וואָס זשע דען איז דאָס געווען? ער האָט זיך אויפֿגעהויבען — ניט, כדי זיך אַריינצוואַרפֿען אין ים, נאָר אַרונטערצוגעהן צוריק אַהיים; קיינער נעהמט זיך ניט דאָס לעבען אין דער רגע, אין וועל־כער ער האָט זיך געשטעלט אַלס אויפֿגאַבע צו לייזען אַ רעטעניש.

אָבער עס האָט דאָך ניט געקענט געלייזט ווערן. פֿון מיידעל־וויז אָן האָט זי געוואוינט אין אַמעריקאַ; פֿון דאָרט איז זי דאָס אָנגעקומען דאַן, ווען די שיפֿען האָבען זיך צוזאַמענגעשטויסען. וואו האָט ער געזאָלט אָנהויבען זוכען און נאָכפֿאָרשען אין אַמעריקאַ? פֿון וועלכען טהייל נאָרוועגען האָט זי אָבגעשטאַמט? — ער האָט עס ניט געוואוסט בעשטימט, ער איז אפילו ניט זיכער געווען, צי

האָט זי מיטגענומען מיט זיך איהר ריכטיגען פֿאַמיליען־נאָמען. דער פֿרעמדער שיפֿס־קאַפּיטאַן? נו יאָ, וואו איז ער ערגעץ? און ווער ווייס, צי האָט ער זי געקענט, אָדער בלויז זי האָט איהם געקענט? דאָס וואָלט געהייסען דעם ים אויספֿרעגען, זיך אַוועקלאָזען אויף רייזען און מאַכען נאָכפֿאָרשונגען, וואָלט געהייסען זיך אַליין אַריינ־וואַרפֿען אין ים.

ער האָט אַ טעות געהאַט. אַ זינדערין, וואָס האָט חרטה אויף איהרע זינד, וואָלט זיך מודה געווען פֿאַר איהר מאַן און דערמיט וואָלט איהר אַראָב אַ שטיין פֿון האַרצען; אַזאַ, וואָס האָט ניט קיין חרטה אויף איהרע זינד, וואָלט געזוכט וועגען, ווי אַזוי זיך אַרויסצו־דרעהען. אָבער זי האָט גאָרנישט מודה געווען, זי האָט אויך קיין אויסוועגען ניט געזוכט, זי האָט זיך איינפֿאַך אַריינגעוואָרפֿען דעם טויט אין די אָרעמס, בעת ער איז צו שטאַרק צוגעשטאַנען צו איהר. אָט דעם מוטה קען קיין שולדיגע ניט האָבען. אָה יאָ, פֿאַרוואָס דען ניט? בעסער איידער זיך מודה זיין, וואָרים דערצו פֿאָדערט זיך נאָך אַ גרעסערער מוטה. נאָר דער מוטה זיך מודה צו זיין, דער האָט איהר ניט געפֿעהלט; זי האָט דאָך אָנגעהויבען דערמיט צוצוגעבען, אַז עפּעס איז דאָ, וואָס זי קען ניט זאָגען. ס'האָט אַלזאָ געמוזט זיין דאָס פֿערברעכען גופא, וואָס האָט ניט דערלאָזט דערצו. און דאָך האָט זי ניט געקענט טראָגען קיין גרויסען פֿערברעכען אויף איהר געוויסען, וואָרים זי איז אָפּט געווען פֿרעהליך, יאָ אויסגעלאַסען; צייטענווייז בייז און אויפֿגעקאָכט, אָבער אין אַלגעמיין אַ צאַרט־פֿיהלענדע, גוטע נשמה. דאָס פֿערברעכען האָט אַלזאָ אַן אַנדערער געמוזט בעגעהן. אָבער פֿאַרוואָס זשע האָט זי ניט געזאָגט, אַז זי האָט געליטען אונטער אַן אַנדערן'ס שולד? דערמיט וואָלט דאָך אַלעס געווען פֿערביי. און ווי איז אַז עס איז גאָר קיין פֿערברעכען ניט בעגאַנגען געוואָרען, ניט פֿון איהר און ניט פֿון קיין אַנדערן, וואָס זשע איז דאָס פֿאָרט געווען? זי האָט דאָך אַליין צוגעגעבען, אַז עפּעס איז דאָ, — און דער פֿרעמדער שיפֿס־קאַפּיטאַן, פֿאַר וועמען זי האָט זיך אַזוי געשראָקען? וואָס איז דאָס געווען, וואָס אום גאָטעס ווילען האָט עס פֿאָרט געקענט זיין? — וואָלט זי נאָך געלעבט, וואָלט ער

זי נאָך אַלץ געפיינוגט, — דאָס איז איהם געווען גאַנץ קלאָהר און ער האָט געפיהלט זיין שרעקליכען אונגליק.

אָבער פון דאָס ניי האָבען זיך די געדאַנקען גענומען ריהרען אין איהם. אפשר איז זי גאָר ניט געווען אַזוי שולדיג, ווי זי אַליין האָט געגלויבט, אָדער פיליכט ניט אַזוי שולדיג, ווי זי האָט געמאַכט דעם איינדרוק אויף אַנדערע. ווי אָפט ליגט ניט אונשולדיגקייט הינטער אונזער שולד און נאַאיוויטעט אין דער זינד, הגם עס זיינען פאַרהאַן אַזוי ווייניג מענשען, וואָס זיינען אימשטאַנד עס צו פערשטעהן, — און איהם האָט זי ניט געהאַלטען פאַר פעהיג עס צו פערשטעהן, איהם, וואָס ער איז געווען דורכדרונגען פון פערדאַכט. איהם וואָלט איין איינציגער קלאָהרער ענטפער געגעבען אורזאַכע צו טוויזענד פערדעכטיגע געדאַנקען, מחמת דעם האָט זי זיך ליעבערשט אָנפער-טרויט דעם טויט איידער איהם! פאַרוואָס האָט ער זי קיינמאָל, קיינ-מאָל ניט געקענט לאָזען צורוה? צו איהם איז זי פון איהר פער-גאַנגענהייט אַנטלאָפען, ביי איהם האָט זי געזוכט אַ שוץ געגען דערזעלבער; נו, איז ער גראָד געווען דער, וואָס האָט זי הינטער איהר נאָכגעשלעפט און זי אויף איהר אָנגערייצט! זי איז דאָך איהם געווען אַזוי איבערגעבען, זי איז ביי זיין זייט געווען אַזוי צערטליך און ליעבליך — טאָ וואָס איז איהם דען אָנגעגאַנגען איהר פערגאַנגענ-הייט? און אויב זי איז איהם שוין יאָ אָנגעגאַנגען, טאָ פאַרוואָס ניט גלייך אויף'ן שטעל? ניין. וואָס שטאַרקער עס איז געוואָרען איהר ליעבע צו איהם, אַלץ גרעסער איז אויך געוואָרען זיין אונ-רוהיגקייט. אַז זי איז געוואָרען זיינע ניט בלויז מחמת בעוואונדערונג און דאַנקבאַרקייט, נאָר מחמת טיעפסטער ליעבע צו איהם, דאַן האָט זיך איהם ניט אַנדערש נאָר געוואָלט וויסען, צי האָט זי שוין געהאַט אַן אַנדערן און וואָס מיט איהר האָט פריהער פאַסירט. און וואָס מעהר יסורים ער האָט איהר פערשאַפט, וואָס מעהר זי האָט זיך ביי איהם געבעטען ער זאָל זי שוינען, אַלץ שטריינגער איז ער צוגעשטאַנען צו איהר, וואָרים ס'איז דאָך געווען עפעס!

צום ערשטען מאָל איז איהם אַרויף אויף'ן זינען: צי האָט ער דען איהר אַלצדינג געזאָגט? און וואָלט עס דען ווירקליך גוט געווען ווען מען זאָגט זיך איינער דעם אַנדערן אַלצדינג? וואָלט עס דען

אויפגעפּאַסט געוואָרען אַזוי, ווי עס איז אין דער ווירקליכקייט געוועזן? געוויס ניט.

ער האָט דערהערט, ווי צוויי קינדער שפּיעלען זיך, און ער האָט זיך אומגעקוקט. ער איז געזעסען אין דעם גרינעם גאָרטען-שטיבעל, מכח וועלכען זי האָט פריהער גערעדט, אָבער ערשט איצט האָט ער זיך דערמאָנט אָן דעם. פינף שטונדען זיינען אַריבער; איהם זיינען זיי פאַרגעקומען ווי מינוטען. ס'קען זיין, אַז די קינדער האָבען זיך שוין פון לאַנג דאָרט געשפּיעלט, נאָר ער האָט זיי ערשט איצט דערהערט. אַך, צי איז דאָס ניט אַנגעס, דעם פּאַסטאָר'ס זעקס- אָדער אַכט-יאָהריגע טאָכטער, וועלכע האָט געליעבט און פערגעטערט אַסטאַ'ן, און וועלכע איז אַזוי עהנליך צו איהר? גאָט אין הימעל, וואָס פאַר אַן עהנליכקייט צווישען זיי ביידען! נאָר וואָס האָט זי אַרויפגעהויבען איהר קליין ברודערל אויף אַ שטיין, ער זאָל זיין דער שילער און זי דער לעהרער. „אַצונד זאָג מיר נאָך אַלעס, וואָס איך זאָג," האָט זי אָנגעהויבען: „פאָטער אונזער!" — „פאַ אונז!" — „וואָס דו ביסט אין הימעל!" — „הימען!" — „געהייליגט זאָל ווערן דיין נאָמען!" — „הייליג נאָמען!" — „דיין מלוכה זאָל קומען!" — „ניין!" — „דיין ווילען זאָל געשעהן!" — „ניין, איך וויל ניט!" — —

באַטאָלף האָט זיך שטילערהייט אַרויסגערוקט פון'ם גאָרטען-שטיבעל און איז אַוועק ווייטער; ניט דאָס געבעט האָט איהם גע-ריהרט, ער האָט אפילו ניט בעמערקט, אַז דאָס איז געווען אַ געבעט; נאָר בעת ער האָט געקוקט אויף די קינדער און זיך צוגעהערט צו זייערע רייד, האָט ער ביי זיך אין די אויגען אויסגעזעהן, ווי אַ חיה רעה, ווי אַן אונריינעס רויב-טהיער, פערשטויסען און פערהאַסט פון גאָט און פון לייטען. הינטער'ן וועלדעל האָט ער זיך פער'גנב'עט, כדי די קינדער זאָלען איהם ניט זעהן. ער האָט זיך פאַר זיי מעהר געשראָקען, ווי פאַר וועמען עס איז אין זיין גאַנצען לעבען. ער איז אַריין אַלץ טיעפער און טיעפער אין וואַלד, וויים אַוועק פון יעדען וועג און שטעג. וואוהין האָט ער געוואָלט געהן? אין דעם לײדיגען הויז, וואָס ער האָט פאַר איהר געקויפט און איינגעאָרדענט? — אָדער ווייטער אַוועק? — דאָס איז דאָך געווען אַלצאיינס, וואָרים וואוהין ער האָט ניט געווענדעט זיינע געדאַנקען, איבעראַל איז זי געשטאַנען

פֿאַר איהם. וועגען שטאַרבענדע זאָגט מען, אַז זיי בעהאַלטען אין די אויגען דאָס לעצטע בילד; דער, וואָס כאַפּט זיך אויף פֿון אַ בייזער טהאַט, נעהמט אויף אין זיך דאָס ערשטע, וואָס ער זעהט, און ווערט שוין קיינמאָל ניט לויז דערפֿון. ניט אַסטאַ'ן האָט ער אַצונד געזעהן, ווי זי איז דאָ ניט לאַנג געשטאַנען פֿאַר איהם אויף'ן פֿעלזען-ראַנד; ס'איז געווען אַ קליין אונשולדיג מיידעלע, ס'איז געווען אַנגעס. אפילו דאָס בילד פֿון דער דערטרונקענער האָט זיך אויך פֿערוואַנדעלט אין'ם בילד פֿון'ם קינד מיט די קליינע, אויסגעשטרעקטע הענטעלאַך. די ערהינערונגען אָן אַסטאַ'ס אונגעהייערע ליעבע צו דעם קינד האָט אויף אַ געהיימניספֿולען אופן פֿערביטען די בילדער ביי איהם אין דער זעעלע; די גרויסע עהנליכקייט האָט אַצונד געהאַט אַ געוואַלדיגע ווירקונג אויף דעם מאָנאַטען-לאַנגען צווייפֿעל, צי שולדיג אָדער אונשולדיג. צי האָט אַסטאַ אַקאָרשט ניט געטראָגען אַזאַ קינד פֿערשלאָסען ביי זיך אין האַרצען? יאָ, ער האָט עס געזעהן, אָדער ריכטיגער געזאָגט, ער האָט ערשט איצט בעמערקט, אַז ער האָט עס געזעהן. פֿריהער האָט ער דאָך בלויז נאָכגעדיינקט וועגען דעם, צי איז דאָס אויך געווען אונשולד, נאַאיוויטעט, ווען זי פֿלעגט בעגעגענען יעדען איינעם מיט אַ שמייכעל, אָדער פֿאַרוואָס זי האָט זיך אַזוי בעהאַלטען מיט דעם קינד, וואָס זי האָט אין זיך געטראָגען. אַן אונאויפֿהערליכע אָבוועקסלונג אין איהר נאַטור, אַן אונרוהיגקייט מיט אייביגער איבערטרייבונג, וועלכע האָט אויך אַנדערע מענשען געטריבען צו איבערטרייבונג, האָט איהם, בעת זי האָט נאָך געלעבט, צוגעצויגען און אויך אָבגעשטויסען פֿון זיך; אַצונד, נאָך איהר טרויעריגען טויט, האָבען זיך אַלע ערהינערונגען פֿעראייניגט אין איין אונשולדיגען קינד, וואָס זאָגט אַ געבעט.

וואוהין זיין געדאַנק האָט זיך ניט געקעהרט און געווענדעט, איבעראַל האָט ער זיך בעגעגענט מיט'ן קינד; עס האָט איהם פֿערשפּאַרט אַלע וועגען צו דער נאָכפֿאָרשונג. יעדע פּאַסירונג אין דעם קורצען צוזאַמענלעבען זייערן, פֿון יענער נאַכט אָן, ווען די שיפֿען האָבען זיך צוזאַמענגעשטויסען, ביז דעם זונטאָג אין דערפֿריה ביים פֿעלזען־ראַנד — אַזוי גיך ווי ער האָט זיך נור פֿערטראַכט וועגען דעם און געוואָלט דעריין געפֿינען אַן ענטפֿער אויף זיין פֿראַגע,

אַזוי האָט זיך גלייך אויף'ן שטעל בעוויזען דעם קינד'ס געזיכט; און אָט די מאָדנע פּערוועקסלונג האָט איהם אַזוי שטאַרק אויסגעמוטשעט קערפּערליך און גייסטיג, אַז ער האָט אין עטליבע טעג אַרום כמעט גאָרנישט מעהר געקענט נעהמען אין מויל אַריין און אַ קורצע צייט שפּעטער איז ער שוין ניט געווען אימשטאנד אַראָבצוגעהן פון בעט.

יעדער איינער האָט געזעהן, אַז דאָס איז זיין סוף. ווער עס טראָגט אַליין אַ רעטעניש אין זיך, דער קריגט אַ מאָדנעם אויסזעהן, וואָס מאַכט איהם צום רעטעניש פאַר אַנדערע. שוין פון'ם טאָג אָן, וואָס ער איז אָנגעקומען אַהער, האָט די גאַנצע געגענד געהאַט וואָס צו ריידען מכח זיין פינסטערן שטיל־שווייגען, וועגען איהר שעהנקייט און מכח ביידענס אונבעקאַנטען פריהערדיגען לעבען. אַז די פרוי איז מיט אַמאָל פערשוואונדען, איז די שפּאַנונג אַזוי וויט געוואַקסען, אַז מען האָט אָנגעהויבען גלויבען דאָס אונגלויבליכסטע. קיינער האָט ניט געקענט אָבגעבען קיין ערקלעהרונג, מחמת קיינער פון די, וועלכע האָבען געוואוינט ביים ברעג ים און ביי די בערג אָדער וואָס פלעגען דאָרט דורכפאָהרען, האָט אין דעם זונטאָג אין דערפריה ניט אַ קוק געטהאָן צו יענעם פעלזען־שפּיץ, ווען זי האָט זיך גראָד אין מיטען העלען טאָג אַריינגעוואָרפען אין ים. אויך איז איהר טויטער קערפּער ניט אַרויסגעטריבען געוואָרען אויף דער יבשה, כדי אַליין עדות צו זאָגען וועגען איהר טויט. מחמת דעם האָט מען נאָך ביי זיין לעבען אָנגעהויבען דערצעהלען וואונדערליכע לעגענדען וועגען איהם. העסליך האָט ער אויסגעזעהן; ער איז געלעגען אויף'ן בעט מיט דעם לייננ־ליכען, איינגעפאַלענעם פנים, וואָס איז געווען איינגעפאַסט ווי אין אַ ראַהם פון אַ רויטער באָרד און צוקודעלטע רויטע האָר. די גרויסע אויגען האָבען אַרויסגעקוקט פון דאָרט ווי פון אַן אָזיערע, בעוואַקסען אַרום און אַרום מיט דערנער. אַזוי ווי ס'האָט אויסגעזעהן, אַז ער קען ניט לעבען און ניט שטאַרבען, האָט עס געהייסען, אַז גאָט און דער טייוועל קעמפּפען איבער איהם. אַ טהייל האָבען געזעהן, ווי דער ניט־גוטער אַליין, איינגעוויקעלט אין פייערדיגע פלאַמען, האָט זיך אויפגעהויבען ביז צו זיין קאַמער־פענסטער, כדי איהם צו רופען. מען האָט איהם אויך געזעהן זיך אַרומדרעהענדיג אַרום הויז אין דער געשטאַלט פון אַ שוואַרצען הונד אָדער זיך קאַטשענדיג ווי אַ קנויל

איבער דער גאַס. מענשען, וואָס זיינען פאָרבייגעפאָהרען, האָבען געזעהן דעם גאַנצען הויף אין פלאַמען; אַנדערע האָבען געהערט, ווי אַ צוג, אַ מחנה פון משונה'דיגע ברואים איז מיט אַ געפילדער, בילענדיג און וואויענדיג, אַרויס פון ים, האָט זיך לאַנגזאַם געצויגען ביז צו דעם הויז, זיך אריינגעשפאַרט דורך די פערשלאָסענע טהירען, דורכגעלאָפען אַלע צימערן, און דערנאָך מיט דעם זעלבען ליאַרם, בילעריי און הירושעריי זיך אומגעקעהרט צוריק אין ים אַריין, וואו זי איז פערשוואונדען.

דעם קראַנקען'ס הויז־לייט זיינען זיך צולאָפען און זיי האָבען איבעראַל פערשפּרייט אָט די אַלע קלאַנגען. קיינער האָט ניט געד־סמייעט צוצוקומען נאָהענט צום הויז. ווען ניט אַ פּאָר אָרעמע איינ־וואוינער פון יענער געגענד, צו וועמען ער איז אימער געווען פריינדליך, וואָלט ער געבליבען ליגען אָהן אַ שום הילף. די אַלטע פרוי, וועלכע איז אַרומגעגאַנגען אַרום איהם, איז אַליין געווען אין הוילע אַנגסטען און שרעק; זי האָט אונטערגעצונדען אַ בינטעל שטרוי אונטער זיין בעט, כדי דעם ניט־גוטען צו פעריאָגען; אָבער הגם דער קראַנקער איז שיער ניט פערברענט געוואָרען דערביי, איז ער דאָך ניט ערלייזט געוואָרען פון זיינע יסורים. ער האָט מורא'דיג געליטען. די אַלטע פרוי איז ענדליך אַרויף אויף'ן געדאַנק, אַז ער מוז אַודאי וואַרטען אויף וועמען עס איז. זי האָט איהם געפרעגט, צי זי זאָל שיקען רופען דעם פאַסטאָר. האָט ער געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ: ניין. איז אפשר דאָ אַן אַנדערער, וועמען ער וואָלט גערן וועלען זעהן? דערויף האָט ער ניט געענטפערט. אויף מאָרגען, ליגענדיג נאָך אין דעם זעלבען צושטאַנד, האָט ער גאַנץ דייטליך אַרויסגערעדט דעם נאָמען „אַגנעס". ס'האָט געוויס ניט געקענט זיין קיין ענטפער אויף דער פרוי'ס נעבד־טיגער פראַגע, אָבער די אַלטע האָט עס דאָך אַזוי אָנגענומען. אַ צופריעדענע איז זי אויפגעשטאַנען, איז אַרויס צו איהר מאַן און האָט איהם געבעטען, ער זאָל שנעל איינשפּאַנען דעם וואָגען און ברענגען דעם פאַסטאָר'ס טאָכטער אַגנעס.

ביים פאַסטאָר אין הויז האָבען זיי נאַטירליך געגלויבט, אַז די פרוי האָט פאַלש פערשטאַנען, און דער קראַנקער וויל זעהן דעם פאַסטאָר, נאָר דער אַלטער מאַן איז געבליבען פעסט ביי דאָס זייניגע,

אַז דאָס האָט ער געמיינט אַגנעס'ן. זי אַליין איז געזעסען אין צימער און האָט עס געהערט און ס'איז איהר געוואָרען שטאַרק ניט היימליך אויף'ן האַרצען; וואָרים זי האָט אויך געהערט אַלעס וועגען דעם טייוועל און דעם צוג, וואָס איז אַרויסגעקומען פון ים; נאָר זי האָט אויך געהערט, אַז דער קראַנקער וואַרט אויף אימיצען, אָהן וועמען ער קען ניט שטאַרבען, און זי האָט גאָר ניט געזעהן קיין זאָנדערבאַרעס אין דעם, וואָס זי איז דאָס גראָד די, אויף וועמען ער וואַרט, מחמת זיין פרוי פלעגט דאָך איהר אַזוי אָפט אַרויסנעהמען צו זיך. דער וואונש פון אַ שטאַרבענדען מוז ערפילט ווערן, האָבען זיי צו איהר געזאָגט, און ווען זי וועט נור פון טיפען האַרצען בעטען גאָט, וועט איהר קיינער קיין שום שלעכטס ניט טהאָן. און זי האָט עס געגלויבט און זיך געלאָזט אָנטהאָן.

ס'איז געווען אַ קאַלטע, קלאָהרע נאַכט מיט לאַנגע שאָטענס, וואָס זיינען כסדר געבליבען אָן אַ זייט; די גלעקלאַך האָבען אָבגע-קלונגען אין וואַלד, ס'איז געווען אַביסעל ניט היימליך, נאָר זי איז געזעסען שטיל און האָט גאָט געבעטען, האַלטענדיג די הענד אַרי-בערגעלייגט איינע אויף די אַנדערע אין איהר מופטע. זי האָט ניט געזעהן קיין טייוועל, זי האָט אויך ניט געהערט דעם צוג פון ים, כאָטש זי איז איצט געפאָהרען איבער דער לייגג פון זיין ברעג, נאָר זי האָט געזעהן די שטערן און דאָס ליכט גראָד אַנטקעגען זיך אויף'ן באַרג.

אויבען אויף'ן הויף איז געווען אונהיימליך שטיל; נאָר די אַלטע פרוי איז גלייך אַרויסגעקומען און האָט זי אַריינגעטראָגען אינעווייניג, איהר אַרונטערגענומען דעם מאַנטעל און זי אַוועקגעזעצט לעבען אויווען זיך אָנוואַרעמען. און בעת מעשה האָט איהר די אַלטע געזאָגט, זי זאָל זיין גוטמוטהיג און נור טרייסטענדיג צוגעהן צו איהם און זאָגען איבער איהם איהר „פאָטער־אונזער". אַז זי האָט זיך אָנגעוואַרעמט האָט די אַלטע זי אָנגענומען ביי דער האַנד און זי אַריינגעפיהרט צום קראַנקען אין צימער.

דאָ איז ער געלעגען מיט דער לאַנגער באָרד און מיט די הויהלע אויגען, וועלכע האָבען זי דורכגענומען; איהר איז פאָרגעקומען, אַז ער איז גאָר ניט אַזוי מיאוס, ווי מען האָט געזאָגט, און זי האָט זיך ניט געשראָקען פאַר איהם.

„ביסט מיר מוחל?" האָט ער געשעפּטשעט.

זי האָט פֿאַרשטאַנען, אַז זי דאַרף זאָגן יאָ, און מחמת דעם האָט זי געענטפֿערט יאָ. דאָ האָט ער אַ שמייכעל געטהאָן און געמאַכט אַ פּערזוך זיך אויפֿצוהויבען, איז אָבער געבליבען ליגען אָהן כוחות. זי האָט גלייך גענומען זאָגען איהר „פֿאָטער־אונזער", נאָר ער האָט אַ מאַך געטהאָן מיט דער האַנד, זי זאָל אויפֿהערן, און געוויזען אויף איהר ברוסט. גלויבענדיג, אַז דאָס איז זיין וואונש, האָט זי אַוועקגע־לייגט איהרע ביידע הענד אויף איהר ברוסט, און אין דערזעלבער רגע האָט ער אַרויפֿגעלייגט זיין מאָגערע, אייז-קאַלטע, ביינערדיגע האַנד אויף איהרע קלייניקע וואַרימע הענטעלאַך, און דאַן האָט ער צוגעמאַכט די אויגען.

אַזוי ווי ער האָט איצט גאָרנישט געהאַט דאַגעגען, ווען זי האָט אין גאַנצען אָבגעזאָגט איהר „פֿאָטער־אונזער", האָט זי ניט געוואַגט אַרונטערצונעהמען די הענד, און האָט פֿון דאָס ניי אָנגעהויבען צו בעטען. אַז זי האָט דאָס שוין געהאַט געטהאָן צום דריטען מאָל, איז אַריינגעקומען די אַלטע פֿרוי, האָט אַ קוק געטהאָן אויף איהם און געזאָגט:

„אַצונד קענסט דו שליסען, מיין קינד, וואָרים ער איז שוין אויסגעלייזט."

שטיב.

I.

דער וועג פֿון שטאָדט נאָך סקאָנסטאַד, צו דעם גרויסען גוט פֿון דער פֿאַמיליע אַ ט ל ו נ ג מיט פֿאַבריקען איבער דער לייִנג פֿון טייך, האָט געקענט נעהמען צוויי שטונדען, ווען מען פֿאָהרט איהם גלייך, אָבער אויף דעם גוטען שליטען־וועג, וואָס מיר האָבען זייט אַ קורצע צייט געהאַט, קוים אָנדערהאַלבען שעה. דאָס איז געווען אַ שאָסיי, וואָס האָט זיך געצויגען איבער דער לייִנג פֿון פֿיאָרד. אַרויס פֿון שטאָדט האָב איך געהאַט דעם פֿיאָרד אויף דער רעכטער זייט, און אויף דער לינקער גרויסע, פֿון די בערגלאַך אָבפֿאַלענדע פֿעלדער; איבער די דאָזיגע זיינען געלעגען פֿונאַנדערגעוואָרפֿען ווילאָס און הויפֿען, וואָס זיינען געווען אַרומגערינגעלט מיט בוימער און מיט אַלעען, וועלכע האָבען אַרויפֿגעפֿיהרט צו זיי.

וואָס ווייטער זיינען די בערגלאַך געוואָרען צו בערג, וועלכע האָבען זיך אַלץ נעהענטער צונויפֿגערוקט; דאָ איז אויך ביסלאַכווייז געוואָרען אַלץ וויינינגער בעבויט, ענדליך בלויז וואַלד פֿון די העכסטע בערג־שפּיצען ביז האַרט אַראָב ביים פֿיאָרד, וואַלד, וואַלד. ער האָט געהערט צו סקאָנסטאַד; די פֿאַבריקען ביים סקאָנסטאַד־טייך האָבען אויסגעאַרבייט דאָס רויע מאַטעריאַל.

איך האָב זיך געפֿרעהט מיט דער רייזע. ס'האָט ניט לאַנג צוריק געהאַט געשנייט, און דער שנעע איז געלעגען אויף די בוימער; ס'איז ניט געווען קיין שפּור פֿון קיין ווינטעל אין וואַלד. דאַנעגען איז אַראָב אַ קליינער טוי, דאָס האָט דער בלעטער־וואַלד, וועלכער האָט זיך דאָ אונטען אָנגעפֿאַנגען, ניט פֿערטראָגען; וואָס עס איז איצט געלעגען דערויף, איז געווען נור פֿרישער שנעע פֿון אין דערפֿריה.

צווישען דער ווייסער לאַנדשאַפֿט און דער שנעע־שווערער לופֿט האָט דער פֿיאָרד אויסגעזעהן שוואַרץ. צו דער אַנדער זייט אַריבער איז ניט געווען ווייט, און דאָרט האָבען זיך אויפגעהויבען נאָך הע־כערע בערג, וועלבע זיינען אַצונד אויך געווען ווייס, נאָר מיט דעם האַלב-פֿערדריקטען טאָן, וועלבען די לופֿט האָט געגעבען.

דאָ, וואו איך בין געפֿאָהרען, איז די אָזיערע געלעגען אויסגעצויגען אַרויף ביז צו דער שנעע-גרענעץ; נור אַביסעל ים־גראָז, עטליכע גלאַטע שטיינער האָבען אָבגעטהיילט די ביידע פֿאַרבען און פֿאָרמען פֿון׳ם זעלבען עלעמענט — ווירקליכקייט און פֿאַנטאַזיע; וואו די פֿאַנטאַזיע איז פונקט אַזוי ווירקליך ווי די ווירקליכקייט, נאָר זי איז ניט אַזוי דויערהאַפֿטיג.

אַזוי גיך ווי איך בין צוגעקומען צום וואַלד, האָט ער מיך אין גאַנ־צען געפֿאַנגען גענומען. די סאָסנעס זיינען געווען אָנגעלאָדען מיט שנעע; אויף עטליכע פלעצער איז ער געווען אַזוי ווי אויסגעשאָטען; אַזויפֿיעל איז אָבער דאָך געבליבען ניט בעדעקט, אַז דער וואַלד האָט אין גאַנצען גענומען געהאַט אַ דונקעל-גרינעם גלאַנץ אין דער גאַנ־צער ווייסקייט. איז מען צוגעקומען נעהענטער, האָט מען אויך דער־זעהן איינצעלנע ניט-בעדעקטע צווייגען, ווי זיי קוקען אַרויס עפּעס אַזוי ווי אויף צו להכעים, און די רויטליכע שטאַמען פֿון די סאָסנעס האָבען זיך דורכגעשפּאַרט דורך די שנעע־שיכטען.

צווישען אַנדערע זיינען דאָרט געשטאַנען מעכטיגע שטאַמען, דאָס רוב דונקעל, נאָר אייניגע פֿון זיי יונגער און העלער, אַלע אינ־איינעם אַ מחנה פֿון אָנגעלאָדענע ריזען, און דאָס האָט עם געמאַכט אַזוי ערנסט דאָ אין דעם געדיכטען וואַלד. די פֿאָדערשטע בוימער, וועלכע מען האָט געקענט גלייך דערזעהן, און וועלכע זיינען אין משך פֿון זייער וואַקסען בעשעדיגט געוואָרען פֿון מענשען און חיות, פֿי־לייכט אויך פֿון׳ם שטורם (וואָרים זיי זיינען אַלע מאָל געווען די ערשטע כפרה-היהנדלאַך), האָבען ניט געהאַט דעם רעגעלמעסיגען וואוקס פֿון די אַנדערע; זיי זיינען געווען מעהר צוהאַקט אָדער צו־קראַצט, אַזוי אַז דער שנעע האָט מיט זיי געקענט טהאָן וואָס ער האָט נור געוואָלט. זייערע אונטערשטע צווייגען זיינען אין עטליכע פלעצער געווען אין גאַנצען אַראָבגעבויגען צו דער ערד, אַזוי אַז דער

בוים האָט אויסגעזעהן ווי אַ ווייסער הויפּען. אַנדערע זיינען פּערוואַנ־דעלט געוואָרען אין אומגעלומפּערטע קאַרליקעס מיט בלויזע אויבער־קערפּערס, אָדער אין אַנדערע מאָדנע גייסטער־געשטאַלטען מיט אַ ווייסען זאַק איבער'ן קאָפּ אָדער מיט אַ העמד, וואָס זיי האָבען נאָך ניט אין גאַנצען אַרויפּגעצויגען אויף זיך.

לעבען אָט די אונבעהאָלפּענע ברואים זיינען אויך דאָ און דאָרט געווען צוואָרפּען בעבלעטערטע בוימער, איבער וועלכע דער שנעע איז געלעגען פּון אויבען אויף, ווי אַן אַהנונג; איין איינצעלנער, וועלכער איז געשטאַנען פּריי אַנטקעגען הימעל, איז אין זיינע סאַמע דרויסענדיגע ווייסע צווייגען, וועלכע זיינען אַלץ דינער געוואָרען, אַריבער אין די לופּט, זיך אַזוי ווי אויסגעמישט מיט איהר. דאַן זיינען דאָ געשטאַנען יונגע טאַנען־בוימער, וועלכע האָבען אין רע־געלמעסיגע שנעע־עטאַזשען געבויט פּיראַמידען לעבען פּיראַמידען. דאָ גאַנץ אונטען ביי דער אָזיערע, וואו ס'איז געוואָרען שטיינערדיגער, איז דאָ און דאָרט געוואַקסען אַ דאָרן־בוימעל. אויף יעדען דאָרן האָט זיך אָנגעלייגט שנעע, אַזוי אַז דאָס בוימעל האָט אויסגעזעהן, ווי בעזועט מיט ווייסע יאַג"עס.

איך האָב זיך פּערקירעוועט אַרום אַ שטיק לאַנד, וואָס לאָזט זיך אַריין אין פּיאָרד און וואו עס שטעהט אַן אייזען־פּאַבריק, און דאָ הויבט זיך אָן דאָס אייגענטליכע סקאָגסטאַד. דאָ טרעט דער באַרג אָב צוריק און מאַכט דעם פּלאַץ אונטען ברייטער; ער ווערט אויך איבערגעשניטען פּון'ם טייך אין צוויי שטיקער. ווידער דערזעהט מען פּעלדער, און דאָ ליגט דער הויף. דער טייך ציהט זיך אויף דער אַנדער זייט הויף און ווייטער אַוועק; מען דערזעהט עטליכע רויטע דעכער און אַ רייה געביידען אויף דער אַנדער זייט. רעכטס ווי לינקס פּון'ם הויף ליגען קליינע וואוין־הייזלאַך און פּאַרם־געביידען; אָבער זיי זיינען אָבגעטהיילט פּון דעם הערן־הויז דורך פּעלדער אויף יענער און אַ פּאַרק אָדער וואַלד אויף דער זייט.

אין פּאַרק האָב איך פּערגעסען אַלעס, וואָס איך האָב פּריהער געזעהן. גאָר אין אָנהויב האָט ער זיך געזאָלט ציהען אַרונטער ביז צו דער אָזיערע, נאָר מחמת דעם שטיינערדיגען באָדען איז דאָס גע־ווען אונמעגליך, און דערפּאַר איז דער אונטערשטער פּיער־עקיגער

טהייל אויסגעהאַקט געוואָרען; אָבער אין משך פון די יאָהרען איז אויף'ן אָרט פון די סאָסנעס אויסגעוואַקסען אַ גרויסע צאָהל פון בלעטער-בוימער. אָט דער בלעטער-וואַלד פון איין און דעמזעלבען יאָהרגאַנג איז געווען פונקט אַזוי הויך און האָט זיך געצויגען דירעקט ביז צו דעם שטאַרקען, אַלטען טאַנען-וואַלד אין פּאַרק. ס'איז געווען שעהן צו זעהן אָט די צאַרטע בוימער אַלס זוים אַרום די שטאַרקע, די לייכטע אין געגענזאַץ צו די שווערע, די נידעריגע אונטער די ריעזיג-הויכע און געוואַלטיגע בוימער.

מיין אויג האָט זיך דערמיט געשפּיעלט, זוכענדיג פערשיעדענע פאָרמען; אָדער איך האָב צונויפגעקליבען אַסך צווייגען אונטער איין געזיכטס-פּונקט, מחמת זיי זיינען אַלע געווען איין הויך; אָדער איך האָב זיך גאָר אויסגעזוכט איין איינציגען צווייג, איהם נאָכגעפאָרשט פון שטאַם אַרויס אין זיין ערשטער אָבצווייגונג אין די פערצווייגונגען פון די פערצווייגונגען ביז דעם סאַמע לעצטען צווייג. אַן אויסגעבריי־טערטער, דורכזיכטיגער פליגעל, אָדער אַן אונגעהייער גרויס בלאַט, בעדעקט מיט ווייסע פּוכקע פעדערן. דאַן האָב איך אָבגעלאָזט די פאָרמען און זיך גענומען צו די פאַרבען, וועלכע זיינען געווען מערק-ווירדיג רייך און פערשיעדנאַרטיג.

כ'האָב זיך אָבגעזעגענט מיט מיין רייזע־חבר, דעם פיאָרד, איהם אָבגעקעהרט דעם רוקען און זיך פערקירעוועט אין הויף אַריין. וואו דער פּאַרק איז געווען צו ענד, האָט זיך אָנגעפאַנגען דער גאָרטען, און איבער דער לייננג פון'ם גאָרטען איז געלאָפען דער וועג. אַמאָל איז אויך דאָ געווען וואַלד, און דער וועג האָט דורכגעפיהרט פונקט ווי איצט; פון דעם וואַלד זיינען אָבער איבערגעבליבען איין אָדער צוויי קלאָפטער אויף יעדער זייט, און דאָס האָט געבילדעט די אַלטע; גרויסע, אַלטע בוימער זיינען פערביטען געוואָרען אויף יונגע, און אָט די זיינען געווען אַזוי געדיכט, אַז איך האָב אויף עטליכע ערטער גאַנץ שווער געקענט דורכזעהן. אָבער דאָס צוויבער־בילד פון דעם שנעע איז מיטגעגאַנגען; זינקענדע ריעזען זיינען געווען בעדעקט מיט ווייסע פאָהנען, יונגע, געזונדע זיינען געשטאַנען אָנגעפּודערט, און אַ טהייל האָבען זיך געבויגען און געקרימט און געמאַכט אַלערליי משונה'דיגע העוויות.

II.

דאָס בילד פֿון דער נאַטור ווירקט אויף אונזער פֿאָרשטעלונג מכח דעם, וואָס אונז ערוואַרטעט. וואָס האָט דאָס פֿאָרט געקענט זיין פֿאַר ווייסעס און פֿיינעס, וואָס איך האָב דאָ געזאָלט איבערלעבען?

זי איז יעדענפֿאַלס ניט געווען וויים-געקליידט, בעת איך האָב זי דאָס לעצטע מאָל געזעהן, די בלאָנד־לאָקיגע, ווען איך האָב איצט געזאָלט ווידערזעהן. אויף איהר חתונה-רייזע אין דרעזדען אַן ערך ניין יאָהר צוריק זיינען מיר דאָס לעצטע מאָל צוזאַמען געווען. יעדען טאָג איז זי געווען יום טוב'דיג אויסגעפּוצט, דאָס איז אמת, ... אַ קאַפּריז פֿון איהם, דעם יונגען, בערוישטען נאָר וואָס פֿערהייראַטען מאַן; דאָס רוב איז זי געווען אָנגעטהאָן אין בלוי, נאָר קיין איין איינציג מאָל ניט גאַנץ וויים; דאָס וואָלט איהר געוויס אויך ניט געקליידט.

איך דערמאָן זיך אָן זיי ביידען בעזונדערס, ווען זיי האָבען גע־זונגען ביים קלאַוויר, ער זיצענדיג, מחמת ער האָט בעגלייט, זי שטעהענדיג, מייסטענס די האַנד אויף זיין שולטער; אָבער דאָס, וואָס זיי האָבען געזונגען, איז על כל פּנים געווען וויים, לייכטערע אָדער קירצערע פֿרעהליכע ליעדער. זי איז געווען די טאָכטער פֿון אַ סעקטען־פּריסטער, און זיי זיינען געקומען פֿון דעם קירך־בעצירק און פֿון דער חתונה־פֿרייד. אין קירך-בעצירק האָב איך זינט דאַן פֿון צייט צו צייט געהערט פֿון זיי און אויף דעם דאָזיגען וועג האָב איך אויך מעהרערע מאָל בעקומען די אויפֿפֿאָדערונג, זיי צו בעזוכען נעכסטעס מאָל, ווען איך וועל זיין אין יענער געגענד. אַצונד בין איך געווען אויף'ן וועג צו זיי.

די הויפּט־געביידע האָב איך געהערט דערמאָנען אַלס איינעם פֿון די גרעסטע הילצערנע בנינים אין נאָרוועגען. זי איז געווען גראָה און אויסערגעוועהנליך לאַנג. קיינמאָל האָט זיך אַן אַטלונג ניט בענוגענט דערמיט, וואָס זיין פֿאָרגייענגער האָט געבויט, און אַזוי האָט דאָס הויז אין יעדען דור געקראָגען צוגעבויט אַ נייעם טהייל און דאָס אַלטע איז טהיילווייז איבערגעבויט געוואָרען, כדי דאָס לעצטע זאָל זיך צופּאַסען צום פֿריהערדיגען. איך האָב געהערט, אַז אינעווייניג זיינען צוגעקומען אַסך לאַנגע קאָרידאָרען, וועלכע האָבען געהאַט דעם צוועק צו פֿערבינדען די פֿערשיעדענע אָבטהיילונגען פֿון'ם הויז, אַזוי ווי נייע צוגעקומענע געביידען פֿון דרויסען, ווי באַלקאָנען און וועראַנדאַס, האָבען זיך געסטאַרעט אַריינצוברייגען אַ געוויסען סטיל אין דאָס אויסערליכע. איך האָב געהערט, וויפֿיעל צימערן עס זיינען פֿאַרהאַן אין הויז; נאָר איך האָב עס פֿערגעסען.

די לעצטע צוגעקומענע געביידע איז געמאַכט געוואָרען פֿון דעם איצטיגען בעל הבית און אין אַ מין מאָדערניזירטען אַלט-פֿרענקישען סטיל.

הינטער דער הויפּט־געביידע ליגען די איבעריגע הייזער פֿון'ם הויף אין דער פֿאָרם פֿון אַ האַלבער לבנה. צווישען הויף און דער הויפּט-געביידע בין איך אַלזאָ פֿערבייגעפֿאָהרען, כדי זיך אָבצושטעלען ביי אַ טהיר און זיך דאָרט נאָכפֿרעגען ביי דעם פּאָסט־יונג, ווי אַזוי אַריינצוגעהן. איך האָב ניט געזעהן קיין לעבעדיגען נפש אויף'ן הויף, קיין הונד אפילו ניט. כ'האָב געוואַרט אַ ווײַלע, נאָר אומזיסט, און איך בין דאַן דורך דער טהיר אַריין אין אַ קאָרידאָר, וואו איך האָב אויסגעטהאָן מיין מאַנטעל, און פֿון דאָרט אין אַ ליכטיג, גרויס פֿאָרצימער. אויך דאָ האָב איך קיינעם ניט געזעהן; אָבער איך האָב געהערט ענטוועדער צוויי קינדער-שטימען און איין פֿרויען-שטימע, אָדער צוויי פֿרויען־שטימען און איין קינדער־שטימע, און דאָס ליעד איז מיר געווען בעקאַנט; וואָרים ס'איז גראָד דאַן אַרומגעגאַנגען איבער'ן לאַנד, דאָס קלאָג־ליעד פֿון אַ קליין מיידעלע, אַז עס איז איבעראַל אין וועג, נור ניט ביים ליעבען גאָט אין הימעל, וועלכער נעהמט דאָך אַזוי גערן אונגליקליכע קינדער צו זיך. אַביסעל פֿרעמד האָט געקלונגען די דאָזיגע קלאַגע אין אָט דעם העלען, לעבעדיגען

צימער, וואָס איז געווען פֿול מיט געווער און אַנדערע יאַגד־אינסטרו־מענטען, הערנער פֿון הירשען, פֿוקסענע פֿעלען און ענליכע זאַכען, וועלכע זיינען געווען איינגעאָרדנעט מיט דעם פֿיינסטען געשמאַק.

כ׳האָב אָנגעקלאַפּט און בין אַריין אין איינעם פֿון די שענסטע וואוין־צימערן, וואָס איך האָב דאָ אויף׳ן לאַנד געזעהן, אַזוי ליכטיג, מיט דער אויסזיכט צום פֿיאָרד, אַזוי גרויס, אַזוי פּראַכטפֿול. די בלאַנק־פּאָלירטע האָלץ־פֿעלדער אויף די ווענד זיינען דאָ און דאָרט איבערגעשלאָגען געוואָרען פֿון געשניצטע האָלץ־פֿיגורען, וואָס יעדע איינע פֿון זיי האָט געטראָגען אַ ביוסט אָדער אַ קליינע סטאַטוע. מאָדערנע, קונסטפֿולע מעבעל זיינען געשטאַנען איבעראַל אויף ברי־סעלער טעפּיכער. ס׳איז פֿאַרהאַן קריסטאַליכער געזאַנג, וועלכער גע־הערט צו דעם שענסטען, וואָס איך קען; נאָר אָט דער געזאַנג, וואָס איך האָב אָקאָרשט געהערט, האָט געמאַכט אַן איינדרוק, עפּעס אַזוי ווי אונטער דעם מאָדערנעם צימער וואָלט זיך געפֿונען אַן אונ־טעראירדישער קלויסטער פֿון מיטעל־אַלטער, וואו איינגעשפּאַרטע נאָנעס פּראָווען בעגרעבניש־צערעמאָניעס ביי רויכערדיגע לאָמפּען, און פֿון וואַנען דער רויך און דער קלאַנג קומען אַרויף און פֿער׳־גנב׳ענען זיך אין די קלאָהרע פֿאָרשטעלונגען און אין דער פֿריינדליכער קונסט פֿון׳ם נייצעהנטען יאָהרהונדערט.

אַ פֿרוי און צוויי אינגלאַך זיינען דאָס געווען די, וואָס האָבען געזונגען; דער עלטערער אַן ערך זיבען יאָהר און דער צווייטער מיט אַ יאָהר יונגער. די פֿרוי האָט זיך אומגעדרעהט מיט׳ן פּנים צו דער טהיר און מיך דערזעהענדיג איז זי געבליבען שטיל; די אינגלאַך האָבען געקוקט צום פֿענסטער און ניט אויף איהר; זיי זיינען געווען פֿאַלשטענדיג פֿערנומען מיט זיך; מחמת דעם האָבען זיי נאָך געזונ־גען אַ ווײַלע, נאָכדעם ווי יענע האָט אויפֿגעהערט.

פֿון אָט די צוויי אינגלאַך האָט איינער געהאַט אַן ענליכקייט צום פֿאָטער, דער אַנדערער צו דער מוטער; נור זיינען ביידענס גרויסע אויגען געווען איינגעפֿאַלען. דאָס עלטערע אינגעל האָט געהאַט אַ לאַנג געזיכט מיט אַ הויכען שטערן, רויטליכע האָר און רויטע פֿלעקען אויף׳ן פּנים און אויף די הענד, אַלצדינג פּונקט ווי דער

פֿאָטער. דעם יונגערן'ס געשטאַלט איז געווען דער מוטער'ס, אַביסעל איינגעהויקערט, ווייל דער קאָפּ איז ניט אַרויסגעקומען גאַנץ גראַד פֿון די שולטערן. נאָר מחמת דעם טאַקע האָט ער געהאַלטען דעם קאָפּ אַביסעל אָנגעבויגען הינטערווייליאַכס; און צוליעב דעם ווידער איז דאָס מויל זיינס געווען האַלב אָפֿען, — און דאַן די גרויסע, פֿרעגענדע אויגען און די העלע, געגרייזעלטע האָר איבער אַ פֿיין־געוועלבטען שטערן — אין גאַנצען די מוטער. דער עלטערער איז געווען הויך און דין און האָט געהאַט דעם פֿאָטער'ס לאַנגזאַמען גאַנג אויף קליינע, שטאַרק אויסגעבויגענע פֿיס. דאָס אַלעס האָב איך בע־מערקט אין איין רגע, בעת די אינגלאַך זיינען צוגעגאַנגען צו דעם זאָפֿאַ-טיש, ווען די פֿרוי האָט זיי פֿערלאָזען. זי איז נעמליך צוגעקומען צו מיר נאָך אַ קורצען ישוב הדעת; זי האָט אַליין ניט געוואוסט, צי זי קען מיך אָדער ניט. אַז זי האָט געהערט מיין נאָמען, האָט זי מיט אַ שמייכעל צוגעגעבען, אַז זי האָט בלויז געזעהן מיין פּאָרטרעט, דאָס בילד אין דעם אַלבום פֿון דעם בעל הבית און דער בעל הבית'־טעס חתונה־רייזע. זי האָט דערצעהלט, אַז אַטלונג איז דאָרט אין די פֿאַבריקען און קומט אויף מיטאָג אַהיים, דאָס הייסט אין אַ שטונדע אַרום, און די פֿרוי געפֿינט זיך אין איינעם פֿון די קליינע וואוין־הייזלאַך, וועלכע איך האָב אודאי געזעהן אויף'ן וועג; דאָרט ליגט אַן אַלטער מאַן אין אַ שטאַרבענדען צושטאַנד.

זי האָט דאָס דערצעהלט מיט אַ גוט-קלינגענדער, הגם עטוואָס שוואַכער שטימע, און בעת מעשה האָט זי פֿון מיר ניט אַראָבגענומען איהרע פֿאָרשענדע אויגען. זי האָט שוין פֿון מיר געהערט. איך ווידער האָב זיך קיינמאָל ניט געריכט, אַז איך וועל האָבען פֿאַר זיך איינע פֿון דעם איטאַליענישען מאַלער קאַרלאָ דאָלטשי'ס מאַדאָנען, וואָס איז אַרויס פֿון דעם ראַהם, כדי צו שטעהן אין אַ מאָדערנעם וואוין-צימער און ריידען מיט מיר, און מחמת דעם זיינען מיינע אויגען געווים ניט געווען וויניגער פֿאָרשענדיג איידער איהרע. די האַלטונג פֿון'ם קאָפּ אויף די שולטערן, זיין נייגונג אויף איין זייט, דאָס פּראָ-פֿיל און פֿאַר אַלעם די אויגען און די ברעמען, יאָ, דאָס בלוי־גרינע קאָפּענטיבעל, וואָס איז געווען ווייט אַריבערגעצויגען, דורך וואָס דאָס

בלייבע געזיכט האָט געקראָגען עטוואָס פֿון דערזעלבער פֿאַרב — אין גאַנצען אַן אמת'ער קאַרלאָ דאָלטשי!

שטיל, אָהן גערויש איז זי אַרויס און האָט מיך איבערגעלאָזט מיט די אינגלאַך, מיט וועלכע איך האָב זיך תיכף אַריינגעלאָזט אין אַ געשפּרעך. דער עלטערער האָט געהייסען אַנטאָן און האָט געקענט געהן אויף די הענד, דאָס הייסט ער האָט כמעט ווי געקענט, און דער יונגערער האָט געהייסען סטאָרם און ער האָט דערצעהלט דאָס און אַסך אַנדערע זאַכען פֿון דעם ברודער, וועמען ער האָט אונבע־דינגט שטאַרק בעוואונדערט. דער עלטערער דאַגעגען האָט פֿון זיין קלענערן ברודער דערצעהלט, אַז ער האָט זיך נאָך ניט אין גאַנצען אָבגעוואוינט דערפֿון, וואָס איז דער היפוך פֿון אַ טרוקען בעט אין דערפֿריה, און אַז ער האָט דערפֿאַר היינט געקראָגען קלעפּ פֿון פּאַפּאַ; סטינאַ האָט עס דערצעהלט דעם טאַטען; — סטינאַ האָט געהייסען די, וועלכע האָט אונז נאָר וואָס פֿערלאָזען.

נאָך דער דאָזיגער ניט זעהר פֿאָרזיכטיגער הקדמה איז באַלד איינער געשטאַנען ביי מיין רעכטער, דער אַנדערער ביי מיין לינקער האַנד, און זיי האָבען גענומען דערצעהלען דאָס, וואָס האָט זיי דאַן אויסערגעוועהנליך שטאַרק בעשעפֿטיגט. זיי האָבען ביידע גערעדט, בעזונדערס דער עלטערער, דער יונגערער האָט נור אונטערגעכאַפּט און צוגעגעבען דאָס, וואָס יענער האָט פֿערפֿעהלט: דאָרט הינטען אין איינעם פֿון די קליינע הייזלאַך, פֿערביי וועלכע איך בין פֿערביי־געפֿאָהרען, דאָרט וואוינט האַנז, דער קליינער האַנז, דאָס הייסט, ער האָט דאָרט געוואוינט; מחמת דער ריכטיגער, אמת'ער קליינער האַנז איז ביי גאָט. ער פֿלעגט קומען אויף'ן הויף און פֿלעגט כמעט יעדען טאָג זיך שפּיעלען מיט די אינגלאַך; נאָר צייטענווייז האָבען זיי אויך געקענט אַריבערגעהן אַהין צו די קליינע וואוין-הייזלאַך, וועלכע זיינען, ווי איך האָב גלייך פֿערשטאַנען, פֿאַר די קינדער גע־ווען דער גן עדן דאָ אויף דער ערד. מילא, איין אָבענד — פֿאַר צוויי וואָכען — ווען ס'איז שוין געווען פֿינסטערלאַך, איז האַנז גע־גאַנגען אַהיים; דאָס איז געווען איידער דער שנעע איז אויסגעפֿאַלען, און אין פּאַרק, דורך וועלכען ער האָט געמוזט דורכגעהן, איז געלעגען דער פֿיש־טייך אַזוי גלאַט און שוואַרץ. נו האָט ער געוואָלט

אַריבערגעהן איבער'ן טייך און איז אַרונטער פון'ם פוס-וועג, וואָרים דער פוס-וועג ליגט דאָך האַרט ביים טייך. האָבען זיי אָבער דעם זעלבען טאָג אויסגעהאַקט אַ לאָך, כדי צו כאַפּען פיש, און האָבען פערגעסען, אַוועקצולייגען אַ צייכען, מען זאָל זיך היטען, און דאָ געהט דער קליינער האַנז אַרונטער גלייך אין לאָך אַריין. אויף'ן הויף האָט מען געהערט אַ פערצווייפעלטען געשריי פון אַ קינד; דאָס מילך-מיידעל האָט איהם געהערט, אָבער נור איין מאָל, און די האָט זיך גאָרנישט געמאַכט דערפון, וואָרים דאָרט אין פארק פלעגען זיך אַלע קינדער שפּיעלען.

אַזוי איז אַלזאָ דער קליינער האַנז פערפאַלען געוואָרען, און קיינער האָט ניט געקענט זאָגען, וואו ער איז אַהינגעקומען. דאַן האָט מען אויפגעהאַקט דעם טייך, און זיי האָבען איהם געפונען; נאָר אַנטאָן און סטאָרם האָבען איהם ניט געטאָרט זעהן. אָבער ביי דער בעגרעבעניש האָט מען זיי געלאָזט זיין מיט אַלע אינגלאַך און מיידלאַך פון דער געווערק-שולע. בעגראָבען האָט מען איהם ניט אין דער קליינער קירכע, וואו דער זיידע און די באָבע ליגען; ער איז בעגראָבען געוואָרען אויף'ן בית עולם. אַך, ס'איז געווען אַזוי וואונדערשעהן, ווען זיי האָבען געזונגען! דער שול-מייסטער האָט געזונגען דעם באַס, און דער אַלטער בראַונע האָט האַנז'ן געצוויגען; דער איז געלעגען אין אַ ווייס-געפאַרבטען טויטען-קאַסטען, וואָס דער פאַפאַ האָט געלאָזט ברייגגען פון דער שטאָדט, און אויבען אויף'ן קאַסטען זיינען געלעגען קרענץ. מאַמאַ און סטינאַ האָבען זיי געפלאָכטען. אַלע קינדער האָבען געקראָגען קובען, איידער זיי זיינען אַרויס צו דער לויה, און וויין. אָבער דער געזאַנג, דאָס איז געווען דערזעלבער, וואָס די אינגלאַך האָבען נאָר וואָס געזונגען; דאָס האָט זיי סטינאַ אויסגעלערענט. האַנז איז געווען אַזוי אָרעם, נאָר אַצונד איז איהם גוט; ער איז ביים ליעבען גאָט; נאָר דעם טויטען-קאַסטען האָט מען אַרונטערגעלאָזען אין דער ערד. וואָס אין קאַסטען איז געווען? פערשטעהט זיך, דאָס איז ניט געווען דער ריכטיגער האַנז, וואָרים האַנז איז איצט גאַנץ ניי געוואָרען. מלאכים זיינען אַרונטערגעקומען צו איהם אין טייך מיט אַלצדינג, וואָס דער נייער האַנז האָט געדאַרפט צום אָנטהאָן, כדי ער זאָל אין טייך ניט דערפרוירען ווערן; דאָרט איז

ער שוין מעהר ניטאָ. אַלע קינדער, וואָס שטאַרבען, קומען צו גאָט, אינאיינעם מיט הונדערט טויזענד מיליאָנען גאַנץ קליינינקע מלאכים׳לאַך. די מלאכים זיינען אויך דאָ אַרום אונז, נאָר מיר קענען זיי ניט זעהן, וואָרים זיי קענען ניט געזעהן ווערן, און האַנז איז אַצונד ביי זיי. די מלאכים קענען אונז יאָ זעהן, זיי זיינען אַזוי גוט צו אונז, דער עיקר צו קינדער, און די סאַמע אונגליקליכסטע קינדער ווילען זיי האָבען ביי זיך, מחמת דעם נעהמען זיי זיי צו. ס׳איז אַסך, אַסך, אַסך שעהנער ביי די מלאכים איידער דאָ. יאָ, גאַנץ געוויס, וואָרים סטינאַ האָט עס געזאָגט. סטינאַ וואָלט אויך ליעבערשט געוואָלט זיין ביי די מלאכים איידער דאָ; נאָר צוליעב מאַמאַ׳ן געהט סטינאַ ניט צו זיי, אַניט וואָלט מאַמאַ געבליבען איינע אַליין. אַלע מלאכים האָבען פליגעל און אַצונד ליגט דער פאָטער פון׳ם קליינעם האַנז דאָרט און וויל אויך געהן צו גאָט. ער וועט אַלזאָ אויך קריגען פליגעל און ווערן אַ קליין מלאך׳ל און אַרומפליהען דאָ אָדער וואו ער וועט וועלען — ביז אַרויף צו די שטערען. וואָרים די שטערן זיינען ניט בלויז קיין שטערען; אַז מיר קומען אַרויף אויבען, זיינען זיי אַזוי גרויס, אַזוי גרויס; ווי די גאַנצע ערד אַזוי גרויס, און די איז אונגעהייער גרויס; גרעסער איידער דער גרעסטער באַרג. און אויף די שטערען זיינען פאַרהאַן מענשען און גאָר אַסך אַנדערע זאַכען, וואָס דאָ איז ניטאָ. אָבער היינט נאָכמיטאָג דאַרף דער פאָטער פון׳ם קליינעם האַנז אַרויפגעהן דירעקט צום ליעבען גאָט; וואָרים גאָט איז אויבען אין הימעל. זיי וואָלטען אַזוי גערן געוואָלט זעהן, ווי האַנז׳ם פאָטער קריגט פליגלען, אָבער מאַמאַ האָט זיי ניט געוואָלט מיטנעהמען. און אַצונד איז ער שוין אַזוי שעהן געוואָרען, ווי ער ליגט דאָרט, אַז ער זעהט כמעט אויס ווי אַ מלאך. מאַמאַ האָט עס געזאָגט; נאָר זעהן קענען זיי איהם ניט.

גראָד ביי די לעצטע ווערטער זייערע איז סטינאַ צוריקגעקומען; זי האָט די אינגלאַך געהייסען מיטקומען מיט איהר, און זיי האָבען געפאָלגט.

לינקס איז געווען אַן אָפענע טהיר; כ׳האָב בעמערקט ביבער־פאָליצעס דאָרט אינעווייניג, אַזוי אַז איך האָב געזעהן, אַז דאָס איז די ביבליאָטהעק. איך האָב חשק געהאַט צו וויסען, וואָס דער פאָטער

פֿון אָט די אינגלאַנד לייענט איצט — אַזוי ווייט ווי ער האָט איבערהויפּט געלייענט. דאָס ערשטע, וואָס איך האָב געפֿונען ליגען אָפֿען אויף׳ן שרייב-טיש לעבען אַ בריעף, רעכנונגען און פֿאַבריק-מוסטערן, איז געווען דער ענגלישער פֿילאָזאָף בעין. און בעין׳ס ענגלישע פֿריינד זיינען געווען דאָס ערשטע, וואָס איך האָב דערזעהן אויף דער נעכסטער ביכער-פּאָליצע. כ׳האָב אַרויסגענומען איינעם און געזעהן, אַז ער איז גלעזען געוואָרען. דאָס האָט געשטימט מיט דעם, וואָס איך האָב געהערט וועגען אַטלונג.

אין דערזעלבער רגע האָט זיך פֿון הויף דערהערט אַ קלאַנג פֿון גלעקלאַך. איך האָב פֿערשטאַנען, אַז דאָס איז די בעל הבית׳טע געקומען אַהיים, און איך האָב אַוועקגעשטעלט די ביכער צוריק אין דער זעלבער אָרדנונג, ווי איך האָב זיי אַרויסגענומען; דורך דעם זיינען עטליכע, וועלכע זיינען געשטאַנען פֿון הינטען, אַוועקגערוקט געוואָרען פֿון זייער אָרט (מחמת זיי זיינען געשטאַנען אין צוויי שורות), און דאָ האָב איך חשק געקראָגען אַ קוק צו טהאָן אויך אויף די, וועלכע זיינען געווען פֿערדעקט; דאָס האָט גענומען צייט. איך בין ערשט אַרויסגעקומען פֿון דער ביבליאָטעק, ווען די בעל הבית׳טע איז אַריין אין דער הויפּט-טהיר פֿון הויז.

III.

פֿרוי אַטלונג האָט זיך געפֿרעהט מיך צו זעהן. זי האָט געהאַט אַ מאָדנעם גאַנג, עפּעס אַזוי ווי זי וואָלט גאָר קיינמאָל ניט אויסגעשטרעקט אין גאַנצען די קניע ביים געהן; נאָר סיי ווי סיי, זי איז מיר שנעל אַנטקעגען געקומען, האָט אַריינגענומען איינע פֿון מיינע הענד צווישען איהרעביידע און האָט מיר אַזוי לאַנג געקוקט אין די אויגען, ביז די איהריגע זיינען פֿול געוואָרען מיט טרעהרען. נאַטירליך האָט דאָס געהאַט צו טהאָן מיט דער חתונה־רייזע, די שעהנסטע טעג פֿון איהר לעבען; — אָבער די טרעהרען?

ניין, אונגליקליך האָט זי ניט געקענט זיין. זי איז נאָך גאָר אין גאַנצען נעווען דיזעלבע, אַזוי ווייט, אַז ווען זי וואָלט ניט געוואָרען אַביסעל פֿולער, וואָלט איך אויף איהר ניט געקענט בעמערקען די מינדעסטע פֿערענדערונג — על כל פנים ניט גלייך אויף'ן שטעל. דער אויסדרוק איז געווען גענוי דערזעלבער, אונשולדיג און פֿרעגענדיג; אפילו די האָר זיינען געלעגען אין דיזעלביגע לאָקען אַרום איהר צוריקגעבויגענעם קאָפּ, און דאָס האַלב אָפֿענע מויל האָט געהאַט דיזעלבע ווייכקייט, פּונקט אַזוי אונבעריהרט פֿון ווילען ווי אימער; די אויגען האָבען געהאַט דיזעלבע מילדע פֿרייד, זאָגאַר דער אַביסעל פֿערשלייערטער קלאַנג פֿון דער שטימע איז געווען דער אַלטער, קינדערשער.

„איהר זעהט אויס, אָקוראַט ווי איהר וואָלט פֿון דעמאָלט אָן קיין שום אַנדער זאַך ניט דורכגעמאַכט," איז געווען דאָס ערשטע, וואָס איך האָב איהר געמוזט זאָגען. זי האָט אַ קוק געטהאָן אויף מיר מיט אַ שמייכעל, און קיין שאָטען אפילו האָט ניט געזאָגט ניין דערצו.

מיר האָבען זיך אַנידערגעזעצט אויף שטוהלען, וועלכע זיינען געשטאַנען אין מיטען צימער, לעבען דער טהיר פון דער ביבליאָטעק; מיר זיינען געזעסען מיט'ן רוקען צו די פענסטער און האָבען געקוקט אויף אַ וואַנד, וואו צווישען די ביוסטען און סטאַטוען, וואָס די געשניצטע האָליץ-פיגורען האָבען געטראָגען, זיינען אייך אייסנאַהמסווייזע געהאַנגען אַ פּאָר בילדער אויף די פּאָלירטע פעלדער.

איך האָב דערצעהלט וועגען מיין רייזע און געקראָגען אַ דאַנק דערפאַר, וואָס איך בין ענדליך געקומען; כ'האָב געבראַכט גריסען פון איהרע עלטערן, מכח וועלכע מיר האָבען איצט אַ ווייליע גערעדט. זי האָט געזאָגט, אַז זי האָט ערשט היינט געדיינקט פון איהר פאָטער; זי וואָלט איהם אַזוי גערן געוואָלט האָבען דאָ, מחמת זי קומט גראָד פון אַ שטאַרבענדען, און קיין שעהנערס האָט זי קיינמאָל ניט געזעהן. בעת מעשה האָט זי אָנגענומען איהר ליעבלינגס-פּאָזע, דאָס הייסט, זי איז געזעסען אַביסעל אָנגעבויגען, דעם קאָפּ פערוואָרפען אַהינטען, די אויגען אויפגעהויבען אין דער הויך צו דער וואַנד אָדער צו דער סטעליע. מיט איין פינגער האָט זי געדריקט אויף דער אונטערשטער ליפ, ניט לאַנג, נאָר ווידערהאָלענדיג דיזעלבע בעוועגונג עטליכע מאָל. ווען ניט ווען האָט זי אַ נייג געטהאָן מיט'ן אויבערשטען טהייל פון איהר קערפער, די אויגען זיינען געווען ווי צוגעשמידט; זיי האָבען ניט געקוקט אויף מיר, ווען זי האָט וואָס געפרעגט אָדער בעקומען אַן ענטפער אויף איהרע אַ פראַגע, נאָר בלויז ווען עפעס גאַנץ בעזונדערעס האָט זי געטריבען צו ענדערן איהר פּאָזע. אָבער גלייך אויף'ן שטעל האָט זי זי ווידער אָנגענומען.

„גלויבט איהר אין דער אונשטערבליכקייט?" האָט זי אַ פראַג געטהאָן, עפעס אַזוי ווי דאָס וואָלט געווען די נאַטירליכסטע זאַך אין דער וועלט, און ניט אַ קוק געבענדיג אויף מיר.

אַזוי ווי איך האָב זיך אָבער געוואונדערט און זעלבסטפערשטענדליך געמוזט אַ קוק טהאָן אויף איהר, האָב איך בעמערקט, אַז אַ טרעהר האָט זיך איהר אַרונטערגעקאַטשעט איבער דער באַק, און אַז אין די אָפענע אויגען איהרע זיינען געווען נאָך מעהר טרעהרען.

כ'האָב גלייך געפיהלט, אַז אָט די פראַגע איז בלויז אַן אומוועג.

איהר מאַן'ס גלויבען האָט זי דאָס אין זינען געהאַט. מחמת דעם האָב איך איהר געוואָלט פֿערשפּאָרען דעם אומוועג. „וואָס דיינקט אייער מאַן מכח דער אונשטערבליכקייט?"

„ער גלויבט ניט אין דער אונשטערבליכקייט פֿון דער אינדיווי־דואַליטעט," האָט זי געענטפֿערט. „מיר ווערן אַליין צוריקגעבווירען אין אונזער האַנדלען, אין אונזע־ע טהאַטען און הויפּטזעכליך אין אונזערע קינדער; אָבער אָט די אונשטערבליכקייט, דיינקט ער, איז גענוג אָן און פֿאַר זיך!" זי האָט געהאַלטען איהרע אויגען אָנגעשטעלט ווי פֿריהער, און די טרעהרען זיינען נאָך געלעגען דאָרט; נאָר די שטימע איז געווען מילד און רוהיג; קיין געדאַנק וועגען אונצופֿרידענהייט אָדער פֿאָרוואורף איז ניט געלעגען אין דער איינפֿאַכער מיטטהיילונג, וועלכע איז געווים ריכטיג געווען.

ניין, זי איז ניט קיין זאָגענאַנטע קינדליך נאאיווע פֿרוי, האָב איך זיך געקלעהרט, און אויב זי האָט דעם זעלבען אונשולדיגען, פֿרע־געגדען אויסדרוק, ווי פֿאַר ניין יאָהרען, נעהמט זיך דאָס ניט דערפֿון, וואָס זי האָט זיך וועגען גאָרנישט פֿערטראַכט, גאָרנישט פֿערזוכט.

„איהר רערט, הייסט עס, דאָך מיט אַטלונג'ן וועגען דעם?"

„איצט שוין ניט מעהר."

„אין דרעזדען האָט עס אויסגעזעהן, אַז איהר זייט דורכאוים איניג איבער אָט די זאַכען; איהר פֿלעגט זינגען צוזאַמען — "

„דעמאָלט האָט מיין פֿאָטער געהאַט אַ ווירקונג אויף איהם. איך מיין אויך, אַז ער איז נאָך דאַן אַליין ניט געווען גאַנץ קלאָהר וועגען דעם. דאָס איז געקומען בּיסלאַכווייז."

„כ'האָב אויך געזעהן עטליכע ביכער, וועלכע ער האָט די לעצטע צייט געמווזט לייענען."

„יאָ, אַלבערט האָט זיך געענדערט."

זי איז געזעסען שטיל, בעת זי האָט געגעבען אָט די ענטפֿערם; בלויז דער איינער פֿינגער האָט זיך בעוועגט אויף דער אונטערשטער ליפּ.

„אָבער ווער זאָרגט פֿאָרט פֿאַר די ערציהונג פֿון די קינדער?" האָב איך געפֿרעגט.

אַצונד האָט זי זיך האַלב אומגעקעהרט צו מיר. אַ ווייל האָב

איך געמיינט, אַז זי וויל ניט ענטפֿערן, אָבער ענדליך האָט זי עס דאָך געטהאָן.

„קיינער ניט," האָט זי געזאָגט.

„קיינער ניט?"

„אַלבערט וויל, אַז עס זאָל דערווייל בלייבען אַזוי ווי עס איז."

„אָבער, בעסטע פֿרוי, אויב מען לערענט גאָרנישט מיט זיי, דערצעהלט מען זיי דאָך אָבער דאָס און יענעס?"

„יאָ, אויב אימיצער וויל, דאַן — און דאָס איז געוועהנליך סטינאַ."

„דאָס הייסט אַלצדינג בלויז גאַנץ צופֿעליג?"

זי האָט זיך ווידער אָבגעקעהרט פֿון מיר און איז געזעסען ווי פֿריהער.

„גאַנץ צופֿעליג," האָט זי געענטפֿערט כמעט גלייכגילטיג.

כ'האָב איהר איבערגעגעבען אין קורצען, וואָס סטינאַ האָט דערצעהלט די קינדער מכח יענער וועלט, מכח די מלאכים א. א. וו., און איך האָב איהר געפֿרעגט, צי זי וויל דאָס ליידען.

זי האָט זיך אומגעקעהרט מיט'ן פנים צו מיר. „יאָ, פֿאַרוואָס ניט?" די גרויסע אויגען האָבען מיך אָנגעקוקט אונשולדיג; אַזוי ווי איך האָב אָבער ניט גלייך געענטפֿערט, איז זי בּיסלאַכווייז רויט געוואָרען.

„אויב מען זאָל זיי איבערהויפּט וואָס עס איז דערצעהלען," האָט זי געזאָגט, „טאָ מוז דאָך דאָס זיין עפּעס, וואָס זאָל אַ נעהם טהאָן זייער קינדער-פֿאַנטאַזיע."

„מען פֿערדאַרבט זיי די ווירקליכקייט דורך דעם, גנעדיגע פֿרוי, און דאָס איז דאָסזעלבע, ווי ווען מען וואָלט פֿערדאַרבען זייערע פֿעהיגקייטען."

„דאָסזעלבע, ווי ווען מען וואָלט זיי דום געמאַכט, מיינט איהר?"

„נו, אויב אפילו ניט דום, שטערט עס זיי דאָך אָנצוּואוועדען ריכטיג זייערע פֿעהיגקייטען."

„איך פֿערשטעה אייך ניט."

„ווען איהר לערענט די קינדער, אַז דאָס לעבען דאָ אויף דער ערד איז אַ גאָרנישט אַנטקעגען דאָס לעבען אויף יענער וועלט; אַז

געזעהען צו ווערן איז אַ גאָרנישט אַנטקעגען דאָס ניט געזעהן ווערן; אַז זיין אַ מענש איז גאָרנישט אין פֿערגלייך מיט זיין אַ מלאך, לעבען גאָרנישט אין פֿערגלייך מיט'ן טויט — טאָ איז דאָס ניט דער וועג, ווי אַזוי זיי צו לערנען קוקען ריכטיג אויף'ן לעבען און עס ליעב האָבען; דאָס איז ניט דער וועג אַרויסצורופֿען אין זיי לעבענס-מוטה, אַרבייטס-קראַפֿט, ליעבע צום פֿאָטערלאַנד —"

„אַך יאָ! — דאָס וועט שפּעטער זיין אונזער אַרבייט מיט זיי."

„שפּעטער, גנעדיגע פֿרוי? ווען דער גאַנצער שטויב וועט זיך שוין האָבען געלייגט אויף דער נשמה?"

זי האָט זיך אָבגעקעהרט פֿון מיר, האָט ווידער אָנגענומען איהר אַלטע פּאָזע, געקוקט אויף דער סטעליע און איז פֿערזונקען אין געדאַנקען.

„פֿאַרוואָס בענוצט איהר דאָס וואָרט שטויב?"

„אונטער שטויב פֿערשטעה איך הויפּטזעכליך דאָס, וואָס איז געוועזען, איז אָבער אויפֿגעלייזט געוואָרען און פֿליהט אַצונד אַרום און לייגט זיך אַוועק אויף ליידיגע ערטער."

זי האָט זיך פֿערטראַכט אַ ווײלע.

„איך האָב געלייענט וועגען שטויב, וואָס ברייגנט מיט זיך גיפֿטיגע שטאָפֿען פֿון פֿערפֿוילטע טהיילען;... דאָס מיינט איהר דאָך מסתמא ניט?"

ס'איז ניט געלעגען קיין שפּאָט אין דעם טאָן, אויך קיין צאָרן ניט, דערום האָב איך ניט פֿערשטאַנען, וואָס זי איז דערמיט אויסען געווען, און איך האָב דערום געענטפֿערט פֿאָרזיכטיג:

„ס'הייננט אָב דערפֿון, וואו דער שטויב פֿאַלט, גנעדיגע פֿרוי; ביי געזונדע מענשען פֿעראורזאַכט ער בלויז אַ נעבעל, אַזוי אַז זיי קענען ניט זעהן קלאָהר."

כ'האָב זיך מיט אַ כיוון אָבגעשטעלט, כדי זי זאָל קענען וואָס עס איז בעמערקען מכח דעם קראַנקען; אָבער זי האָט דאָס ניט געטהאָן; האָב איך ווייטער גערעדט וועגען דעם געזונדען:

„קומט לחלוטין קיין שום בעוועגונג ניט אַריין, לייגט זיך דער שטויב אָפּט אָן גאַנצע פֿינגער די דיק, אַזוי אַז די מאַשין קען קוים מיט מיה געהן."

לעבעדיגער ווי געוועהנליך האָט זי זיך אַ קעהר געטהאָן צו מיר, האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויף די פּאַרענטשעס פון שטוהל און צוגערוקט איהר געזיכט צו מיר:

„ווי איז דאָס אייך פּאַרט איינגעפאַלען? — אפשר דערפאַר וואָס איהר האָט געזעהן, וויפיעל שטויב עס ליגט דאָ?"

כ'האָב זיך מודה געווען, אַז איך האָב עס געזעהן.

„און דאָך טהוען דאָס שטוב-מיידעל און סטינאַ קיין אַנדער זאַך ניט, נאָר זיי ווישען שטויב, און אין דער ערשטער צייט האָב איך אויך קיין אַנדער זאַך ניט געטהאָן. איך פערשטעה גאָר ניט, וואָס דאָס איז. אין דערהיים ביי דער מאַמע'ן האָב איך פון קיין אַנדער זאַך ניט געהערט ריידען אַזויפיעל, ווי פון שטויב. זי פלעגט בסדר אַרומגעהן מיט אַ נאַסען וויש-טוך אַרום דעם פאָטער; ער איז געווען אַזוי בייז, וואָס זי פלעגט איהם צוּוואַרפען זיינע ביכער און פּאַפּי-רען. אָבער זי פלעגט זאָגען, אַז עס איז גאָר ניטאָ נאָך איינער, וואָס זאַמעלט אַזויפיעל שטויב ווי ער. קוים איז ער נור אַרויס פון ביוראָ, אַזוי איז זי שוין געווען דאָרט מיט אַ בערשטעל און מיט אַ שמאַטע, און געבאָרשטען און געווישט. און דאַן פלעג איך קומען אויף דער רייה. איך בין ווי דער טאַטע, פלעגט זי זאָגען, כ'שלעפּ אַרום שטויב מיט מיר, און קען אַליין קיינמאָל ניט אָבשטויבען ווי געהעריג איז. — אָט דער גאַנצער שטויב איז מיר אַזוי נמאס געוואָרען, אַז ביי מיין חתונה איז מיר פאָרגעקומען, עפּעס אַזוי ווי איך וואָלט אַריין אין אַ גן עדן, און איך האָב זיך געטרייסט, אַז איך וועל זיך שוין אַליין ניט דאַרפען אָבגעבען דערמיט און אַנדערע וועלען ווישען שטויב פאַר מיר. אָבער איך האָב אַ טעות געהאַט. נאָר אַצונד האָב איך עס אויפגעגעבען. עס העלפט גאָרנישט. אָט אַפּנים איך האָב קיין מאַלאַנט ניט, פּטור צו ווערן פון איהם."

„ס'איז דאָך אָבער מאָדנע," האָט זי וויטער געזאָגט, זיך אָנ-שפּאַרענדיג מיט'ן רוקען אָן שטוהל, „אַז איהר האָט אויך ניט געהאַט קיין אַנדער זאַך מיט וואָס צו קומען צו מיר, נאָר מיט אָט דעם שטויב."

„אָבער איהר פיהלט זיך דאָך געוויס ניט בעליידיגט?"

„וואָס פאַלט אייך איין? — !" און דאַן מיט דער רוהיגסטער

און אונשולדיגסטער מיענע פֿון דער וועלט: „ווער עס האָט געלעבט ניין יאָהר מיט אַלבערט'ן צוזאַמען, דעם קען שוין קיין זאַך מעהר ניט בעליידיגען."

איך בין אַריינגעקומען אין אַ מורא'דיגער פֿערלעגענהייט. וואָס צום טייוועל האָב איך זיך געהאַט אַריינצומישען אין אָט דער זאַך? שוין גענוג וואָס איך האָב זיך אַריינגעלאָזט אין דעם משל מיט'ן שטויב; אָבער נאָך וואָס האָב איך נאָך געדאַרפֿט צוגעבען, אַז איך האָב געזעהן שטויב? איבעריגענס איז דאָס דאָך געווען ביי אַלבערט'ן אין דער ביבליאָטעק. איך האָב מעהר קיין וואָרט ניט געזאָגט. אויך זי איז געזעסען אָדער, בעסער געזאָגט, געלעגען אַ היבשע ווײַלע שטיל און האָט געקלאַפּט מיט די פֿינגער אויף די פּאַרענטשעס פֿון שטוהל. ענדליך האָב איך דערהערט אַזוי ווי פֿון דער ווייטענס: „אָבער שמעטערלינג-שטויב איז דאָך שעהן." און דאַן פֿיעל שפּעטער, דורך פֿיעל געדאַנקען-פֿערבינדונגען, וועלכע זי האָט ניט אַרויסגעגע-בען, איז שטילערהייט אַרויסגעקומען אַ פֿראַגע: די שטראַהלען-ברע-כונג.... די פֿערשיעדענע שטראַהלען-ברעכונג....? זי איז ניט געקומען דערצו אויסצורייּדען דעם גאַנצען זאַץ; זי האָט זיך צו עפּעס צוגעהערט, איז אויפֿגעשטאַנען; זי האָט דערהערט אַלבערט'ס טריט אין פֿאָרצימער. איך האָב זיך אויך אויפֿגעהויבען.

IV.

די טהיר האָט זיך אין גאַנצען געעפֿענט; אַמלונג איז אַריינגע־קומען מיט לאַנגזאַמע טריט. דער הויכער, שלאַנקער מאַן אין די ברייטע קליידער, וואָס האָבען געטראָגען פֿיעלפֿאַכע שפורען פֿון די פֿאַבריקען, וועלכע ער פֿלעגט בעזוכען, האָט אין זיין געזיכט, אין זיינע בעוועגונגען און אין זיין האַלטונג געצייגט די גלייכגילטיגע זיכערקייט פֿון עטליכע דורות.

ווי ער האָט מיך דערזעהן, האָט ער אַ פינטעל געטהאָן מיט זיינע גראָע אויגען און דאָס לאַנגע געזיכט זיינס האָט זיך גלייך פֿער־צויגען מיט אַ שמייכעל. זיינע הערליכע צייהן האָבען געגלאַנצט צווישען פֿולע, פֿייכטע ליפען, בעת ער האָט אויסגעשריען: „איהר זייט עס!“ ער האָט אַריינגענומען מיינעביידע הענד צווישען זיינע האַרטע, רויט־פֿלעקעדיגע פֿויסטען; דערנאָך האָט ער אָבגעלאָזען איינע און אַרומגעלייגט דעם גאַנצען אָרם אַרום זיין פֿרוי׳ס טאַליע: „איז דאָס ניט גלענצענד, אַמאַליע? וואָס? די טעג אין דרעזדען — וואָס?“

אַז ער האָט אונז אָבגעלאָזט, האָט ער זיך גענומען נאָכפֿרעגען וועגען מיר און מיין רייזע; ער האָט געוואוסט, אַז איך האָב געוואָלט מאַכען אַ קורצע רייזע אין אויסלאַנד. דאַן האָט ער אָנגעהויבען דער־צעהלען מכח דעם, מיט וואָס ער האָט זיך הויפּטזעכליך בעשעפֿטיגט; דערביי איז ער לאַנגזאַם ארומגעגאַנגען איבער׳ן צימער אַרויף און אַראָב, האָט אַריינגענומען וואָס פֿאַר עס איז זאַך צווישען די פֿינגער, האָט זי בעטאַפּט, זי אַוועקגעשטעלט צוריק און גענומען עפּעס אַנ־דערש. ער פֿלעגט אָננעהמען אַ קליינע זאַך ניט ווי מיר מיט די

שפיץ פינגער; זי פלעגט איהם אין גאנצען אריינפאלען אין דער האנד, אזוי אז די פינגער האבען זי ארומגענומען. דאס, מכח וואס ער האט גערעדט, האט ער אויך אנגענומען אויף דעם זעלבען אופן, מיט א געוויסער איבער-מאס, דאן האט ער עס גלייך אוועקגעווארפען און זיך גענומען צו עפעס אנדערש.

פרוי אטלונג איז ארויסגעגאנגען, איז אבער גלייך צוריק אריינגעקומען, כדי אונז צו רופען צום טיש. גראד אין דער רגע האט ער זיך אנידערגעזעצט ביים קלאוויר, וואו ס'איז געלעגען אפען א העפט מיט נאטען, וועלכע ער האט גלייך מיט א פאר ווערטער כאראקטעריזירט. דאן האט ער אנגעהויבען זינגען און שפיעלען א לאנגעם ליעד, פערז ביי פערז. אז ער האט געענדיגט, האט איהם זיין פרוי ווידער דערמאנט אן'ם עסען. דורך דעם האט ער אפנים בעמערקט, אז זי געפינט זיך אין צימער.

„קום, אמאליע, לאמיר פרואווען דעם דועט!" און ער האט אויפגעשפיעלט די בעגלייטונג. זי האט א שמייכעל געטהאן צו מיר, האט זיך אבער אנידערגעשטעלט לעבען דער פיאנא און מיטגעזונגען. איהר אביסעל פערשלייערטער, זיסער סאפראן האט זיך צונויפגעשמאלצען מיט זיין ווארעמען באריטאן, ווי איך האב זיי פאר ניין יאהרען געהערט. ביידענס שטימע האט געקראגען דעם רייכען אינהאלט, וואס דאס לעבען לייגט אריין, ווען עס האט אליין אן אינהאלט; נאר דאס זינגען גופא איז געבליבען אונגעפעהר דאס זעלבע וואס געווען.

דער, וואס האט מיט א רגע פאר דעם פיליכט ניט בעגריפען, ווי אזוי אט די ביידע זיינען צוזאמענגעקומען, האט זיך בלויז געדארפט אוועקשטעלען לעבען זיי, ווען זיי האבען געזונגען. זיי זיינען ביידע געווען אויף א מערקווירדיגען אופן אריינגעטהאן אין זינגען, און אונטער פערשיעדענע פאראויסזעצונגען זיינען זיי ביידע געווען אייניג אין דעם, צו לאזען אלצדינג געהן, ווי עס וויל זיך. אזוי ווי צוויי קינדער אין א שיפעל האבען זיי זיך אוועקגעשאקעלט פון דאנען, געלאזט דאס עסען קאלט, די הויז-לייט אונגעדולדיג ווערן; דער גאסט האט זיך געמענט דיינקען, וואס ער האט געוואלט, און די הויז-ארדנונג און אלעס, וואס זיי האבען זיך אליין פארגענומען פאר דעם טאג,

האָט זיך פֿון זייערט וועגן געמענט איבערקעהרען מיט׳ן קאָפּ אַראָב און מיט די פֿיס אַרויף.

אין זייער געזאַנג איז ניט געלעגען קיין ענערגיע, קיין שולע, קיין פֿיינערע אויסאַרבייטונג פֿון דער דאָזיגער איינפֿאַכער נומער, וואָס זיי האָבען פֿילייכט געזונגען צום ערשטען מאָל. אָבער אַ גלייכמעסיג, פֿרעהליך אַריבערלויפֿען איבער דער מעלאָדיע. די העלע פֿאַרבען פֿון די שטימען האָבען זיך צונויפֿגעגאָסען איינע אין די אַנדערע ווי אַ צערטליכער קוש: ס׳איז געלעגען רייץ אין דעם.

פֿערז נאָך פֿערז האָבען זיי געזונגען, און וואָס לייגגער, אַלץ בעסער איז עס געגאַנגען צוזאַמען, און אַלץ לוסטיגער. אַז זיי האָבען ענדליך אויפֿגעהערט, און זי איז אָרם אין אָרם מיט מיר געגאַנגען צום טיש, און ער איז לאַנגזאַם געגאַנגען פֿאָראויס, כדי צו געבען סטינאַ׳ן דעם שליסעל צום וויין־קעלער, דאַן איז ביי איהר אין די אויגען ניט געלעגען קיין שום פֿראַגע, נור פֿרייד, מילדע, שעהנע פֿרייד, בעת ווען ער האָט געפּייפֿט ווי אַ קאַנאַריקעל.

מיר האָבען זיך אַנידערגעזעצט ביים טיש, דען ווען ער איז נאָך געווען אויף דרויסען; מיר האָבען זעהר לאַנג געוואַרט אויף איהם. אָדער ער האָט סטינאַ׳ן ניט געפֿונען, אָדער זי האָט איהם ניט פֿערשטאַנען, — על כל פנים ער איז אַליין אַרונטער אין קעלער און איז אַרויפֿגעקומען צוריק אַזוי אויסגעשמירט, אַז מיר האָבען זיך צו־לאַכט אויף׳ן קול. נאָר פֿרוי אַטלונג האָט מיט אַמאָל אויפֿגעהערט לאַכען און איז געבליבען זיצען שטיל, בעת ווען ער איז אַוועק זיך איבערטהאָן און זיך אַרומוואַשען.

מיט אַ גיעריגער האַסטיגקייט האָט ער אַרונטערגעגאָסען איין לעפֿעל נאָך׳ן אַנדערן פֿון דער זופּ, איז געוואָרען צוריק גוט אויפֿ־געלייגט, אַזוי גיך ווי זיין הונגער איז געווען געשטילט, און האָט געהאַלטען אין איין ריידען. פּלוצלינג, ביים צושניידען דעם בראַטען, האָט ער זיך נאָכגעפֿרעגט אויף די אינגלאַך. זיי האָבען שוין געהאַט אָבגעגעסען; זיי האָבען ניט געקענט וואַרטען אַזוי לאַנג. „האָט איהר געזעהן די קינדער?״ — „יאָ,״ האָב איך געענטפֿערט און גערעדט פֿון זייער נאַטירליכקייט, און ווי שטאַרק דער איינער סאַמעוועט זיך אָן זיין פֿאַמיליע און דער אַנדערער אָן דער פֿאַמיליע פֿון זיין פֿרוי.

„אָבער," איז ער מיר אַריינגעפֿאַלען אין די רייד, „ס'איז ניט גוט, וואָס ביידע פֿאַמיליען האָבען פֿערהעלטניסמעסיג צופֿיעל פֿאַנטאַזיע; ס'ליגט עטוואָס ווייבעס אין דעם. און די אינגלאַך האָבען פֿון ביידע זייטען געקראָגען דערפֿון. פֿאַר צוויי וואָכען האָט זיך דאָ געמאַכט אַ טרויעריגע פּאַסירונג. אַ שפּיעל-קאַמעראַד איז אומגעקומען אין פֿיש-טייך. וואָס די אינגלאַך — מיט סטינאַ'ס הילף, פֿערשטעהט זיך — האָבען דערפֿון געמאַכט, איז גאָר ניט צו גלויבען. איך האָב היינט נאָכגעדיינקט דעריבער. כ'האָב גאָרנישט געזאָגט, וואָרים אין גרונד גענומען איז דאָך דאָס געווען קאָמיש, און דאַן האָב איך ניט געוואָלט אָנמאַכען קיין בייז-לעבען צווישען זיי און סטינאַ'ן. אָבער עס איז דום, וועגען דעם איז גאָר קיין צווייפֿעל ניט. הערסט דו, אַמאַליע, איך מיין, עס וואָלט שוין גלייכער געווען, ווען מען שיקט זיי אין אַ שולע, איידער זיי זאָלען דאָ אַרומלויפֿען און זיך איינגעוועהנען אין אַלערליי נאַרישקייטען."

די פֿרוי האָט גאָרנישט געענטפֿערט.

איך האָב געוואָלט ענדערן דעם געשפּרעך און איך האָב געפֿרעגט, צי ער האָט געלייענט ספּענסער'ס אָבהאַנדלונג „איבער ערציהונג".

דאָ איז ער געוואָרען אַ לעבעדיגער! ער האָט זיך דאָך אַנידער-געזעצט עסען; אָבער ער האָט זיך גאָר פֿערגעסען אָן דעם; דאַן האָט ער ענדליך גענומען אַ פּאָר ביסען און זיך ווידער פֿערגעסען: איך מיין, מיר זיינען געזעסען אַ שעה צייט ביי דעם איינעם געריכט, בעת ווען ער האָט געלערנט ספּענסער. אַז איך, וואָס איך האָב איהם געפֿרעגט, צי ער האָט געלייענט דאָס בוך, האָב עס העכסט וואַהר-שיינליך אַליין געלייענט, — דאָס האָט איהם ניט אָנגעהויבען אַרען. ער האָט מיר איבערדערצעהלט דאָס גאַנצע בוך, אָפּט פּונקט פֿאַר פּונקט, מיט אייגענע בעמערקונגען דערצו. איינע פֿון זיי איז געווען, אַז אויב די ערציהונגס-לעהרע, ווי ספּענסער וויל, זאָל אפילו איינגעפֿיהרט ווערן אין די שולען אלס דאָס וויכטיגסטע פֿאַך, וואָלטען אָבער זעהר ווייניג געהאַט די פֿעהיגקייט צו ערציהען זייערע קינדער; וואָרים ערציהונג איז אַ טאַלאַנט, וואָס גאָר ווייניג מענשען האָבען. ער פֿון זיין זייט וויל אַוועקשיקען זיינע קינדער, אַזוי גיך ווי זיי וועלען זיין

גרויס געניג, צו אַ דאַמע, מכח וועלכער ער ווייסט, אַז זי בעזיצט אַט דעם טאַלאַנט און אויך די קענטעגישען, וואָס זיינען אונבעדינגט נייטיג דערצו. זי איז אַ בעגייסטערטע אַנהייגגערין פון ספּענסער.

ער האָט דאָס געזאָגט, אַקוראַט ווי עס וואָלט געווען אַ פון לאַנג אָבגעמאַכטע זאַך; זיין פרוי האָט עס אויסגעהערט, ווי אַן אַלטע בעשטימונג. איך בין געווען זעהר ערשטוינט, וואָס זי האָט מיר גאָר־נישט דערמאָנט וועגען דעם, ווען מיר האָבען פריהער גערעדט מכח די אינגלאַך.

איצט געדיינק איך ניט, אויף וואָס פאַר אַ טהעמאַ מיר זיינען אַרויפגעקומען, נאָר מיט אַמאָל האָט אַטלונג אַרויסגעכאַפּט דעם זייגער פון קעשענע און אַ געשריי געטהאָן: „איך האָב זיך גאָר אין גאַנצען פערגעסען אָן הארטמאַן׳ן! כ׳האָב דאָך געמוזט פאָהרען אין שטאָדט! יאָ, יאָ — ס׳איז נאָך ניט צו שפּעט! ענטשולדיגט, איך בעט אייך.״

ער האָט אַוועקגעלייגט די סערוויעטע, געטרונקען נאָך אַ גלאָז וויין און דערנאָך האָט ער זיך אויפגעהויבען און איז אַרויסגעגאַנגען פון עסס־צימער. זיין פרוי האָט זיך ענטשולדיגט פאַר מיר און ער־קלעהרט, אַז הארטמאַן איז זיין געשעפטס־פיהרער; ליידער געהט קיין טעלעגראַף ניט אַהער, און וואהרשיינליך איז דאָ עפּעס אַ וויי־טיגע זאַך, וואָס מוז ענטשיידען ווערן אין אַ שטונדע אַרום.

ס׳איז מינדעסטענס געווען אַ שעה צייט ביז אין שטאָדט; אויב ניט צוליעב עפּעס אַנדערש איז צוליעב׳ן פערד נייטיג צו בלייבען דאָרט אַ שטונדע, און דאַן אַנדערהאַלבען שעה אויף צוריק־וועגס; וואָרים אַזאַ לאַנגען וועג פאָהרט מען ניט מיט דעם זעלבען פערד פונקט אַזוי שנעל צוריק ווי אַהין. דאָס האָב איך בערעכענט, אין דער צייט וואָס איך האָב ווייטער געגעסען, און איך האָב זיך גע־טראַכט ביי זיך, אַז איך בין געקומען ניט אין אַ פאַסענדער צייט. כ׳האָב אַלזאָ געהאַט ברעה נאָך׳ן קאַפע אויך איינשפּאַנען און פאָהרען.

דער מיטאָג האָט זיך געענדיגט און מיר האָבען זיך אויפגעהוי־בען פון טיש. זי האָט זיך ענטשולדיגט און ערקלעהרט, אַז זי מוז אַריינגעהן אין קיך, און אַזוי ווי איך בין געבליבען אַליין, האָב איך געוואָלט אַביסעל אַ קוק טהאָן אויף׳ן הויף.

אַז איך בין אַרויסגעקומען אויף די טרעפּ ביי דער טהיר פון הויז, האָט מיר אַ זעץ געטהאָן אין די אויערן אַ הילכענדער געלעכ־טער פון די אינגלאַך און גלייך נאָכדעם אַ וואָרט, וואָס איך וואָלט זיך קיינמאָל ניט געריכט, זיי זאָלען עס קענען ברייננען איבער די ליפּען, בפרט נאָך עס אַרויסשרייען הויך אויף'ן קול, און דאָס אויף'ן סאַמע מיטען הויף. דער עלטערער האָט עס אַרויסגעשריען צוערשט, און דער יונגערער האָט איהם נאָכגעטהאָן.

זיי זיינען געשטאַנען אויבען ביי דער טהיר פון שייער, און אַ דיענסט-מויד, וועלכע איז געשטאַנען אָנגעבויגען איבער אַ האַנד־שליטען אויף דער אַנדער זייט, איז דאָס געווען די, צו וועמען זיי האָבען אַריבערגעשריען דאָס וואָרט. די אינגלאך האָבען אויסגעשריען נאָך אַ וואָרט, ערגער נאָך ווי דאָס ערשטע, און נאָך איינס און נאָך איינס, אָהן אַן אויפהער. צווישען יעדען וואָרט אַ הילכענדער, פרעה־ליכער געלעכטער. ס'איז געווען לייכט צו פערשטעהן, אַז אימיצער איז געשטאַנען הינטער דער טהיר פון שייער און האָט סופלירט די קינדער, וואָס זיי זאָלען שרייען. די דיענסט האָט גאָרנישט געענטפערט; ווען ניט ווען האָט זי אויפגעהויבען דעם קאָפּ פון איהר אַרבייט און זיך אומגעקוקט, — ניט אויף די אינגלאַך, נאָר אויף אימיצען, וואָס האָט געמוזט שטעהן הינטער'ן שייער, דאָרט וואו דער שטאַל איז געווען.

מיט אַמאָל האָט זיך פון דאָרט דערהערט אַ קלאַנג פון גלעקלאַך. אַטלונג איז אַרויסגעקומען אין רייזע־מאַנטעל און האָט געפיהרט זיין פערד. דער שרעק פון די אינגלאַך, ווען זיי האָבען דערזעהן דעם פאָטער! ווארים פלוצלינג איז זיי קלאָהר געוואָרען, וואָס זיי האָבען געשריען, הגם ניט אין גאַנצען, נאָר דאָך, אַז זיי האָבען געטהאָן אַ מיאוס'ע אַרבייט פאַר אַן אַנדערן.

דער פאָטער האָט אַריבערגעשריען צו זיי: „וואַרט אַקאָרשט, איהר יונגאַטשעס, ביז איך וועל קומען צוריק אַהיים, דאַן וועט איהרביידע קריגען דעם קאַנטשיק." ער האָט זיך אַריינגעזעצט אין שליטען און אַ טרייב געטהאָן דאָס פערד. מיך האָט ער פערבייפאָהרענדיג בעמערקט און אַ שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ.

אַ ווײַלע זיינען די אינגלאַך געשטאַנען ווי פערשטיינערט. דאַן

האָט דער עלטערער גענומען לויפֿען, אַזוי שנעל ווי ער האָט נור געקענט. דער יונגערער נאָך איהם: „וואַרט אוים און נעהם מיך מיט! — דו הערסט, לויף ניט אַוועק, אַנטאָן!“ ער האָט אָנגעהויבען וויינען. זיי זיינען פֿערשוואונדען ערגעץ הינטער אַ האָלץ-געביידע; אָבער אַ היבשע ווילע נאָך האָב איך געהערט דאָס געוויין פֿון דעם קליינעם.

V.

ס'איז מיר געווען זעהר אומעטיג אויף'ן האַרצען און איך האָב געוואָלט גלייך אָבפאָהרען פון דאַנען. נאָר אַז איך בין אַריינגעקומען אין צימער, איז פרוי אַטלונג געזעסען אויף דער גרויסער גאָטהישער באַנק לעבען טהיר פון דעם עסס-צימער, און קוים האָט זי מיך נור דערזעהן, האָט זי זיך אָנגעשפאַרט אָן טיש, וואָס איז געשטאַנען לע־בען איהר, און געפרעגט:

„וואָס האַלט איהר פון ספענסער'ס ערציהונג? גלויבט איהר, אַז מיר קענען זי דורכפיהרען אין דער פראַקטיקע?"

כ'האָב זיך ניט געוואָלט אַריינלאָזען אין ווייטע דרכים און איך האָב דערום בלויז געזאָגט:

„אייער מאַן'ס פראַקטיקע שטימט יעדענפאַלס ניט איין מיט ספענסער'ן."

„מיין מאַן'ס פראַקטיקע? ער האָט אַבסאָלוט קיין פראַקטיקע ניט."

זי האָט דאָס געזאָגט, אַזוי ווי אַן אַנדערער וואָלט זאָגען: וואָס פאַר אַ שעהנעם ראָק איהר טראָגט עס!

„איהר מיינט, הייסט עס, אַז ער קימערט זיך ניט וועגען די קינדער?"

„אַך, אין דעם איז ער גלייך מיט דאָס רוב מענער," האָט זי געענטפערט, „זיי אַמוזירען זיך ווען ניט ווען אַמאָל מיט די קינדער, און שלאָגען זיי אויך ווען ניט ווען אַמאָל, ווען עס קומט פאָר עפעס, וואָס איז זיי צו לאַסט."

„איהר מיינט צו זאָגען, אַז ביידע, מאַן און פרוי, וואָלטען גע־דאַרפט האָבען דיזעלבע גלייבע פעראַנטוואָרטליכקייט?"

„יאָ, דאָס מיין איך יעדענפֿאַלס. די מענער האָבען אויך דאָ איינגעטהיילט, ווי עס האָט זיי גראָד געפּאַסט."

כ'האָב זיך געוואָלט אָבגעזעגענען מיט איהר. נאָר דאָס איז איהר משמעות געקומען אומגעריכט; זי האָט געפֿרעגט, צי איך וויל ניט וויינינגסטענס טרינקען פֿריהער אַ קאַפֿע. „אָבער ס'איז דאָך וואָהר," האָט זי צוגעלייגט, „איהר האָט דאָ קיינעם ניט, מיט וועמען איהר זאָלט קענען פֿערברייגגען."

זי איז ניט די ערשטע פֿערהייראַטע פֿרוי, וועלכע פֿאַלט אָן אין געהיים אויף איהר מאַן, האָב איך ביי זיך געטראַכט; און הויך האָב איך געענטפֿערט:

„פֿרוי אַטלונג, איהר האָט קיין גרונד ניט, מיר אַזוי וואָס צו זאָגען."

„דאָס האָב איך ווירקליך ניט. ענטשולדיגט."

ס'האָט אָנגעהויבען ווערן פֿינסטערליך, נאָר אויב איך האָב קיין טעות ניט געהאַט, האָט זי געהאַלטען דערביי צו וויינען.

כ'האָב זיך אַלזאָ אַנידערגעזעצט אויף דער אַנדער זייט טיש.

„איך פֿיהל, ליעבע פֿרוי אַטלונג, אַז איהר האָט אַ דרינגענדען פֿערלאַנג צו ריידען מיט אימיצען; אָבער איך בין געוויס ניט דער פּאַסענדער."

„פֿאַרוואָס ניט?" האָט זי געפֿרעגט. זי האָט זיך אָנגעשפּאַרט מיט ביידע עלענבויגענס אויף'ן טיש און אַריבערגעקוקט צו מיר.

„נו, אויב שוין ניט צוליעב וואָס פֿאַר עס איז אַנדער גרונד, איז מחמת דעם, וואָס אַזאַ געשפּרעך קען ניט אָבגע'פּטר'ט ווערן אין איין מאָל, ווייל ס'איז דאָ פֿערשיעדענעס דורכצוטראַכטען; און איך מוז דאָך נאָך היינט אָבפֿאָהרען פֿון דאַנען."

„אָבער קענט איהר דען ניט קומען נאָך אַמאָל?"

„ווינשט איהר דאָס?"

זי האָט זיך פֿערטראַכט אַ ווײַלע, דאַן האָט זי לאַנגזאַם געענטפֿערט:

„געוועהנליך האָב איך שטענדיג ניט מעהר ווי איין גרויסען וואונש אויף אַמאָל. און ביי דעם, וואָס איך האָב איצט, האָט זיך עס גראָד גוט צוגעטראָפֿען, וואָס איהר זייט געקומען!"

„וואָס פאַר אַ וואונש איז דאָס, פרוי אַטלונג?"

„ניין, דאָס קען איך אייך ניט זאָגן, סיידען איהר וועט מיר פערשפרעכען, אַז איהר וועט ווידער קומען."

„נו, טאָ פערשפרעך איך דאָס אייך."

זי האָט מיר דערלאַנגט די האַנד איבער'ן טיש.

„אַ דאַנק!" האָט זי געזאָגט.

כ'האָב זיך אַרומגערוקט מיט'ן שטוהל און גענומען איהר האַנד.

„וואָס איז דאָס אַזוינס, גנעדיגע פרוי?"

„ניין, איצט ניט," האָט זי געענטפערט, „אָבער ווען איהר וועט דאָ זיין נאָך אַמאָל. איהר מוזט מיר העלפען, אויב איהר וועט געפינען, אַז איהר דאַרפט עס טהאָן."

„נאַטירליך."

„וואָרים אין פיעל הינזיכטען דיינקט איהר דאָך ווי אַטלונג. אייך וועט ער הערען."

„מיינט איהר אַזוי?"

„מיך הערט ער יעדענפאַלס ניט."

„גיט איהר זיך מיה געהערט צו ווערן?"

„ניין, דאָס וואָלט געווען דאָס ערגסטע, וואָס איך וואָלט געקענט טהאָן. ביי אַטלונג מוז אַלעס קומען צופעליג."

„אָבער, ליעבע פרוי אַטלונג, איך האָב דאָך געזעהן, אַז איהר פיהלט זיך אין גרונד גענומען גליקליך איינער מיט'ן אַנדערן?"

„אַך גאָט, נו יאָ, מיר אַמוזירען זיך אָפט אַזוי גוט צוזאַמען."

כ'האָב געפיהלט, עפעס אַזוי ווי זי וואָלט געוואונשען, איך זאָל ניט קוקען אויף איהר, און מחמת דעם האָב איך זיך ווידער אומגע־דרעהט, אַזוי אַז איך בין ווי פריהער געזעסען אָן אַ זייט פון טיש. ס'איז געוואָרען פינסטערער.

„איהר דערמאָנט זיך דאָך אַוודאי אָן אונז פון דרעזדען?"

„יאָ."

„מיר זיינען געווען צוויי יונגע מענשען, וואָס האָבען זיך גע־שפיעלט איינער מיט'ן אַנדערן. ס'איז געווען אַזוי רייצענד, חתן־כלה צו זיין; אָבער פערהייראַט זיין, דאָס האָט דאָך נאָך געמוזט זיין אַסך רייצענדער; און אַריינקומען אין אַן אייגענע היים און פיהרען אַ

הויז, אַך, אַזוי אויסערגעוועהנליך רייצענד; היינט קינדער האָבען! — יאָ, און אַצונד זיץ איך דאָ מיט אַ בעל הבית'ישקייט, מיט וועלכער איך קען זיך ניט איספראָווען, און מיט צוויי קינדער, וואָס קיינער פון אונז ווייסט ניט ווי צו ערציהען; יעדענפאַלס איז אַטלונג'ס מיי־נונג אַזוי."

„וואָס זשע, איהר מישט זיך גאָר ניט אין דעם?"

„אין דער בעל הבית'ישקייט, מיינט איהר?"

„נו יאָ, אין דער בעל הבית'ישקייט!"

„גאָט, וואָס האָט דאָס דען געקענט נוצען? כ'האָב מייסטענ־טהיילס געקראָגען געזידעלט, ווען איך האָב עס דעמאָלט פּרובירט טהאָן."

„אָבער איהר האָט דאָך ווער עס זאָל אייך העלפען?"

„יאָ, אָט דאָס איז טאַקע דאָס אונגליק."

כ'האָב געהאַט בדעה צו פרעגען, וואָס זי מיינט דערמיט, נאָר אין דער רגע האָט זיך די טהיר פון'ם עסס־צימער לעבען אונז שטי־לערהייט געעפענט; סטינאַ האָט אַריינגעבראַכט די לאָמפען. זי איז אַריינגעקומען נאָך צוויי, דריי מאָל; אָבער דאָס גרויסע צימער איז פון די לאָמפען, וואָס זי האָט אַריינגעבראַכט, קנאַפּ וואָס ליכטיג געוואָרען. אין דער צווישען־צייט האָבען מיר גאָרנישט גערעדט.

אַז סטינאַ האָט ווידער געוואָלט אַרויסגעהן, האָט פרוי אַטלונג זיך נאָכגעפרעגט אויף די קינדער. סטינאַ האָט מיטגעטהיילט, אַז מען זוכט זיי: אויף'ן הויף זיינען זיי ניטאָ. די פרוי האָט ניט געלייגט קיין שום געוויכט דערויף, און סטינאַ איז אַרוים פון צימער.

„ווער איז סטינאַ?" האָב איך אַ פרעג געטהאָן, ווען די טהיר האָט זיך הינטער איהר צוגעמאַכט.

„אַך, זי איז אַ זעהר אונגליקליכע פערזאָן; דער פאָטער איהרער איז געוועזען אַ שכור, וועלכער פלעגט זי שלאָגען, און דאַן האָט זי געקראָגען אַ מאַן, אַ באַנק־קאַסירער, וועלכער האָט אויך אָנגעהויבען צו שכור'ן און זי צו שלאָגען. איצט איז ער שוין טויט."

„זי איז שוין לאַנג דאָ?"

„זינט אונזער ערשט קינד האָט געדאַרפט קומען אויף דער וועלט."

„אָבער דאָס איז אַ טרויעריגע געזעלשאַפֿט פֿאַר איך, גנעדיגע פֿרוי.“

„יאָ, זעהר לוסטיג איז זי ווירקליך ניט.“

„דאַן וואָלט זי געדאַרפֿט אַוועקגעהן פֿון דאַנען.“

„דאָס וואָלט געווען געגען די טראַדיציע דאָ אין הויז. אַן על־טערע פּערזאָן מוז אַכטונג געבען אויף די קינדער, און אַט די על־טערע פּערזאָן מוז לעבען און שטאַרבען אין דער פֿאַמיליע. סטינאַ איז אַ בראַווע פֿרוי.“

ווידער אַמאָל איז די, וועגען וועלכער מיר האָבען גערעדט, אַריינגעקומען שטילערהייט אין צימער; דאָס מאָל מיט דעם קאַפֿע. אייגענטליך איז געלעגען עטוואָס שווידערליכעס אין דעם, ווי דאָס דאָזיגע בלוי־גרינע פּאָרטרעט פֿון קאַרלאָ דאָלטשי האָט אַזוי אַרום־געשוועבט איבער די טעפּיכער אין׳ם גרויסען צימער און געזוכט אַ שירם פֿאַר׳ן לאָמפּ, אָקוראַט ווי עס וואָלט שוין ניט געווען דונקעל גענוג אָהן דעם. דערצו איז נאָך דער שירם געווען אַ דורכגעשטאָכענער טראַנספּאַראַנט פֿון דער פּעטערס־קירכע אין רוים.

סטינאַ איז אַרויסגעגאַנגען און פֿרוי אַטלונג האָט אָנגעגאָסען דעם קאַפֿע.

„און איהר מענער ווילט נאָך דערצו אַוועקנעהמען ביי אונז אונ־זער גלויבען אין אונשטערבליכקייט!“ האָט זי זיך אָבגערופֿען.

אויף וואָס דאָס דאָזיגע „דערצו“ האָט זיך בעצויגען, האָב איך מיר געקענט דייטען, ווי איך האָב געוואָלט. זי האָט מיר דערלאַנגט איינע פֿון די אָנגעגאָסענע טאַסען און האָט ווייטער גערעדט:

„היינט אין דער פֿריה, בעת איך בין געפֿאָהרען אויף דער אַנ־דער זייט פּאַרק צו דעם שטאַרבענדען מאַן, איז מיר איינגעפֿאַלען, אַז דער שנעע אויף די פֿערפֿרוירענע ביימער איז דאָך אייגענטליך דאָס שעהנסטע בילד פֿון דער אונשטערבליכקייטס־האָפֿנונג. וואָס קומט אַראָב אויף דער ערד, ניט וואָהר? אַזוי ריין פֿון אויבען אַראָב און אַזוי באַרמהאַרציג?“

„וואָס זשע, איהר מיינט, ער פֿאַלט פֿון הימעל, גנעדיגע פֿרוי?“

„ער פֿאַלט אַראָב אויף דער ערד.“

„דאָס איז אמת, אָבער ער קומט אויך פֿון דער ערד.“

זי האָט זיך געמאַכט, אַזוי ווי זי וואָלט ניט געהערט, נאָר האָט גערעדט ווייטער:

„איהר האָט פריהער גערעדט פון שטויב. אָבער אָט דער ווייסער, ריינער שטויב אויף די געפרוירענע צווייגען און אויף דער גראָער ערד, יאָ, דאָס איז דאָך ווי די פּאָעזיע פון דער אייביגקייט, — דוכט מיר."

און דערביי האָט זי געלייגט אַ זינגענדע בעטאָנונג אויף „מיר".

„ווער האָט זי פאָרט פערפאַסט, אָט די פּאָעזיע, גנעדיגע פרוי?"

זי האָט מיך אָנגעקוקט מיט איהרע גרעסטע אויגען, אָבער דאָס מאָל ניט פרעגענדיג; ניין, זיכער.

„אויב עס איז ניטאָ קיין אַנטפּלעקונג פון דרויסען, איז עס אַן אַנטפּלעקונג פון אינעווייניג; יעדער מענש, וואָס פיהלט אַזוי, דער האָט זי."

קיינמאָל איז זי ניט געווען שעהנער ווי איצט. אין דערזעלבער רגע האָבען מיר דערהערט אימיצען אין פּאָרצימער. זי האָט אומגעדרעהט דעם קאָפּ אַהין און זיך צוגעהערט.

„אַטלונג איז צוריקגעקומען!" האָט זי געזאָגט, איז אויפגעשטאַנען און האָט אָנגעקלונגען, כדי צו בעשטעלען נאָך אַ טאָס פאַר איהם.

ס'איז ווירקליך געווען אַטלונג; אַזוי גיך ווי ער האָט אויסגעטהאָן זיינע רייזע־קליידער, האָט ער אויפגעעפענט די טהיר גאַנץ ברייט און איז אַריינגעקומען. זיין געשעפטס־פיהרער הארטמאַן איז אונרוהיג געוואָרען און איהם געקומען אַנטקעגען. אַטלונג האָט אָבער געמאַכט מיט איהם דעם גאַנצען עסק אין מיטען וועג.

די פרעגענדע אויגען פון זיין פרוי האָבען איהם נאָכגעקוקט, בעת ער איז מיט לאַנגזאַמע טריט אַרומגעגאַנגען איבער'ן צימער. אָדער ס'איז איהר ניט געפעלען, וואָס ער האָט אונז איבערגעשלאָגען, אָדער זי האָט בעמערקט, אַז ער איז שלעכט אויפגעלייגט. אַז ער האָט גענומען די טאָס קאַפּע ביי איהר פון דער האַנד, האָט ער איהר דערצעהלט די געשיכטע מיט די אינגלאַך. ער האָט ניט אָנגערופען קיין איינס פון די ווערטער, וואָס די אינגלאַך האָבען מיט אַזאַ מין

יובעל־געשריי אַרויסגעוואָרפֿען; נאָר ער האָט געזאָגט אַזויפֿיעל, אַז זי האָט געקענט פֿערשטעהן, וואָס עס איז געווען. און בעת ער האָט געטרונקען, האָט ער דערצעהלט, אַז ער האָט זיי צוגעזאָגט דעם קאַנטשיק; „אָבער,“ האָט ער געזאָגט, „דאָ איז עפּעס אַנדערש נייטיג ווי דער קאַנטשיק.“

פּונקט ווי זי איז געשטאַנען, ווען זי האָט איהם דערלאַנגט די טאַס, אַזוי איז זי נאָך איצט געשטאַנען, ווען ער האָט אויסגעטרונקען דעם קאַפֿע און ווידער גענומען געהן אַרויף און אַראָב. שרעק איז געלעגען אויף איהר געזיכט, אין איהר האַלטונג, איהרע אויגען האָבען איהם נאָכגעקוקט דורך'ן גאַנצען צימער; זי האָט געוואַרט אויף דעם „עפּעס אַנדערש“, וואָס איז געווען מעהר ווי דער קאַנטשיק.

„איצט וויל איך דיר עס זאָגען, אַמאַליע,“ האָט עס אָבגעקלונגען הינטען פֿון צימער, „די אינגלאַך מוזען מאָרגען בייטאָג אַוועקגעשיקט ווערן פֿון דאַנען.“

זי האָט זיך לאַנגזאַם אַרונטערגעלאָזט אין דער זאָפֿאַ, אַזוי לאַנגזאַם — כ'מיין, זי האָט אַליין ניט געפֿיהלט, אַז זי האָט זיך אַנידערגעזעצט. די אויגען האָט זי נאָך אַלץ ניט אַראָבגענומען פֿון איהם. עטוואָס הילפֿלאָזערעס, אונגליקליכערעס האָב איך אין מיין לעבען ניט געזעהן.

„דו האָלטסט דאָך אַזויפֿיעל פֿון די קינדער, אַמאַליע, אַז דו קענסט פֿערשטעהן, ווי ערנסט דאָס איז? איצט זעהסט דו שוין, וואוהין עס פֿיהרט דאָס, וואָס איך האָב דיר דאָס לעצטע מאָל נאָכגעגעבען.“

אָבער ווען ער זאָל אַזוי ווייטער אָנגעהן מיט זיינע רייד, וועט ער זי דאָך טויטען! וואָס זשע, ער טהוט גאָר ניט אַ קוק אויף איהר?

צי זי האָט בעמערקט מיין מיטגעפֿיהל, צי ניט, — נאָר מיט אַמאָל האָט זי געווענדעט איהרע אויגען, איהרע הענד צו מיר . . . בעת ער האָט זיך אָבגעקעהרט פֿון אונז און איז געגאַנגען ווייטער איבער'ן צימער; אַ געבעט פֿון פֿערצווייפֿלונג איז געלעגען אין דעם דאָזיגען בליק, אין דער דאָזיגער קליינער בעוועגונג. כ'האָב גלייך אויף'ן שטעל בעגריפֿען, אַז דאָס איז איהר איינציגער וואונש; אָט דאָס איז עס געווען, ביי וואָס איך האָב איהר געזאָלט העלפֿען.

זי איז געזעסען מיט'ן קאָפּ אַראָבגעלאָזט איבער איהרע הענד און איז געבליבען זיצען אַזוי, ניט ריהרענדיג זיך פון אָרט. כ'האָב זי ניט געהערט וויינען; וואהרשיינליך האָט זי שטילערהייט, אין זיך גע־בעטען גאָט. ער איז נאָך אַלץ געגאַנגען ארויף און אראָב; ער האָט זי געזעהן; נאָר זיין גאַנג איז וואָס ווייטער געוואָרען אַלץ ענטשלאָ־סענער. ער האָט אַלץ ווייטער און האַסטיגער אַוועקגעוואָרפען פון זיך די זאַכען, וועלכע ער האָט אַלע ווילע אריינגענומען אין דער האַנד.

דאָ עפענט זיך לאַנגזאַם אויף די טהיר פון'ם עסס־צימער; ווידער אַמאָל סטינאַ. אָבער דאָס מאָל איז זי געבליבען שטעהן אויף דער שוועל, בלייכער ווי געוועהנליך. אַטלונג, וועלכער האָט זיך גראָד געהאַט פערקירעוועט צו אונזער זייט, איז געבליבען שטעהן.

„וואָס איז, סטינאַ?"

זי האָט ניט געענטפערט גלייך; זי האָט אַ קוק געטהאָן אויף דער פרוי, וועלכע האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ צו איהר.

„וואָס איז, סטינאַ?" האָט זי אויך אויסגערופען.

„די אינגלאַך," האָט סטינאַ געזאָגט און האָט ניט געקענט געהן ווייטער.

„די אינגלאַך?" האָבעןביידע ווידערהאָלט. אַטלונג איז נאָך אַלץ געשטאַנען אויף אַן אָרט; זיין פרוי האָט זיך אויפגעהויבען.

„זיי זיינען ניטאָ ניט אויף'ן הויף, ניט אין די קליינע וואוין־הייזלאַך... מיר האָבען איבעראַל געזוכט; — אויך ביי די פאַב־ריקען."

„וואו האָט איהר זיי צולעצט געזעהן?" האָט אַטלונג אין איין אָטהעם געפרעגט.

„דאָס מילך־מיידעל זאָגט, אַז זי האָט זיי געזעהן לויפענדיג מיט אַ נעוויין צום פאַרק, דאַן ווען איהר האָט זיי געסטראַשעט מיט'ן קאַנטשיק."

„דער פיש־טייך!" האָט זיך מיר אַרויסגעריסען פון מויל, נאָך איידער איך האָב זיך געקענט בערעכענען וואָס איך זאָג, און די ווירקונג אויף מיר אַליין און אויף אַלע אַנדערע איז געוועזען אַזוי, אָקו־ראַט ווי עפּעס וואָלט געפלאַצט צווישען אונז.

„סטינאַ!" האָט אַטלונג אַ געשריי געטהאָן; ס'איז ניט געווען קיין פאָרוואורף, ניין, ס'איז געווען אַ געשריי פון ווייטאָג, דאָס שמערצליכסטע, וואָס איך האָב ווען עס איז געהערט! און דערמיט איז ער אַרויסגעלאָפען אויף דרויסען. פרוי אַטלונג איז איהם נאָכגע־לאָפען, רופענדיג זיין נאָמען.

„געהמט לאַמטערנעס!" האָב איך געזאָגט צו די לייט, וואָס איך האָב בעמערקט אין עסס-צימער הינטער סטינאַ'ן. איך בין אַרויס, האָב גענומען מיין אויבער־ראָק, זיך אומגעקעהרט צוריק און געפונען סטינאַ'ן, וועלכע האָט זיך מיט צונויפגעלייגטע הענד אַרומגעדרעהט אין אַ קרייז אַרום זיך אַליין.

„אָבער קומט אַקאָרשט און וויזט מיר, וואו עס איז," האָב איך איהר געזאָגט.

אָהן אַן ענטפער, און פיליכט אויך ניט וויסענדיג וואָס זי טהוט, האָט זי אַצונד געענדערט איהר גאַנג; און אָנשטאָט אין אַ קרייז אַרום זיך איז זי געלאָפען גלייך אַרויס, נאָך אַלץ מיט צונויפגעלייגטע הענד און בעטענדיג הויך אויף'ן קול: „פאָטער אין הימעל אום יעזוס ווילען! פאָטער אין הימעל אום יעזוס ווילען!" ריהרענד, מעכטיג, און דערביי איז זי געבליבען, גאָר אָהן אַן אויפהער, איבער'ן הויף, פערביי די הייזער, דורך'ן גאָרטען ביז אין פאַרק אַריין.

ס'איז ניט געווען שטאַרק קאַלט, ס'האָט געשנייט. ווי אין חלום בין איך נאָכגעגאַנגען דעם לאַנגען, דונקעלען שאָטען מיט דער גע־בעט-כוואַליע הינטער זיך דורך'ן שנעע-נעבעל אונטער די הויכע, אָנגעלאָדענע בוימער. כ'האָב זיך געטראַכט ביי זיך: צוויי קליינע אינגלאַך האָבען טאַקע געקענט געהן צום פיש-טייך, כדי דאָרט צו זוכען גאָט און די מלאכ'ים און די נייע קליידער; אָבער אַריינשפרינ-גען אין לאָך, אויב ס'איז געווען איינס, און דאָס נאָך צוויי צוזאַמען... אונמעגליך, אונזאַטירליך, דום! ווי האָב איך פאָרט געקענט קומען דערצו, אַזוי וואָס צו דיינקען אָדער אָנצודייטען? אָבער יעדע פער־נינפטיגע זאַך, וואָס מען זאָגט זיך אין אַזעלכע אויגענבליקען, נוצט גאָרנישט; דאָס ערגסטע און דאָס, וואָס דאַרף גאָר אייגענטליך אויף'ן זינען ניט אַרויפקומען, בעהערשט דאָך אונזער געדאַנק; און דאָס דאָזיגע „פאָטער אין הימעל אום יעזוס ווילען... פאָטער אין הימעל

אום יעזוס ווילען" האָט מיר אויף אַ שווידערליכען אופן געקלונגען אין די אויערן און האָט אויך אין מיר אַרויסגערופֿען אַ שטענדיג נייעם פּחד.

אויב זיי זיינען איבערהויפּט ניט געגאַנגען לעבען פֿיש־טייך, אָדער אויב זיי זיינען דאָרט געווען און האָבען קיין מוטה ניט גע־האַט אַריינצושפּרינגען אין וואַסער, האָבען זיי דאָך אָבער געקענט פֿערבלאָנדזשען ערגעץ אַנדערש. האַנז'ס פֿאָטער האָט היינט נאָכמי־טאָג געזאָלט קריגען פֿליגלען; — צי ליגען זיי ניט אַקאָרשט ערגעץ אונטער אַ בוים אין מורא'דיגער אַנגסט און וואַרטען אויף דערויף? אין אַזאַ פֿאַל וועלען זיי דאָך פֿערפֿרוירען ווערן צום טויט. און איך האָב געזעהן די צוויי אָרעמע, קליינע, פֿערפֿרוירענע אינגלאַך, וועלכע האָבען ניט געסמייעט צו געהן אַהיים, דער יונגערער וויינענדיג, דער גרעסערער ענדליך אויך וויינענדיג; מיר האָט זיך בוכשטעבליך אָב־געדוכט, עפּעס אַזוי ווי איך וואָלט זיי געהערט . . .

„שטיל!" האָב איך פּלוצלינג אויסגערופֿען . . .

„וואָס איז דאָס געווען?" האָט סטינאַ געפֿרעגט און האָט זיך מיט אַ פּלעצליכער האָפֿנונג אומגעדרעהט צו מיר. „וואָס זשע, איהר הערט זיי?"

אַ ווײלע זיינען מיר ביידע געשטאַנען שטיל. אָבער ס'איז קיין זאַך ניט געווען צו הערען אויסער מיין אייגענעם סאָפּען, ווען איך האָב שוין מעהר ניט געקענט איינהאַלטען דעם אָטהעם. ס'איז אויך גאָרנישט געווען צו זעהן, וואָס זאָל זיין עהנליך צו צוויי קליינע צו־נויפֿגעקאָרטשעטע מענשען.

כ'האָב איהר געזאָגט, וואָס איך האָב נור וואָס געטראַכט, און צוקומענדיג צו מיר מיט צונויפֿגעלייגטע הענד, האָט זי גע־שעפּטשעט:

„בעט גאָט מיט מיר! אַך, בעט גאָט מיט מיר!"

„וואָס זאָל איך בעטען? אַז די קינדער זאָלען איצט שטאַרבען און זאָלען אַרויפֿגעהן אין הימעל און ווערן מלאכים?"

זי האָט מיך אָנגעקוקט מיט שרעק, האָט אָבגעקעהרט איהר געזיכט פֿון מיר און גענומען געהן פֿאָראויס ווי פֿריהער; אַצונד אָבער אָהן אַ וואָרט אויסצורײדען.

מיר זיינען געגאַנגען איבער אַ פֿוס־וועג דורך׳ן וואַלד; ער האָט געפֿיהרט צום פֿיש־טייך; אָבער מיר האָבען געמוזט דורכגעהן מעהר ווי אַ העלפֿט פּאַרק, כדי צוצוקומען צו איהם. דאָ איז געלאָפֿען אַ טייכעל דורך אַ קאַנאַל, און מען האָט געמאַכט אַ וואַסער־וואַנד. מיר האָבען געמוזט געהן פֿון׳ם פֿוס־וועג אַרויף, כדי צו דערגרייכען דעם ראַנד פֿון טייך. סטינאַ איז כסדר געגאַנגען פֿאָראויס, און אַז זי איז אָנגעקומען אויף׳ן אָרט און האָט דערזעהן דעם טייך און די ביידע עלטערן אויף איהם, איז זי געפֿאַלען אויף די קניע און האָט זיך פֿאַנאַנדערגעשלוכצט און געבעטען צו גאָט. אַצונד האָב איך געקראָגען גרויס מיטלייד מיט איהר.

אַז איך בין אויך צוגעקומען אַהין און האָב דערזעהן די עלטערן, בין איך געוואָרען זעהר געריהרט. אין דערזעלבער רגע האָב איך דערהערט שטימען הינטער מיר אין וואַלד. דאָס זיינען געווען די לייט, וועלכע זיינען געקומען מיט די לאַמטערנעס. דאָס שוועבענדע, האַלב־פֿערלאָשענע ליכט, וואָס די פֿייער לאַמטערנעס האָבען געוואָרפֿען אויף די מענשען, אויף דעם שנעע, אויף דעם אונטערשטען טהייל פֿון די בוימער, און דער שאָטען, וואָס איז געפֿאַלען אויף עטליכע פֿון די לייט און אויף איינצעלנע בוימער און נאָהענטע ערטער, האָבען זיך איינגעקריצט אין מיין זכרון אויף אַלע צייטען אינאיינעם מיט די ווערטער, וואָס זיינען אַריבערגעקומען צו מיר פֿון טייך: „דאָ אין טייך איז ניטאָ קיין לאָך!“ אַטלונג׳ס שטימע; זי האָט געציטערט פֿאַר אויפֿרעגונג. כ׳האָב זיך אומגעקוקט און דערזעהן זיין פֿרוי אויף זיין האַלז. סטינאַ איז אויפֿגעשפּרונגען מיט אַ געשריי, וועלכער האָט זיך געענדיגט מיט אַ לאַנגען, אָבער שטילען: „געלויבט און געדאַנקט איז גאָט!“ אָבער די ביידע אויף׳ן טייך האָבען זיך ניט אָבגעלאָזט איינער דעם אַנדערן! איך בין צוגעגאַנגען צו זיי; נאָך איז זי געהאַנגען אויף זיין האַלז; און ער האָט זיך אָנגעבויגען איבער איהר. מיט עהרפֿורכט בין איך געבליבען שטעהן אַביסעל וויַיט פֿון זיי; זיי האָבען עפּעס געשעפּטשעט צווישען זיך. די ליכט אויבען ביים טייך זיינען געווען דאָס ערשטע, וואָס האָט זיי ווידער געבראַכט צו זיך.

„אָבער וואָס טהוט מען אַצונד? וואו וועלען מיר זוכען?“ האָט אַטלונג געפֿרעגט. איך בין צוגעגאַנגען נעהענטער. איצט האָב איך

געזאָגט די עלטערן, הגם שווינענדער, דאָס וואָס איך האָב פריהער געזאָגט סטינאַ׳ן, אַז זיי ליגען פּילייכט ערגעץ-וואו אונטער אַ בוים אין מורא׳דיגער אַנגסט און וואַרטען אויף באַרמהאַרציגע מלאכים; ס׳איז אַלזאָ פאַרהאַן אַ געפאַהר, אַז זיי זאָלען זיך שוין ניט האָבען צוגעקיהלט און קראַנק געוואָרען.

נאָך איידער איך האָב אין גאַנצען אָבגערעדט, האָט אַטלונג אַרויפגעשריען צו די לייט אויבען אויף דער וואַסער-וואַנד: „זיינען די אינגלאַך געגאַנגען אין רעק, בעת איהר האָט זיי צולעצט געזעהן?" — „ניין," האָבען צוויי געענטפערט. ער האָט געפרעגט, צי זיינען זיי געגאַנגען אָנגעטהאָן אין מיצען? און מכח דעם איז מען ניט געוועזן איינינ. איך האָב בעהויפּט, אַז זיי האָבען געהאַט מיצען אויף די קעפ; אָן אַנדערער האָט געזאָגט ניין. אַטלונג אַליין האָט זיך ניט געקענט דערמאָנען אויף ריכטיג. ענדליך האָט מען געגלויבט, אַז דער עלטע־רער האָט געהאַט זיין מיץ, נאָר דער יונגערער ניט. „אַך, מיין קליינער סטאָרם!" האָט די מוטער געקלאָגט. צווישען די לייט אויבען אויף דער וואַסער־וואַנד זיינען געוועזן עטליכע, וועלכע האָבען געוויינט אַזוי הויך, אַז מיר האָבען עס געהערט ביז אַראָב. כ׳מיין, אַז עס זיינען דאָרט געשטאַנען אַן ערך צוואַנציג מענשען אַרום די לאַמטערנעס.

אַטלונג האָט אַרויפגערופען:

„מיר מוזען דורכזוכען דעם גאַנצען פאַרק; מיט די וואָון-הייז־לאַך וועלען מיר אָנפאַנגען."

און ער איז אַריבערגעגאַנגען אויף דער אַנדערער זייט, האָט זיך אַרויפגעדראַפעט און אַרויפגענומען זיין פרוי.

דאָ איז זיי סטינאַ אַנטקעגען געקומען: „פרוי אַטלונג, פרוי אַטלונג!" האָט זי מיט אַ יאָמערליכער שטימע געשעפּטשעט. אָבער קיינער פון זיי ביידען האָט זיך ניט אומגעקומט אויף איהר.

כ׳האָב אַרונטערגעקוקט אין קאַנאַל אונטער אונז. שנעע-בעדעקטע בוימער, אַז מען בעטראַכט זיי פון אויבען, זעהען אויס ווי אַ פער־שטיינערטער וואַלד.

„ליעבער אַטלונג, ווילסט דו ניט רופען?" האָט זיך זיין פרוי געבעטען.

ער האָט אַ טראָט געטהאָן פאָראויס, ס׳איז געוואָרען שטיל. און דאַן האָט ער לאַנגזאַם אויסגערופען איבער׳ן וואַלד:

„אַנטאָן און ליעבער קליינער סטאָרם! קומט צוריק אַהיים צום טאַטען און צו דער מאַמע'ן! דער טאַטע איז שוין ניט בייז!"

איז דאָס געווען מחמת דעם וואָס די לופט האָט זיך מיט אַמאָל גענומען בעוועגען, אָדער איז גראָד איצט אַראָבגעפאַלען דער לעצטער שנעע־אַטאָם, וואָס האָט געמוזט צווינגען אַ שווער אָנגעלאָדענעם צווייג נאָכצוגעבען, אָדער אפשר איז גאָר אימיצער צוגעקומען צו נאָהענט צו אַזאַ מין צווייג, — יערענפאַלס, אַטלונג האָט אַלס ענט־פער געקראָגען אַ שנעע־פאַל פון אַ גרויסען צווייג לעבען איהם. ס'האָט זיך דערהערט אַ קראַך, וואָס האָט אָבגעקלונגען איבער'ן וואַלד, דער צווייג האָט זיך פונאַנדערגעשאָקעלט און זיך ענדליך אויפגעהויבען אין דער הויך, און מיר אַלע זיינען איינגעהילט געוואָרען אין שנעע־דאַמפף. אָבער דורך דער צוטרייסלונג האָבען אויך אַלע אַנדערע צווייגען אַראָבגעוואָרפען די שנעע־משא פון זיך; מיר זיינען געווען איינגעהילט אין גערויש און אין דאַמפף, און נאָך איידער מיר האָבען געוואוסט ווי אַזוי, האָט אויך דער צווייטער בוים אַרונטער־געוואָ־פען דעם גאַנצען שנעע פון אַלע זיינע צווייגען. דער לופט־דרוק דערפון איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז נאָך צוויי, דאַן פינף, זעקס, צעהן, צוואַנציג בוימער האָבען אַלע אַראָבגעוואָרפען זייערע שווערע לאַסטען, אונטער אַ מורא'דיגען גערויש און ווידער־קלאַנג איבער'ן גאַנצען וואַלד און מיט אַ דאַמפף אַזוי ווי פון שנעע לאווינען. גלייך נאָכדעם איז געקומען אַן אַנדער גרופע פון בוימער, דאַן נאָך איינע, דאַן אַסך, אַסך אַנדערע לעבען אונז און ווייט פון אונז, — דער וואַלד האָט געציטערט. ס'האָט געקראַכט און געדונערט אין דער וויי־טען און לעבען אונז, מיט אונטערברעכונגען און מיט אַמאָל, אָהן אויפהער. פאַר אונז איז אַלעס געשטאַנען אין ווייסען דאַמפף; דער מורא'דיגער, רוישענדער צוג דורך'ן וואַלד האָט אונז תחילת דער־שראָקען, נאָר בילאַכוויז, ווען ער איז אַוועק פון אונז, איז עס געוואָרען אַזוי גרויסאַרטיג, אַז מיר האָבען אַלעס אַנדערע פערגעסען.

די בוימער זיינען ווידער געשטאַנען מיט די קעפ אין דער הויך, פריי און שוואַרץ־גרין; מיר אַליין האָבען אויסגעזעהן ווי שנעע־מענער. אַלע לאַמטערנעס זיינען פערלאָשען געוואָרען; מיר האָבען זיי ווידער אָנגעצונדען און אָבגעשאָקעלט דעם שנעע פון זיך. מיט אַמאָל האָבען

מיר דערהערט אַ קלאָג: „אַך, ווען די אָרעמע קליינע ליגען בעגראָ־בען אונטער'ן שנעע!" ס'איז געווען די מוטער, וועלכע האָט עס געזאָגט. עטליכע האָבען גלייך פֿערזיכערט, אַז דער שנעע קען זיי גאָר־נישט שאַדען; העכסטענס קען ער זיי פֿיליכט פֿאַר אַ קורצע ווײַלע צודריקען, אָבער זיי וועלען זיך ווי עס איז אַרויסאַרבייטען פֿון אונטער איהם. איינער האָט געזאָגט, אַז זיי וועלען גאָר אָהן צווייפֿעל שרייען, אַזוי גיך ווי זיי וועלען זיך האָבען אַרויסגעאַרבייט פֿון אונטער דעם שנעע. דאָ האָט אַטלונג אַ געשריי געטהאָן: „שטיל!" מיר זיינען געשטאַנען איבער אַ מינוט און זיך צוגעהערט; אָבער מיר האָבען גאָרנישט געהערט, אַחוץ דעם נאָך־געריוש פֿון אַן איינצעלנעם שטיק שנעע, וואָס איז ערשט איצט אַרונטערגעפֿאַלען.

פֿילייכט זיינען אָבער די קינדער ערגעץ־וואו ביים ראַנד פֿון וואַלד? אויף אַזאַ'ן אופן האָבען מיר זיי ניט געקענט הערען גוט דאָ, וואו מיר זיינען איצט געשטאַנען; וואָרים אויף ביידע זייטען זיינען דאָך די ראַנדען פֿון דעם קאַנאַל געווען העכער, איידער די וואַסער־וואַנד, אויף וועלכער מיר זיינען געשטאַנען.

„יאָ, לאָמיר זיי געהן זוכען!" האָט אַטלונג מיט אַ טרויעריגען טאָן געזאָגט; ער איז פֿונדעסטוועגען נאָך אַמאָל צוגעגאַנגען צום ברעג וואַנד, און אַזוי ווי מיר האָבען שוין געהאַט אָנגעפֿאַנגען אַרונ־טערצוגעהן, האָט ער אונז געבעטען צו בלייבען שטעהן אַ ווײַלע און ער האָט ווידער אַמאָל אויסגערופֿען:

„אַנטאָן און ליעבער קליינער סטאָרם! קומט צוריק אַהיים צום טאַטען און צו דער מאַמען! דער טאַטע איז שוין ניט בייז!"

ס'האָט אַזוי וועה געטהאָן צו הערען. קיין ענטפֿער; מיר זיינען געשטאַנען אַ היבשע ווײַלע. קיין ענטפֿער.

טרויעריג איז ער צוריקגעקומען און איז מיט אונז אַרונטער אויף דעם פֿוס־וועג; די פֿרוי האָט גענומען זיין אָרם.

VI.

מיר זיינען צוגעקומען צו דעם סאַמע לעצטען טהייל פֿון וואַלד און דאָרט האָבען מיר זיך פֿונאַנדערגעטהיילט אויף אַזוי ווייט איינע פֿון די אַנדערע, אַז מיר האָבען בלויז געקענט זעהן זיך אַליין און דאָס, וואָס איז געלעגען צווישען אונז. מיר זיינען געגאַנגען אַרויף וואַלד, גענומען די נעכסטע שטרעקע און זיך אַרונטערגעלאָזט צוריק, נאָך לאַנגזאַם; וואָרים דער גאַנצער שנעע פֿון די ביימער איז אַצונד געלעגען אויף דעם אַלטען שנעע אויף דער ערד; אויף עטליכע פּלע-צער איז ער געווען אַזוי האַרט-געפּאַקט, אַז ער האָט אונז געטראָגען, אויף אַנדערע ערטער האָבען מיר געבראָדשעט ביז די קניע. אַז מיר זיינען זיך דאָס נעכסטע מאָל ווידער צונויפֿגעקומען, כדי זיך ווידער פֿונאַנדערצוטהיילען, האָב איך געפֿרעגט, צי עס קען רען מעגליך זיין, אַז צוויי קליינע אינגלאַך זאָלען אויסהאַלטען אין וואַלד, נאָכדעם ווי ס'איז פֿינסטער געוואָרען. אָבער אין דעם האָבען מיר אַלע ווידער-שפּראָכען. זיי זיינען צוגעוואוינט אַרומצולויפֿען דעם גאַנצען טאָג און זאָגאַר ביינאַכט אין וואַלד! זיי האָבען געהאַט אַנדערע אינגלאַך, וועלכע האָבען פֿאַר זיי געבויט שנעע-מענער און פֿעסטונגען און שנעע-הייזער, אין וועלכע זיי פֿלעגען אָפֿט זיצען מיט ליכט.

דורך דעם זיינען די געדאַנקען אָבגעקעהרט געוואָרען אויף אָט די אַלע פֿערשיעדענע שנעע-געביידען און אויף דער מעגליכקייט, אַז זיי האָבען זיך אפשר אויסגעזוכט אַזאַ מין שנעע-הייזעל און זיי בע-האַלטען זיך דאָרט. אָבער קיינער האָט ניט געוואוסט, וואו זיי האָבען געקענט קריגען אַזוי וואָס אין דעם דאָזיגען יאָהר, מחמת דער שנעע איז ערשט ניט לאַנג אויסגעפֿאַלען. אויסערדעם פֿלעגען די קינדער

ניט בויען אימער אויף איין אָרט. מיר האָבען אַלזאָ ווייטער געמוזט זוכען.

ס'האָט זיך געמאַכט, אַז סטינאַ איז געגאַנגען לעבען מיר, און אַז מיר זיינען ביידע געווען ביים קאַנאַל, וועלכער האָט זיך פלעצער-ווייז אַריינגעבויגען און געדרעהט אין פֿערשיעדענע זייטען, זיינען מיר צוגעקומען גאַנץ נאָהענט איינס צום אַנדערן און מיר האָבען ניט געהאַט קיין שטרעקע צו זוכען. מען האָט געקענט זעהן דייטליך אויף איהר, אַז זי איז גאָר אַנדערש אויפגעלייגט, אַסך פֿרעהליכער. האָב איך איהר געפֿרעגט, פֿאַרוואָס.

„אַך," האָט זי געענטפֿערט, „גאָט האָט אַזוי דייטליך צו מיר גערעדט. איצט וועלען מיר געפֿינען די קינדער! אַצונד ווייס איך, פֿאַרוואָס אָט דאָס אַלעס איז געשעהן! אַך, כ'ווייס עס אַזוי דייטליך!"

איהרע מאַדאָנען-אויגען האָבען געלויכטען פֿאַר לויטער גליק, איהר פּנים, בלייך געזיכט איז געווען הוילע בעגייסטערונג.

„וואָס איז עס פֿאָרט, סטינאַ?"

„איהר זייט פֿריהער געווען אַזוי שטריינג צו מיר. אָבער איך פֿערצייה אייך. אָה, גאָט מיין גאָט! האָב איך אַליין דען ניט געזינ-דיגט? האָב איך ניט געצווייפֿעלט אין גאָט? האָב איך זיך דען ניט געקלאָגט אויף איהם? אָה, זיינע וועגען זיינען וואונדערבאַר! איך זעה עס אַזוי דייטליך!"

„אָבער וואָס מיינט איהר דערמיט?"

„וואָס איך מיין? די גנעדיגע פֿרוי האָט אין פֿערלויף פֿון'ם לעצטען האַלבען יאָהר בלויז פֿאַר א י י ן זאַך גאָט געבעטען. יאָ, דאָס איז שוין איהר טבע אַזוי. דאָס האָט זי פֿון איהר פֿאָטער געלערענט. נור פֿאַר איין איינציגער זאַך האָט זי גאָט געבעטען, און מיר האָבען איהר געהאָלפֿען. דערפֿאַר, אַז די קינדער זאָלען ניט אָבגעשיידט ווערן פֿון איהר; אַטלונג האָט געסטראַשעט דערמיט. וואָלט דאָס היינט אָבענד ניט געקומען, דאַן וואָלט עס פֿילייכט דאָך געשעהן; אָבער גאָט האָט איהר געבעט דערהערט! פֿילייכט בין איך אויך געווען אַ װערקצייג ביי איהם אין דער האַנד; ס'איז גאַנץ מעגליך. און דער טויט פֿון'ם קליינעם האַנז . . . יאָ, זיכער אויך דער טויט פֿון'ם קליינעם

האַנז! ווען די ביידע ליעבע, קליינע נשמה'לאַך זיצען אַצונד ערגעץ־וואו און פֿרירען און וואַרטען אויף די מלאכים, אָה די ליעבע, ליעבע קינדער, טאָ האָבען זיי דאָך די מלאכים ביי זיך! איהר צווייפֿעלט? ניין, צווייפֿעלט ניט! אויב די אינגלאַך וועלען אַלזאָ קראַנק ווערן, און זיי וועלען גאַנץ געווים קראַנק ווערן, יאָ, דאַן איז עס דאָך זייער גליק! וואָרים אַז פֿאָטער און מוטער וועלען צוזאַמען זיצען ביי זייער קראַנקען-בעט, אַה, דאַן וועט מען זיי שוין דערנאָך ניט אַוועקשיקען, קיינמאָל, ניין קיינמאָל ניט מעהר! דאַן וועט אַטלונג איינזעהן, אַז דאָס קען זיי טויטען. אָה, ער זעהט עס שוין היינט אָבענד איין. יאָ, ער זעהט עס זיכער איין. ער האָט עס איהר איצט שוין גאַנץ הייליג פֿערשפּראָכען. וואָרים נאָר וואָס האָט זי מיך אָנגעקוקט אַזוי האַרציג, אַזוי האַרציג, און מיט אַ ווײַלע צוריק האָט זי עס ניט געטהאָן. מיר האָט זיך געדוכט, עפּעס אַזוי ווי זי וואָלט מיר געהאַט וואָס צו זאָגען — און וואָס קען דאָס אין איהר אַנגסט זיין, אויב ניט דאָס? זי האָט גאָט'ס וועגען אויסגעפֿונען, אויך זי גאָט'ס וואונדערליכע וועגען! זי לויבט און דאַנקט איהם ווי איך, — יאָ, געלויבט איז גאָט אום יעזוס ווילען אין אייביגקייט!" זי האָט גערעדט שעפּטשענדיג, נאָר זיכער און האַרציג; די לעצטע ווערטער אָדער דעם לויב צו גאָט האָט זי געזאָגט מיט אַן איינגעבויגענעם קאָפּ, מיט צונויפֿגעלייגטע הענד און שטיל ווי צו איהר אייגענער ברוסט.

מיר זיינען זיך פֿונאַנדערגעגאַנגען און דאַן צוריק צוזאַמענגעקומען דאָרט, וואו דער קאַנאַל האָט אונז צונויפֿגעבראַכט און מיר פֿון אונזער זייט האָבען ניט געהאַט מעהר וואָס צו זוכען.

„איבער איין זאַך פֿעהלט מיר נאָך אַן ערקלערונג," האָב איך איהר שטילערהייט געזאָגט. „אויב אַלעס, וואָס האָט פּאַסירט זינט דעם יאָמערליכען טויט פֿון'ם קליינעם האַנז, איז געשעהן בלויז, כדי אַטלונג'ס אינגלאַך זאָלען בלייבען ביי דער מוטער, — דאַן מוז דאָך דער גרויסער שנעע־פֿאַל, וואָס מיר האָבען נור וואָס געזעהן און געהערט, אויך האָבען וואָס עס איז צו בעדייטען דערביי. אָבער איך קען ניט איינזעהן, ווי אַזוי?"

„דאָס? דאָס איז דאָך געווען ניט מעהר ווי אַ נאַטור-ערשיינונג, אַ ריינער צופֿאַל."

„וואָס זשע, ס'איז דען פֿאַרהאַן אַזוינס ווי צופֿאַל?"

„יאָ," האָט זי געענטפֿערט. „און ער קומט אָפֿט. נאָר דאָ קען איך ניט זעהן ווי אַזוי. ס'איז שוין אַ גרויסער חסד פֿון גאָט, אַז איך קען זעהן דאָס, וואָס איך זעה. פֿאַרוואָס זאָל איך נאָך פֿערלאַנגען מעהר?"

מיר האָבען זיך אומגעקוקט אין אַלע זייטען; אָבער מיר האָבען געפֿיהלט, אַז די אינגלאַך זיינען ניטאָ דאָ ביי דעם קאַנאַל. דאָס, וואָס איך האָב נור וואָס געזאָגט, האָט נאָך אַלץ בעשעפֿטיגט סטינאַ'ן און האָט איהר ניט געקענט אַרויס פֿון זינען.

„וואָס האָט איהר געמיינט מיט דעם שנעע-פֿאַל?" האָט זי געפֿרעגט שטילערהייט, בעת מיר האָבען זיך ווידער צונויפֿגעטראָפֿען.

„דאָס וויל איך אייך דאָ דערצעהלען. אַ ווײַלע, איידער מיר זיינען אַרויס אין פּאַרק, האָט מיר פֿרוי אַטלונג געזאָגט, אַז די אונ-שטערבליכקייטס-האָפֿנונגען פֿאַלען אַראָב פֿון הימעל אויף אונזער לעבען פּונקט אַזוי שטיל, ווייס און ווייך, ווי דער שנעע אויף די נאַ-קעטע ערד . . ."

„אַה, ווי שעהן!" האָט סטינאַ אויסגערופֿען . . .

„און דאָ האָב איך זיך געטראַכט, ווען דער מורא'דיגער גערוויש איז געקומען, ווען דער וואַלד האָט אויפֿגעציטערט און דער שנעע איז מיט דונערן אַראָבגעפֿאַלען פֿון די ביימער, — יאָ, ווערט אַקאָרשט ניט אין כעס! — דאָ האָב איך געטראַכט ביי זיך, אַזוי זיינען אויך אָבגעפֿאַלען די אונשטערבליכקייטס-האָפֿנונגען פֿון פֿרוי אַטלונג און פֿון אייך און פֿון אונז אַלעמען אין דעם גרויסען שרעק פֿאַר דאָס לעבען פֿון די אינגלאַך. מיר זיינען אַרומגעלאָפֿען, מיר האָבען געיאָמערט און געוויינט, און אַ טהייל פֿון אונז זיינען זאָגאַר געוועזען פֿול מיט צאָרן דעריבער, וואָס די קינדער געפֿינען זיך פֿילייכט איצט ביים ראַנד פֿון דער אייביגקייט."

„אָה גאָט, יאָ!"

„אָבער נו האָבען מיר די אונשטערבליכקייטס-האָפֿנונגען זינט פֿיעל טויזענד יאָהרען פֿאַר אונז; — זיי זיינען אַסך, אַסך עלטער ווי דאָס קריסטענטהום —; און אַזוי וויניג האָבען מיר זיך צו זיי צוגעוואוינט!"

„אָה, איהר זייט געדעכט! איהר זייט טוויזענד מאָל געדעכט! ווי וואָהר דאָס איז!" האָט זי געזאָגט און איז געגאַנגען פערטראַכ־טערהייט ווייטער.

„איהר האָט פריהער געזאָגט, אַז איך בין געווען שטרייננ צו אייך. און דאָך האָב איך, דוכט זיך, קיין אַנדער זאַך ניט געטהאָן, נאָר אייך דערמאָנט אָן די אונשטערבליכקייטס האָפנונגען, וואָס איהר האָט מיט די אינגלאַך געלערנט . . ."

„אָה, דאָס איז אמת, אמת; פערצייהט מיר! אַך, יעדענפאַלס . . ."

„וואָרים איהר האָט געלערנט מיט די קינדער, אַז עס איז פיעל, פיעל בעסער צו זיין ביים ליעבען גאָט, איידער דאָ; אַז עס איז דאָס העכסטע, וואָס אַ קליין קינד קען דערגרייכען: קריגען פליגלען און ווערן אַ מלאך, יאָ, אַז די מלאכים אַליין קומען און נעהמען צו די אונגליקליכע קינדער צו זיך . . ."

„אַך ניין, ניט ווייטער!" האָט זי געיאָמערט און זיך צוגעהאַלטען די אויערן מיט ביידע הענד.

„אָה, ווי אונבערעכענט איך בין דאָס געווען!" האָט זי אין אַ ווילע אַרום צוגעלייגט.

„וואָס זשע, איהר גלויבט דען ניט אין דעם?"

„צי איך גלויב אין דעם! אָט די געדאַנקען זיינען צייטענווייז דער איינציגער טרייסט פון מיין לעבען געווען. אָבער איך מיין, איהר האָט מיך גאָר אין גאַנצען צוטומעלט."

און דאַן האָט זי מיר מיט אַ ריהרענדען טאָן דערצעהלט, אַז דער קאָפּ איז איהר שוין ניט אַזוי שטאַרק ווי פריהער; זי האָט צו־פיעל געוויינט און געליטען; נאָר די האָפנונג אויף אַ בעסער לעבען נאָך דעם ראָזיגען דאָ אויף דער וועלט איז אָפט איהר איינציגער טרייסט.

פון צייט צו צייט האָבען מיר געהערט אַטלונג'ס מעלאַנכאָלישען רוף, אימער מיט דיזעלבע ווערטער, און איצט נור וואָס אויך. מיט איין קלאַפּ זיינען מיר צוריק אַריינגעבראַכט געוואָרען אין דער שרעק־ליכער ווירקליכקייט, אַז די אינגלאַך זיינען נאָך ניט געפונען געוואָרען; און וואָס מעהר צייט ס'איז אַוועק, אַלץ זיכערער איז געווען, אַז זיי וועלען מוזען אָבקומען מיט אַ קראַנקהייט דערפאַר. ס'האָט נאָך אַלץ

געשנייט, אַזוי אַז ניט קוקענדיג אויף דעם שיין פֿון דער לבנה, זיינען מיר דאָך געגאַנגען אין אַ נעבעל.

מיט אַמאָל האָט אָבגעקלונגען אַ רוף דורך׳ן וואַלד און דעם שנעע־נעבעל, אַן אַנדער רוף ווי פֿון אַטלונג׳ס שטימע, און פֿון אַן אַנדער סאָרט. כ׳האָב ניט געקענט הערען אויף ריכטיג, וואָס דאָרט איז געזאָגט געוואָרען; אָבער אַצונד האָט אָבגעקלונגען אַ נייער רוף פֿון ווידער אַן אַנדער שטימע, דערנאָך פֿון אַ דריטער, און די לעצטע האָט געקלונגען קלאָהר: „איך הער, ווי זיי וויינען!" דאָס האָט אַ פֿרוי אויסגערופֿען. כ׳האָב גענומען לויפֿען פֿאָרווערטס, די אַנדערע אין פֿראָנט און הינטער מיר, אַלע צו דער ריכטונג, פֿון וואַנען די קולות האָבען זיך געהערט. פֿון׳ם בראָדושען אין׳ם שווערען שנעע זיינען מיר מיעד געוואָרען; אָבער איצט זיינען מיר געלאָפֿען אַזוי לייכט, גלייך מיר וואָלטען געהאַט אַ פֿעסטען באָדען אונטער אונזערע פֿיס. דאָס ליכט פֿון די לאַמטערנעס האָט געשפּרונגען צווישען אונז און איבער אונז, האָט געלויכטען און געבלענדעט, קיינער האָט ניט גערעדט, מען האָט בלויז געהערט די אָטהעם־ציגע. „הערט!" האָט אַ געשריי געטהאָן אַ יונג מיידעל און איז שטעהן געבליבען, און אַלע מיט איהר; וואָרים מיר האָבען געהערט, ווי די צוויי קליינע אינגלאַך יאָמערן, יענעם האַרצרייסענדע געוויין, וואָס קינדער האָבען, ווען זיי האָבען לאַנג, לאַנג אומזיסט געוויינט, און ענדליך דערבאַרעמט מען זיך אויף זיי און מען קומט זיי צו הילף.

„אָה, דו מיין גאָט און האַר אין הימעל!" האָט זיך אָבגערופֿען אַן עלטערער מאַן; ער האָט געוואוסט, וואָס אַזאַ געוויין בעדייט.

מיר האָבען געקענט דערקענען, אַז די אינגלאַך זיינען שוין ניט געוועזען אַליין; מיר זיינען געגאַנגען ווייטער, אָבער רוהיגער. מיר זיינען פֿערבייגעגאַנגען פֿערביי דעם פֿיש טייך, אַ שטיק אַוועק פֿון דעם קאַנאַל, וואו די בוימער זיינען געשטאַנען רעגעלמעסיג. דאָס געוויין איז נאַטירליך געוואָרען דייטליכער, וואָס נעהענטער מיר זיינען צוגעקומען, און ענדליך האָבען מיר עס געהערט אויסגעמישט מיט אַנדערע שטימען. די שטימען פֿון׳ם פֿאָטער און פֿון דער מוטער; זיי זיינען אַלזאָ דאָך געוועזען די ערשטע.

אַז מיר זיינען צוגעקומען גאַנץ נאָהענט, אַזוי אַז מיר האָבען

געקענט דורכקוקן צווישן די בוימער, האָבן מיר דערזעהן צוויי שוואַרצע מאַסן, וועלכע זיינען געווען אָנגעשפּאַרט אָן עטוואָס הויכעס, ווייסעס; דאָס זיינען געווען דער פֿאָטער און די מוטער אויף די קניע, יעדער פֿון זיי האַלטענדיג איינס פֿון די קינדער צוגעטוליעט צו זיך; הינטער זיי איז געווען אַ שנעע-פֿעסטונג אָדער אַ צופֿאַלען שנעע-הייזעל; דאָרט אַלזאָ האָבן זיך די אינגלאַך געוואָלט בעהאַלטען פֿאַר דער ביטערער קעלט. אַז די לאַמטערנעס זיינען צוגעקומען נעהענטער, האָבן מיר נעזעהן, ווי מורא'דיג פֿערפֿרוירען און פֿערגליווערט זיי זיינען געווען; זיי זיינען געווען בלוי, די פֿינגער שטייף, זיי האָבן זיך ניט געקענט האַלטען אויף די פֿיס; זיי האָבן ניט געהאַט קיין מיצען; וואַהרשיינליך זיינען זיי געלעגען אין שנעע-הויפֿען, אויב זיי האָבן זיי געהאַט מיט זיך. אויף די פֿראַגען אָדער די לאַסטשערייען פֿון די עלטערן האָבן זיי גאָרנישט געענטפֿערט, קיין איין איינציג וואָרט האָבן זיי ניט גערעדט, בלויז וויינען, וויינען. מיר זיינען גע-שטאַנען אַרום זיי, סטינאַ האָט געשלוכצט הויך אויף'ן קול. דאָס געוויין פֿון די קינדער און די קלאָגען, פֿראַגען און צערטליכקייטען פֿון די עלטערן, אויסגעמישט מיט פֿרייד און פֿערצווייפֿלונג: דאָס איז געווען אונגעהייער ריהרענד.

אַטלונג האָט זיך אויפֿגעהויבען און גענומען זיין אינגעל; ס'איז געווען דער עלטערער. פֿרוי אַטלונג האָט זיך אויך אויפֿגעהויבען און גענומען איהרען. עטליכע האָבן זיך אָנגעבאָטען איבערצונעהמען ביי איהר דעם אינגעל; אָבער זי האָט ניט געענטפֿערט, נאָר געגאַנגען ווייטער מיט איהם, טרייסטענדיג, וויינענדיג, זיך ניט אָבשטעלענדיג אויף קיין איין רגע, ביז זי האָט זיך אויסגעגליטשט און איז אַנידער-געפֿאַלען, דער אינגעל אונטען און זי איבער איהם. זי האָט ניט געוואָלט האָבען קיין שום הילף, נאָר איז אַליין אויפֿגעשטאַנען מיט'ן אינגעל אויף'ן אָרם, איז געגאַנגען ווייטער און ווידער אַנידערגעפֿאַלען.

דאָ האָט זי אַרויפֿגעקוקט צום הימעל, אָקוראַט ווי זי וואָלט פֿרעגען, ווי דאָס האָט גאָר געקענט פּאַסירען, ווי איז דאָס פֿאָרט מעגליך?

ווען איך דערמאָן זיך איצט אָן איהר, אין איהר גלויבען און איהר הילפֿלאָזיגקייט, זעה איך זי אימער אַזוי פֿאַר מיר, דער

אינגעל אויסגעשטרעקט לעבען איהר אין שנעע, זי קניענדיג איבער איהם, און מיט טרעהרען און פֿראַגען אַרויפֿקוקענדיג צום הימעל.

איינער האָט אויפֿגעהויבען דעם אינגעל, און סטינאַ האָט איהר געהאָלפֿען אויפֿשטעהן. נאָר אַז דער אינגעל איז גענומען געוואָרען אויף אַן אַנדער אָרם, האָט ער אָנגעהויבען וויינען: „מוטער! מוטער!" און האָט אויסגעשטרעקט דיביידע שטייפֿע, פֿערגליווערטע הענד צו איהר. זי האָט איהם ווידער געוואָלט נעהמען, נאָר דער מאַן, וואָס האָט איהם געטראָגען, איז שנעל אַוועק פֿאָראויס און האָט זיך געמאַכט ניט הערענדיג. אָבער קוים זיינען זיי נור אַרויף אויף'ן פֿוס־וועג, האָט זי זיך אונטערגעאיילט, איז צוגעלאָפֿען צו דעם מאַן, און מיט צערטליכע ווערטער האָט זי ווידער גענומען דעם אינגעל אין איהרע אָרעמס. אַמלונג איז שוין ניט געווען צו זעהן.

איך האָב געלאָזען אַלעמען געהן פֿאָראויס.

נאָר אַז איך האָב זיי געזעהן אַ שטיק וועגס פֿאַר מיר אין שנעע־נעבעל צווישען די ביימער און געהערט פֿון ווייטען דאָס געוויין און די טרייסט־ווערטער... דאַן בין איך ווידער פֿערזונקען אין דעם ים פֿון מיינע פֿריהערדיגע געדאַנקען.

VII

איך האָב פֿערלאָזען סקאָגסטאַד גלייך אויף'ן שטעל, זיך ניט געזעגענט אפילו מיט די עלטערן, וועלכע זיינען געווען ביי די קינדער. כ'האָב געקראָגען אַ פֿערד ביז דער ערשטער סטאַנציע אויף'ן וועג אין שטאָדט אַריין, און אין אַ ווײלע אַרום בין איך לאַנגזאַם געפֿאָהרען אויף'ן שאָסיי. דורך דעם שנעע, וואָס איז פֿאַר דער צייט אָנגעפֿאַלען, איז דער וועג געוואָרען שווערער צו פֿאָהרען, איידער אַהער־צו. שטיקלאַך שנעע האָבען נאָך אַרומגעשוועבט אין דער לופֿט; נאָר וואָס ווייטער איז דער הימעל געוואָרען אַלץ ריינער און דאָס ליכט פֿון דער לבנה אַלץ שטאַרקער. ס'איז געפֿאַלען אויף דעם שנעע־בעדעקטען וואַלד, וועלכער איז נאָך דאָ געשטאַנען אונגעריהרט אין זיין פֿאַנטאַסטישער מאַכט.

איך בין געווען מיעד, און אַזוי איז אויך געווען די שטימונג מיינע. דער וואַלד איז געשטאַנען אונטער'ן שנעע ווי אַן איינגעבויגען, אונטערדריקט פֿאָלק; ער האָט געטראָגען אויף זיך אַ שווערערע משא ווי ער האָט געקענט. דאָך גערולדיג, בוים ביי בוים, כסדר אָהן אַן ענד. ס'איז געווען דאָס פֿאָלק פֿון פֿערגאַנגענע צייטען ביז היינט, דאָס בעשטויבטע פֿאָלק. יענער „פֿון הימעל געפֿאַלענער, באַרמהאַר־ציגער שנעע"...

און אַזוי ווי עס האָט פּאַסירט מיט אַלע בילדער, אָנגעפֿאַנגען פֿון די סאַמע עלטעסטע, וואָס מיר קענען, אַז אַ טהייל פֿון זיי האָבען זיך בעפֿרייט פֿון דעם, וואָס זיי האָבען פֿאָרגעשטעלט, און גע־קראָגען אַ זעלבסטשטענדיג לעבען, — אַזוי איז עס אויך געגאַנגען מיט מיין בילד. איך האָב געזעהן די פֿערשוואונדענע דורות איינגע־

הילט אין אַ נעבעל פֿון שטויב; מחמת דעם האָבען זיי געקעמפּפֿט איינע מיט די אַנדערע און זיך געטויטעט מיליאָנען־ווייז. שטענדיג איז אימיצער געשטאַנען און געשאָטען שטויב, אַלץ מעהר שטויב איבער זיי, אָפּט זיינען עס געווען גאָר ליעבליכע, פֿיינע נשמות, וועלכע האָבען דערמיט געטהאָן דאָס שעהנסטע און דאָס העכסטע, וואָס זיי האָבען נור געקענט אויסטראַכטען.

אָבער איך האָב געזעהן, אַז אַלע פֿערהעלטענישען פֿון לעבען, זאָגאַר די געזונדעסטע, זיינען בעצויגען מיט אַ שיכט פֿון שטויב, און איך האָב עס געזעהן: צו וועלען בעפֿרייען די מענשהייט דערפֿון, — דאָס איז דער גרעסטער אָדער דער איינציגער אויפֿרוהר פֿון דער וועלט.

און אַז איך בין מיעדער געוואָרען, און אָט די געדאַנקען זיינען אַוועק פֿון מיר, בעת ווען דאָס נור וואָס איבערגעלעבטע איז פֿון דאָס ניי אַרויפֿגעשוואומען, האָב איך דייטליך געהערט אַ געוויין אין אַ שנעע־שטויב, וועלכער איז שוין מעהר ניט געפֿאַלען; עס זיינען גע־ווען די אינגלאַך, וועלכע איך האָב געהערט.

די צוויי אָרעמע קינדער האָבען געגלויבט, וואָס די דערוואַקסענע האָבען מיט זיי געלערענט. זיי האָבען געגלויבט אין וועזענס, וועלכע זיינען פֿריינדליכער ווי אונזערע, אין אַ לעבען, וואָס איז וואַרעמער איידער אונזערס; מחמת דעם האָבען זיי דאָ אַריבערגעטראָגען די קעלט און אונטער טרעהרען און אַנגסט האָבען זי שטאַנדהאַפֿטיג געוואַרט. אַז דער דונער האָט געקראַכט, האָבען זיי פֿילייכט מיט ציטערניש ערוואַרט די פֿערוואַנדלונג פֿון זייער וועזען, נאָר זיי זיינען בלויז בעגראָבען געוואָרען.

איך בין אַרויסגעקומען פֿון וואַלד און געפֿאָהרען ביים ראַנד צו דער סטאַנציע. אַז איך האָב זיך אין אַ ווילע אַרום אויפֿגעהויבען און געוואָרפֿען אַ בליק איבער די בוימער, זיינען זיי געווען בעגאָסען פֿון לבנה־ליכט; אַצונד איז זעהר ליכטיג געוואָרען...

...אַ חלום ווייט איבער אַלע פֿעלקער, ענטשטאַנען לאַנג פֿאַר וועלכע עס איז וועלט־געשיכטע, אין אַ שטענדיג נייער געשטאַלט, איינער פֿון׳ם אַנדערן, און כסדר אַזוי, אַז דער לעצטער ליגט לייכטער איבער׳ן לעבען איידער דער, וואָס פֿאַר איהם, און פֿערדעקט אויך וויינינגער דערפֿון.

דאָס אונפֿערשטענדליכע וועט אַלע צייטען בלייבען, און דאָס אונענדליכע אויך; אָבער דאָס דאַרף אונז שוין מעהר ניט שרעקען און פֿערדעקען; — מיט עהרפֿורכט זאָל עס אונז אָנפֿילען און ניט מיט שטויב.

איך בין ווידער געזעסען אין שליטען, און דער מאָנאָטאָנער גערויש פֿון די גלעקלאַך האָט מיך געמאַכט שלעפֿעריג. און אַצונד האָט דאָס געוויין פֿון די אינגלאַך צוזאַמען מיט די גלעקלאַך אָנגע־הויבען זינגען פֿאַר מיינע אויערן. און אין מיין מיעדקייט האָב איך געמוזט דיינקען מכח דעם, וואָס עס וועט אַצונד וויטער זיין מיט די צוויי קינדער, און ווי עס וועט אין דער קומענדער צייט אויסזעהן אין סקאָגסטאַד, אין קראַנקען צימער און ביי די, וועלכע איך האָב נור וואָס פֿערלאָזען.

אָבער ווי פֿערשיעדען איז געווען דאָס, וואָס איך האָב דעמאָלט געטראַכט, פֿון דעם, וואָס עס איז שפּעטער געשעהן!

כ'האָב זיך געמוזט דערמאָנען אָן דעם, ווען איך בין אין צוויי מאָנאַטען אַרום געפֿאָהרען אויף דעם זעלבען וועג מיט אַטלונג'ן, און דער דאָזיגער האָט מיר דערצעהלט, וואָס עס איז געשעהן. דעמאָלט בין איך אָנגעקומען פֿון אויסלאַנד, און ער איז געקומען אין שטאָדט מיך אַרויסנעהמען צו זיך.

און אַצונד, ווען איך דערצעהל עס דאָ איבער, איז דאָס ניט מיט זיינע ווערטער; וואָרים דערצו וואָלט איך ניט געווען אימשטאַנד; נאָר וואָס ער האָט דערצעהלט, איז פֿאָלגענדעס:

די אינגלאַך האָבען געקראָגען פֿיבער, וואָס איז אַריבער אין לונגען־ענטצינדונג. אַלע האָבען פֿון אָנהויב אָן געזעהן, אַז די קראַנק־הייט האָט גענומען אַ שלעכטע ווענדונג; אָבער פֿרוי אַטלונג איז געווען אַזוי איבערצייגט, אַז אַלצדינג איז געשעהן, כדי די אינגלאַך איהרע זאָלען בלייבען ביי איהר אין דערהיים, אַז די אַנדערע האָבען אויך אָנגעהויבען גלויבען אין דעם.

ווי שווער די קראַנקהייט זאָל ניט ווערן, — זי וועט בלויז פֿיהרען צו גליק און פֿריעדען; אַזוי האָט זי ביי זיך אָבגעמאַכט. שוין אין וואַלד האָט זי ביי דעם מאַן איהרען גענומען דאָס הייליגע וואָרט, אַז זיי זאָלען ניט אַוועקגעשיקט ווערן, נאָר אַ הויז־לעהרער זאָל

קומען און ווי האָבען אונטער זיין שטענדיגער אויפזיכט. און ביי די בעטען פון די קראַנקע האָט ער איהר אָט די שבועה ווידערהאָלט אַזוי אָפט ווי זי האָט נור געוואָלט, ווען זיי האָבען זיך דאָרט געפונען צוזאַמען אין די לאַנגע נעכט און אין די שטילע טעג. קיינמאָל איז זי ניט געווען שעהנער; קיינמאָל האָט ער זי ניט געליעבט מעהר ווי איצט. זי איז געווען אויסער זיך פאַר בעגייסטערונג. זי האָט זיך פערטרויט פאַר אַטלונג'ן, אַז פון'ם ערשטען מאָל אָן, ווען ער האָט מיט אַ האַלב יאָהר צוריק געזאָגט, אַז די אינגלאַך מוזען אַוועק פון הויז, האָט זי געבעטען גאָט, ער זאָל ניט דערלאָזען דערצו; כסדר, אָהן אויפהער האָט זי איהם וועגען דעם געבעטען און אין דער גאַנצער צייט וועגען קיין אַנדער זאַך ניט. זי האָט געוואוסט, אַז דאָס, וואָס מען בעט אין יעזוס נאָמען, דאָס ווערט ערפילט. זי האָט עס שוין פריהער מעהר ווי איין מאָל געטהאָן; און אימער איז איהר תפלה דערהערט געוואָרען. דאָס מאָל האָט זי גענומען איהר פאָטער צו הילף, און צולעצט אויך סטינאַ'ן;ביידע האָבען איהר צוגעזאָגט, אַז זיי וועלען אויך בלויז דערפאַר בעטען גאָט. ס'איז איהר אויף קיין איין מאָמענט ניט איינגעפאַלען, אַז עס זיינען נאָך דאָ אַנדערע וועגען, ווי אַזוי צוצוקומען צום ציעל; צום ביישפיעל: אַזוי וויים ווי איהרע כוחות האָבען איהר געדיענט און איהר גלויבען האָט עס ערלויבט צו שטודירען אַטלונג'ס מיינונגען איבער ערציהונג, און צוזאַמען מיט איהם מאַכען די פראָבע, אַזוי אַז מען וואָלט געקענט זעהן, צי זיינען זיי אַקאָרשט ביידע ניט אימשטאַנד צו ערפילען די אויפגאַבע. זי האָט גלייך פון אָנהויב אָן אָבגעמאַכט ביי זיך, אַז זיי וועלען עס לחלוטין ניט קענען; וואָס קען זי טהאָן? גאָט אָבער קען, ווען ער וויל. ס'איז דאָך זיין אייגענע זאַך, אי דאָס אין אַסך אַ העכערן גראַד, ווי וואָס פאַר עס איז אַנדער זאַך, ביי וועלכער ער האָט פריהער אויסגעהערט איהר געבעט, אַזוי אַז זי איז געווען זיכער ביי זיך, אַז ער וועט עס טהאָן. יעדע פאַסירונג, יעדער מענש, וואָס איז געקומען אויף'ן הויף, האָט זי געמיינט, איז פון גאָט געשיקט; אויף וואָס פאַר עס איז אופן האָבען זיי געמוזט זיין אַ גליעד אין דער קייט פון די געשעהענישען, וואָס האָט אַרויפגעבראַכט אַטלונג'ן אויף אַנדערע געדאַנקען. בעת זי האָט דאָס אין איהר נאַאיוויטעט

און אין איהר גלויבען דערצעהלט אַטלונג'ן, האָט ער געפיהלט, אַז על כל פנים קיין מענשליכע מאַכט איז ניט אימשטאַנד איהר בייצוקומען. ער איז אַליין אַזוי וויט מיטגעריסען געוואָרען פון איהר גלויבען, אַז ניט נור איז ער געווען פעסט איבערצייגט, אַז די קינדער וועלען געזונד ווערן, נאָר ער האָט זאָגאַר ניט בעמערקט, ווי קראַנק זי אַליין איז געווען.

דאָס לאַנגע אויפהאַלטען זיך אין פאַרק אָהן איבער־קליידער און מיט נאַסע פיס; דער אויפגערעגטער זעעלען־צושטאַנד און דאָס אויף־זיין גאַנצע נעכט נאָכאַנאַנד; דאָס ניט קוקען אויף זיך אַליין, אַזוי אַז זי האָט זיך גאָר פערגעסען אָן עסען און טרינקען, יאָ, ניט געהאַט אפילו דאָס בעדירפנים דערצו... אָט דאָס אַלעס האָט ענדליך אויסגעשעפט אַלע איהרע כוחות.

אָבער די ערשטע סמנים פון דער קראַנקהייט זיינען צונויפגעפאַלען מיט איהר עקסטאַז, מיט איהר מערקווירדיגען צושטאַנד פון בעגייסטערטער אויפרעגונג; ניט זי און ניט די אַנדערע האָבען זיך אומגעקוקט אויף זיי. ענדליך האָט זי זיך געמוזט אַנידערלייגען אין בעט, נאָר דאָך האָט אויף איהר גערוהט אַזאַ פרייד, אַזאַ גליקזע-ליגקייט, אַז די אַנדערע האָבען גאָר קיין צייט ניט געהאַט צו ווערן אונרוהיג איבער איהר; איהר ריידען פון היץ, איהרע פיבער־פאַנטאַ־זיעס האָבען זיך צונויפגעגאָסען מיט איהר לעבען, מיט איהרע ווינשען, מיט איהר גלויבען; אָפטמאָל איז גאָר שווער געווען זיי צו אונטער־שיידען. אַלע האָבען פערשטאַנען, אַז זי איז קראַנק, נאָר ניט, אַז דאָ איז פאַרהאַן אַ געפאַהר. דער דאָקטאָר איז געווען איינער פון יענע, וואָס ריידען ניט גערן; אָבער אַז עס וואָלט געווען וואָס פאַר עס איז סכנה, וואָלט ער נאַטירליך גערעדט. סטינאַ האָט גענומען אויף זיך, זי צו פלעגען, און זי האָט געלעבט אין איהרע אייגענע טרוימען און האָפנונגען, און טאָמער האָט אַטלונג אַרויסגעוויזען וואָס פאַר עס איז אונרוהיגקייט, פלעגט זי איהם פערזיכערן, אַז עס איז גאָר ניטאָ וואָס מורא צו האָבען.

נו, קומט ער איינמאָל מיטאָג-צייט פון די פאַבריקען אַהיים, וואַרעמט זיך אָן און געהט אַרויף אין גרויסען זאַאַל, וואו זיי זיינען אַלע צוזאַמען געלעגען; וואָרים די מוטער האָט געוואָלט זיין דאָרט,

וואו די קינדער זיינען געווען. איהר בעט איז געשטאַנען אַזוי, אַז זי האָט זיי ביידען געקענט זעהן. ער איז אַריין שטילערהייט. ס'איז געווען גוט און היימליך אין צימער, און אַ טיעפער פריעדען האָט דאָרט געהערשט. אַזוי וויים ווי ער האָט אויף'ן ערשטען בליק געקענט זעהן, איז אַחוץ די קראַנקע קיינער ניט געווען אין צימער; שפּעטער האָט ער אויסגעפונען, אַז די וועכטערין איז איינגעשלאָפען אין אַ גרויסען שטוהל, וועלכען זי האָט צוגערוקט אין אַ ווינקעל לעבען אויווען. ער האָט זי ניט אויפגעוועקט; ער האָט פערבראַכט אַ ווייל ביי יעדען פון די אינגלאַך, וועלבע זיינען אָדער געשלאָפען אָדער געלעגען אין אַ האַלב־שלאָפענדען צושטאַנד, און פון זיי איז ער צוגעגאַנגען צו דעם בעט פון זיין געליעבטער פרוי, צופריעדען, וואָס אויך זי איז געלעגען רוהיג, אָדער פיליכט גאָר געשלאָפען; וואָרים ער האָט ניט געהערט איהרע רייד, וואָס זי פלעגט געוועהנליך ריידען פון היץ צו זיך אַליין.

דאָס פענסטער איז געווען פערשטעלט מיט עפּעס; ער האָט ניט געזעהן גאַנץ קלאָהר, וואָס פאַר איהם טהוט זיך, איידער ער איז צוגעקומען נעהענטער. זי איז געלעגען מיט אָפענע אויגען, נאָר איין טרעהר נאָך דער אַנדערער האָט זיך איהר אַרונטערגעקאַטשעט איבער די באַקען . . .

„וואָס איז דיר?" האָט ער מיט אַ שעפּטשענדער, דערשראָקענער שטימע געפרעגט. ביי איהר פערענדערטער שטימונג האָט ער מיט אַמאָל דערזעהן, ווי אָבגעשוואַכט, ווי שרעקליך אָבגעשוואַכט זי איז געווען. ווי אַזוי האָט ער עס פאָרט ביז אַהער ניט געזעהן? אָדער האָט ער עס געזעהן און איז אויף אַזוי וויים געווען בעאיינפלוסט פון איהר זיכערקייט, אַז ער האָט עס געהאַלטען פאַר אונבעדייטענד? אַ רגע האָט ער געפיהלט אַזוי שלעכט, אַז ער האָט געמיינט, אָט, אָט פאַלט ער אום; אָבער זיין אַנגסט פאַר איהר לעבען האָט איהם געגעבען קראַפט.

אַזוי גיך ווי ער איז נור געווען אימשטאַנד דערצו, האָט ער שטילערהייט געפרעגט: „וואָס איז דיר, אַמאַליע?"

„כ'דערקען אויף דיין פנים, אַז דו ווייסט עס," האָט זי נעענט־פערט לאַנגזאַם און שעפּטשענדיג; איהרע ליפּען האָבען געציטערט,

די אויגען איהרע האָבען זיך אָנגעפּילט און אויסגעלײדיגט, װײטער אָבער איז זי געלעגען גאַנץ שטיל. איהרע העגד — אַך, װי מאָגער זיי זיינען דאָס געװען; דער רינג איז געלעגען לױז אַרום פינגער, און דאָס האָט ער דאָך שוין פריהער געזעהן; פאַרוואָס זשע האָט ער זיך גאָר ניט געפרעגט, וואָס עס בעדייטעט? — איהרע הענד זיינען געלעגען אויסגעשטרעקט איבער דער לייגג פון קערפּער, װעלכער האָט איהם אונטער דער דעקע און דעם ליילאַך אויסגעזעהן אַזוי מאָגער. די שפּיצען ביי בײדע זייטען זיינען געלעגען אַזוי גלאַט, אָקוראַט ווי זיי וואָלטען זיך ניט גערירט, זינט מען האָט זי איבערגעטהאָן און פריש איבערגעבעט, און דאָס האָט געמוזט געשעהן מיט עטליכע שטונדען צוריק.

„אָבער אַמאַליע!" האָט ער אויסגערופען און זיך אַראָבגעלאָזט אויף די קניע ביי איהר בעט.

„אַזוי האָב איך עס ניט געמיינט." האָט זי געענטפערט מיט אַזאַ שטילען, שעפּטשענדען טאָן, אַז אונטער אַנדערע אומשטענדען וואָלט ער עס ניט געהערט.

„וואָס מיינסט דו מיט „אַזוי", אַמאַליע? . . . אַך, פּרואוו עס זאָגען נאָך אַמאָל, אַמאַליע."

ער האָט געזעהן, אַז זי האָט געוואָלט, נאָר האָט ניט געקענט, אָדער זי האָט זיך בעטראַכט, וואָס צו זאָגען. די אויגען האָבען זיך ווידער אָנגעפּילט מיט טרעהרען, האָבען זיך אָנגעפּילט און אויסגעליידיגט, די ליפּען האָבען געציטערט, נאָר פּונקט אַזוי שטיל ווי דאָס איז געשעהן, אַזוי שטיל איז זי געלעגען. ענדליך האָט זי אויסגעשטעלט די גרויסע אויגען אויף איהם. ער האָט זיך אָנגעבויגען טיעפער צו איהר אַראָב, כדי צו הערען.

„איך האָב זיי ניט געוואָלט אַװעקנעהמען פון — דיר," האָט ער איהר געהערט שעפּטשען ווי פריהער; דאָס וואָרט „דיר" איז געקומען פאַר זיך, און זאָגאַר אין דעם שעפּטשענדען טאָן איז עס געווען איינגעהילט פון אַזאַ צערטליכקייט און שמערץ, וואָס האָט ניט געהאַט קיין גלייכען צו זיך.

ער האָט ניט געוואַגט נאָך אַמאָל צו פרעגען, הגם ער האָט עס ניט פערשטאַנען. ער האָט נור בעגריפען, אַז דעם זעלבען פאָרמיטאָג

האָט עפּעס געמוזט פּאַסירען, וואָס האָט פערוואַנדעלט דאָס לעבען צום טויט. זי איז געלעגען ווי געלעהמט. איהר אונבעוועגליכקייט איז געווען אַ שרעק; עטוואָס אונגעהייער גרויסעס האָט זי שטיל געמאַכט, האָט זי דערשלאָגען, צושמעטערט. אָבער ער האָט אויך בעגריפען, אַז הינטער דער דאָזיגער אָטהעם־שטילער רוה איז פאַרהאַן אַ בעוועגונג, אַזוי גרויס, אַז זי וואָלט געקענט די שטילקייט צוזעצען אויף שטיקלאַך; ער האָט בעגריפען, אַז דאָ ליגט די געפאַהר, אַז זיין געגענוואַרט פערגרעסערט נאָך די געפאַהר, אַז דאָ איז נייטיג הילף, דאָס הייסט, ער האָט איינגעזעהן, אַז ווען ער זאָל אַליין ניט אַוועקגעהן, איז זיין געזיכט, ווי עס האָט איצט געמוזט אויסזעהן, גענוג זי צו טויטען. ער ווייסט ניט, ווי ס'איז צוגעגאַנגען. ער קען זיך דערמאָנען, אַז ער איז געווען אויף אַ טרעפּ; וואָרים עס קומט איהם אַרויף אויף'ן זינען אַ בילד, וואָס זי אַליין האָט דאָרט אויפגעהאַנגען, דער הייליגער קריסטאָפאָר, וועלכער טראָגט אַריבער דאָס קריסטוס־עופה'לע איבער אַ טייכעל. געקומען ווידער צו זיך איז ער אויף דער זאָפאַ אין דער גרויסער שטוב מיט אַ פייכטער זאַך אויף'ן שטערן און אַ פּאָר מענשען לעבען זיך, פון וועלכע איינע איז געווען סטינאַ. אַ היבשע ווייַלע האָט ער געקעמפּפט ווי מיט אַ בייזען חלום. דערזעהענדיג סטינאַ'ן, האָט זיך זיין טויט־שרעק ווידער אומגעקעהרט צו איהם. „סטינא, וואָס מאַכט אַמאַליע?" — זי איז געלעגען אין פיבער.

„אָבער וואָס האָט פאָרט היינט פאַרמיטאָג פּאַסירט, ווען איך בין ניט געווען אין דערהיים?" סטינאַ האָט גאָרנישט געוואוסט. זי האָט אפילו זיין פראַגע ניט פערשטאַנען. זי האָט היינט פאַרמיטאָג ניט געהאַט די פלעגע פון דער גנעדיגער פרוי; זי איז אויף געווען די גאַנצע נאַכט ביי איהר, און דאָ איז די קראַנקע געלעגען אין גליקזעליגע פיבער־פאַנטאַזיעס, פּונקט אַזוי ווי איצט. צי איז דער דאָקטאָר געווען ביי איהר פאַרמיטאָג? ניין, מען האָט איהם ערוואַרט. ער האָט נעכטען געזאָגט, אַז היינט וועט ער קומען אַביסעל שפּעטער. דאָס האָט געהייסען, אַז דער דאָקטאָר זעהט קיין שום געפאַהר ניט ביי דער קראַנקער.

צי האָט זיין פרוי ניט גערעדט מיט וועמען עס איז? — דאַן

האָט עס נור געקענט זיין מיט דער ווערטערין. — „רוף זי אַהער!"
— סטינאַ איז אַוועק; ער האָט אויך אַוועקגעשיקט די אַנדערע, וועלכע איז דאָ געווען; ער האָט געפֿיהלט, אַז ער מוז אַ ווײַלע בלייבען אַליין. ער האָט זיך אַנידערגעזעצט, איינגעגראָבען דעם קאָפּ אין די הענד, און איידער ער האָט נאָך געוואוסט, ווי אַזוי ס'איז איהם געקומען, האָט ער אויסגעבראָכען אין ביטערע טרעהרען. ער האָט זיך צוגעהערט צו זיין אייגענעם שלוכצען אין דעם גרויסען צימער, און אַ שוידער איז איהם אַריבער איבער'ן לייב. ער האָט עס גע־פֿיהלט, — אָה, ער האָט געפֿיהלט, אַז ער וועט דאָ זיצען איינער אַליין און עס וואָכען־לאַנג הערען. און ביי דעם געדאַנק אָן דעם מורא'דיגען פֿערלוסט איז איהר בילד אַרויס קלאָהר פֿאַר זיינע אויגען; זי איז געקומען אין איהר ווייסען קלייד ווי פֿון בעט אַרויס און האָט איהם געזאָגט וואָרט פֿאַר וואָרט, וואָס זי האָט געמיינט. איהר געבעט צו גאָט איז געווען, אַז די אינגלאַך זאָלען בלייבען מיט איהר צוזאַ־מען, און אַצונד איז די תפלה איהרע אויף אַזאַ מורא'דיגען אופֿן דערהערט געוואָרען; וואָרים אַצונד מוז זי זיי מיטנעהמען מיט זיך אין קבר. אָט דאָס איז עס געווען, וואָס האָט זי געלעהמט. און דאַן האָט זי ווידערהאָלט: „אַזוי האָב איך עס ניט געמיינט; איך האָב זיי ניט געוואָלט אַוועקנעהמען פֿון — דיר."

ווי איז איהר דאָס מיט איין מאָל איינגעפֿאַלען? פֿאַרוואָס איז איהר פֿעסטע זיכערקייט מיט איין מאָל פֿערוואַנדעלט געוואָרען אין אַזאַ מין שוידערליכען געדאַנק?

די ווערטערין האָט גאָרנישט געוואוסט. בעגינען צו טאָג איז די קראַנקע פֿערזונקען אין שלאָף, און וואָס ווייטער איז אָט דער שלאָף געוואָרען אַלץ רוהיגער. אַז זי האָט זיך אויפֿגעכאַפּט איז שוין געווען גרויסער טאָג; זי איז נאָך געלעגען אַ ווײַלע, איידער מען האָט אי־בערגעבעט דאָס בעט. זי איז געווען אויסערגעוועהנליך שוואַך; די הויז־פֿרוי האָט דערביי געהאָלפֿען. קיינער האָט מיט איהר ניט גע־רעדט איבער איהר צושטאַנד, קיין איין וואָרט ניט. אַליין האָט זי אויך גאָרנישט געזאָגט, בלויז איינמאָל; אַז מען האָט איהר דערלאַנגט אַביסעל זופּ, האָט זי געזאָגט: „אַך ניין, לאָזט נור." דאַן האָט זי זיך צוריק געלייגט און צוגעמאַכט די אויגען. זיי האָבען איהר געבעטען

עסען, נאָר זי האָט ניט גענענטפערט. האָבען זיי געוואַרט נאָך אַ ווײלע, דאַן האָבען זיי איהר צורוה געלאָזט.

פאַרנאַכט איז די היץ געשטיגען; אויף דעם דאָקטאָר'ס ראַטה האָט מען זי אַרויסגעטראָגען אין צווייטען צימער. דאָס האָט זי אָנ־גענומען, עפּעס אַזוי ווי מען וואָלט זי אַריינגעטראָגען אין גן עדן, און זי האָט דערביי צוגעזונגען מיט אַ שוואַכער, הייזעריגער שטימע. אַצונד האָט זי אויך גערעדט כסדר, אָהן אויפהער; אָבער אַחוץ יענעם מזמור וועגען דעם גן עדן איז אין אַלע איהרע רייד ניט געווען קיין שום וואָרט, וואָס זאָל אָנדייטען, אַז זי געדיינקט וואָס עס איז פון דעם, וואָס זי האָט געטראַכט בשעת זי איז געווען ביים זינען. איצט איז אַלצדינג ווידער געווען גליק און שמייכעל. בעגינען צו טאָג איז זי אַנשלאָפען געוואָרען; גלייך נאָכדעם האָט זי זיך אויפגעכאַפּט, און באַלד האָט זיך יענער מורא'דיגער שמערץ איינגעשטילט; נאָר טאַקע גלייך אויף'ן שטעל האָט זיך אָנגעפאַנגען דער טויטעס־קאַמפּף, די גסיסה. אין דעם צושטאַנד איז זי געוואָהר געוואָרען, אַז די בעטען פון די אינגלאַך זיינען ניטאָ לעבען איהר. זי האָט אַ קוק געטהאָן אויף אַטלונג'ן און אויפגעעפענט איהר האַנד, אַזוי ווי זי וואָלט גע־וואָלט האָבען זיינע. ער האָט זי פערשטאַנען; זי האָט געמיינט, אַז די קינדער זיינען אַוועק פאַר איהר אין קבר, און זי האָט איהם גע־וואָלט טרייסטען. מיט אָט דער קליינער, קאַלטער האַנד אין זיינער און מיט איהר שטילען קראַמפּף בעת'ן קאַמפּף מיט דעם מלאך המות, — אַזוי איז ער געזעסען ביז עס איז געקומען דער סוף.

דאַן אָבער האָט ער זיך גאָר אין גאַנצען אַריינגעוואָרפען אין די הענד פון זיין מורא'דיגען שמערץ. ער האָט שוין מעהר ניט געפרעגט, ווי דאָס איז צוגעגאַנגען, אָדער וואָס עס איז יענעם פאַרמיטאָג גע־שעהן; אַצונד האָט ער עס געוואוסט: — ס'איז גאָרנישט גע־שעהן. אַ נייער איינפאַל, ווייטער גאָרנישט. פונקט אַזוי אומגעריכט ווי דער ערשטער איז געקומען, אַז איצט וועט אַלעס גוט ווערן און די קינדער וועלען אימער בלייבען לעבען איהר, אַזוי אומגעריכט איז געקומען דער צווייטער, אַז דאָרט אויבען אין דער אייביגקייט דאַרף זי זיך מיט זיי פעראייניגען. איין טאָג האָט זי זיך אַליין געגעבען דאָס לעבען; דעם אַנדערן האָט זי זיך אַליין געמאַכט דעם טויט.

און גענען דעם איז גאָרנישט געווען צו טהאָן?

אָה, וואָסערע פּאָרווירפע ער האָט זיך דאָס איצט געמאַכט, וואָס ער האָט איהר געלאָזט לעבען אַזאַ ווייך און געפעהרליך פאַנטאַזיע־לעבען; וואָס ער האָט איהר געלאָזט טראָגען די לאַסטען פון'ם הויז און זאָרגען פאַר די ערציהונג פון די קינדער, אָבער אָהן אַ שום געמיינשאַפט אין גייסט און ווילען; וואָס ער האָט איהר האַלב מחמת איינזעהן, האַלב פון בעקוועמליכקייט וועגן נאַכלעסיג געלאָזט שטעהן דאָרט, וואו ער האָט זי געפונען, זיך אונטערהאַלטען מיט איהר, ווען עס איז איהם איינגעפאַלען, אָבער ניט געמאַכט קיין פערזוך צו אַרבייטען מיט איהר צוזאַמען; — דאָס איז עס געווען, מיט וואָס ער האָט זיך אַליין געפייניגט אָהן טרייסט, אָהן פערגעבונג; וואָרים דאָס איז עס געווען, פון וואָס זי איז געשטאָרבען.

איין נאַכט, בעת ער האָט אַרומגעוואַנדערט אויף דרויסען אונטער אַ קלאָהרען, אויסגעשטערענטען הימעל, זיינען געקומען די ערשטע טרייסטענדע געדאַנקען. וואָלט זי דען ווען עס איז אויפגעגעבען איהרע קינדליכע אידעען, כדי אָנצונעהמען די זייניגע? וואָלט דען דער בלויזער פערזוך פונאַנדערצוטרייסלען אָט די אידעען איהרע זיי ניט אונגליקליך געמאַכט? זיי אין גאַנצען צושיידט איינס פון אַנדערן? דאָס האָט ער דאָך אימער געגלויבט, און דאָס האָט דאָך איהם געפיהרט צו דעם בעשלוס צו לעבען זיין לעבען, בעת ווען זי האָט זיך געלעבט דאָס איהריגע.

ס'איז געווען מערקווירדיג, ווי ער האָט אַזוי איין רגע צונויפגעזוכט אַלצדינג, וואָס האָט נאָך געקענט פערגרעסערן זיין שולד גענען איהר, און אין אַ רגע אַרום זיך בערוהיגט, אַז עס וואָלט געווים גאָרנישט גענוצט, זי אַרויפצופיהרען אויף'ן ריכטיגען וועג; עס וואָלט אפשר נאָך געשאַדעט.

שפּעטער האָט ער ביי געלעגענהייט געזאָגט, אַז זיין שולד גענען איהר און די קינדער ליגט אויך אין אַנדערע זאַכען, וועלכע זיינען צאָהלרייך און שמערצליך גענוג; הגם ניט אין דעם גראַד ווי יענע.

וואָס דאָס איז, האָט ער ניט דערצעהלט; נאָר ער האָט אויסגעזעהן מיט צעהן יאָהר עלטער.

דער דאָקטאָר איז געקומען צו איהם אַ פּאָר טעג נאָך איהר

טויט; ער האָט ערקלעהרט, אַז ער האָט דערפֿאַר גאָרנישט געזאָגט מכח דער געפֿאַהר אין דעם צושטאַנד פֿון זיין פֿרוי, ווייל ער איז געווען זיכער, אַז זי וועט דורכקומען. אָבער יענעם פֿאָרמיטאָג האָט געמוזט וואָס עס איז פּאַסירען.

דאַן האָט דער דאָקטאָר צוגעלייגט, אַז די אינגלאַך זיינען אוי-סער יעדער געפֿאַהר; דער עלטערער איז עס איבערהויפּט די גאַנצע צייט געווען.

ביז איצט האָט אַטלונג די קינדער און די מוטער נאָך אויף קיין איין רגע ניט צושיידט. בעת זייער קראַנקהייט האָט ער מיט איהר מיטגעפֿיהלט, אַז זיי וועלען בלייבען לעבען; אין פֿערלויף פֿון די לעצטע טעג, אַז זיי וועלען מיט איהר אינאיינעם אַראָב אין קבר. ער האָט זיך גאָר ניט געקענט פֿאָרשטעלען די מוטער אָהן די קינדער.

און אַצונד, אַז ער האָט זיי געמוזט צושיידען, איז דאָס ערשטע געפֿיהל געווען, — ניט פֿרייד; ניין, אַ שרעק, אַ שווידערליכער שמערץ איבער דעם, וואָס די געליעבטע איז אייך דערביי געבליבען אָבגע-נאַרט! איהם האָט זיך געדוכט, עפּעס אַזוי ווי זי וואָלט געלעבט און געקענט זעהן, אַז אַלעס איז געווען אַ טעות, און אַז אָט דער לעצטער טעות האָט זי אומזיסט און אומנישט געטויט.

די ביידע שוואַרץ געקליידעטע אינגלאַך זיינען געווען די ערשטע, וועמען מיר האָבען בעגעגענט אויף׳ן הויף. זיי האָבען אויסגעזעהן בלייך און צושראָקען. זיי זיינען אונז ניט אַנטקעגען געקומען, און אויף די צערט-ליכקייטען און די קושען פֿון׳ם פֿאָטער האָבען זיי גאָרנישט געענטפֿערט.

אין קאָרידאָר האָבען מיר אָנגעטראָפֿען סטינאַ׳ן. כ׳האָב איהר אויסגעדריקט מיין אויפֿריכטיגע סימפּאַטהיע. זי האָט געענטפֿערט שטילערהייט, אַז גאָט׳ס וועגען זיינען ניט צו דערפֿאָרשען. ער אַליין ווייסט, וואָס עס איז אָם בעסטען פֿאַר אונז.

אַטלונג האָט מיך מיטגענומען צו דעם פּלאַץ, וואו עס האָבען זיך געפֿונען די קברים פֿון דער פֿאַמיליע, אַ קליינע שטיינערנע קאַ-פּעלע אין אַ וועלדעל ביים טייך. אויף׳ן וועג האָט ער מיר דערצעהלט, אַז יעדעס מאָל, ווען ער וויל ריידען ליעבליך מיט די אינגלאַך און זיך סטאַרען זיין פֿאַר זיי אי פֿאָטער, אי מוטער, קומט עס איהם אָן מורא׳דיג שווער. ס׳מוז קומען ביסלאַכווייז.

אין דער פריינדליכער, קליינער קאפעלע זיינען די טויטענ־קאסטענס געשטאַנען אויף דער ערד. די טהיר איז ניט געווען קיין געוועהנליכע טהיר, נאָר אַן אייזערנע שטאַנגען־וואַנד, וואָס איז יעצט געווען אָפען; מחמת מען האָט אינעווייניג געאַרבייט. מיר האָבען אַרונטערגענומען די מיצען און אַריינגעגאַנגען. דורך דער אַרבייט האָט זיך אָנגעלייגט אַ דינע שיכט פון שטויב אויף די טויטענ-קאָס־טענס; מיר זיינען צוגעגאַנגען צו איהר קליינעם ארון, און מיט׳ן טאַשען־טיכעל האָט אַטלונג אָבגעווישט דעם שטויב; מיר האָבען ניט גערעדט. ערשט אַז איך האָב בעטראַכט די אַנדערע קאַסטענס און די אויפשריפטען, וואָס זיי האָבען געטראָגען, האָט ער מיר מיטגע־טהיילט, אַז ער וויל דעם ארון פון זיין פרוי אַריינשטעלען אין נאָך איינעם, אַ שטיינערנעם. איך האָב דערויף בעמערקט, אַז דורך דעם בעהאַלטען מיר און היטען אָב אונזערע געשטאָרבענע מעהר וויפיעל ס׳איז געזונד צו בעהאַלטען און אָבצוהיטען. „אָבער עס ליגט אַ געוויסער רעספעקט אין דעם,” האָט ער געענטפערט, בעת מיר זיינען אַרויסגעגאַנגען.

אַ גראַד פון וואַרעמקייט אין דער לופט. אַנטקעגען דעם בלוי־ליבען שנעע האָט דער פיאַרד גערוישט מוטהיג און פריש.